STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00924

VI ES GEDENKT ZIKH

S. Bontshek

Permanent preservation of this book was made possible by
Bernie & Naomi Gale Silverman
in memory of
Israel & Esther Silverman and Emanuel & Jean Gold

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ווי עס געדענקט זיך



ש. באָנטשעק

ווי עס געדענקט זיך

תשט"ו — בדפוס ובהוצאת האחים שולזינגר ניו-יורק — 1955

Copyright 1955 by
SHULSINGER BROTHERS
NEW YORK, N. Y.

SHULSINGER BROS. LINOTYPING & PUBLISHING CO.
21 EAST 4TH STREET, NEW YORK 3, N. Y.

גנענדלען —

אַ מתנה

אינהאַלט

פאָרוואָרט IX
מיינע זיידעס 1
מיין טאַטע 7
מיין מאַמע 16
ברידער און שוועסטער 19
די משפחה 25
אין סאָקאָלע 32
פיאַנטניצע 41
„ריבאַקעס" 45
מיר ציען זיך אין אַ שענערער געגנט 50
דאָס הויזגעזינט פון חנא שלייפער 54
אָן אַ היים 59
וואונדערלעכע טויבן און אַ האַלבער רובל 63
מאָדנע פּאַסירענישן אין דער משפחה 69
אין דער הויט פון אַ שומר 75
געסט פון שטאָט 82
אַ דין־תורה מיטן טאַטן 88
אַ לערן־יונג 93
אָפּגעזאָגט פון שטעלע 100
אין דער ראָלע פון טאַטנס שליח 103
וואַרשע 109
מיינע מייסטערס 114
מיין פרומער בעל־הבית מאַכט מיך „קאַליע" 126
די רעוואָלוציע וויל צו אונז אין פאַבריק נישט קומען 131
דער טאַטע קומט קיין וואַרשע 137
די ערשטע „אַגיטאַציע" 140
צו גאַסט אין דער היים 148

איך „פיר אָן״ מיט אַ שטרייק	152
איך בין אַ גנזעלן !	160
מיינע חברים	163
דער פּאָגראָם אויף דער אונטערוועלט	167
אין „בונד״	174
„פּועלי ציון״	179
מיין וועג צום פּועלי ציוניזם	183
איך לערן די פּאַרטייאישע טעאָריע	191
אין דער אַקטיווער לייטונג פון דער פּאַרטיי	196
די פּאַרטיי אַרבעט מעשים	203
די פּאַרטיי נעמט געלט ביים צאַר	210
איך ווער אַ „פּאַרשטייער״	214
וואַרשע ריכט זיך אויף אַ פּאָגראָם	219
דאָס לעצטע מאָל אין דער היים	223
איך געזעגן זיך מיט מיין היים	235

פאָרוואָרט

שוין באַלד דריי צענדליק יאָר, זינט איך שלאָג זיך מיט דער דעה, צי זאָל איך אָפּדרוקן דאָס אָנגעשריבענע מאַטעריאַל אָדער נישט. מיט קנאַפּע 28 יאָר צוריק האָב איך עס אָנגעשריבן אונטער טראַגישע אומשטענדן: מיין משפּחה־לעבן האָט זיך איינגעבראָכן און מיין עלטסטע טאָכטער האָט זיך געפילט באַ׳עוולה׳ט דערפון, וואָס איר יוגנט איז נישט געווען אַזויווי ביי אַנדערע קינדער פון איר עלטער. איך האָב דערפאַר באַשלאָסן אין יענער צייט צו שרייבן פאַר איר די געשיכטע פון מיין לעבן. דאָס האָט איר געדאַרפט באַווייזן, אַז מיין אייגענע יוגנט איז געווען אַ סך טרויעריקער פאַר אירער...

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס האָט געדאַרפט בלייבן אַן אינטימער משפּחה־דאָקומענט און איז נישט געווען באַשטימט צו זען די ליכטיקע שיין. אָבער ווען דער באַנד מאַטעריאַלן איז געלעגן אין שטוב — האָט ער פאַרלאַנגט זיין תיקון און דער מאַנוסקריפּט האָט מיך פּשוט באַ־אומרואיקט. אויך מיין פרוי איז אָנגעשטעקט געוואָרן מיטן זעלבן אומרו. מיר האָבן זיך דערפאַר מיישב געווען מיט עטלעכע נאָענטע פריינט און זיי האָבן מיך דערמוטיקט צום דרוקן דעם דאָזיקן דאָקומענט. די וואַק־לענישן זיינען אייגנטלעך נישט געווען בלויז דערפאַר, וואָס איך האָב דאָ דערציילט אַזויווי פאַר זיך אַליין אַ סך אינטימיטעטן פון דער אייגע־נער וועלט — נאָר אויך צוליב דעם, וואָס ביים אויבערפלעכלעכן לייענען קען עס קלינגען ווי אַ באַשולדיקונג קעגן אַ טייל פון מיין משפּחה און מיין פאָטער בתוכם. מיינע פריינט האָבן מיר אָבער דערקלערט, אַז איך וועל אין דעם פּרט נישט זיין קיין אויסנאָם. עס איז געווען אַ צוזאַמענ־שטויס פון צוויי עפּאָכעס, וואָס האָט אַרויסגערופן צעשפּאַלטונג נישט אין איין אידיש הויז — עס האָבן זיך בלויז געפונען זעלטענע בעלנים צו שילדערן די געשעענישן אַזוי רעאַליסטיש ווי איך האָב עס געטאָן.

דערנאָך האָב איך זיך מיישב געווען מיט מיינע צוויי ניו־יאָרקער ברידער — דעם עלטערן און דעם יונגערן — און זיי האָבן מיר צוגעגעבן אַ סך פאַקטן, וואָס מיר גופא זיינען זיי נישט באַקאַנט געווען. דער

עלטערער האָט זיי געקענט וויסן, ווייל ער האָט בעסער געדענקט די פּרטים און דער יונגערער האָט געוואוסט מער פאַר מיר, ווייל ער איז געבליבן אין דער היים שוין נאָך מיין אָפּפאָרן. איך האָב אָבער נישט געוואָלט אַריינברענגען קיין נייע פאַקטן, וואָס איך גופא האָב זיי נישט מיטגעמאַכט פערזענלעך.

שוין ביים שרייבן, מיט קנאַפּע דריי צענדליק יאָר צוריק, האָב איך די ערשטע צוויי קאַפּיטלען געוויזן מיינע נאָענטע פריינט, צווישן וועלכע עס האָט זיך געפונען א. רעכטמאַן. זיי האָבן מיך דערמוטיקט צום ווייטערדיקן שרייבן און אויך מיין אייגענער אימפּולס האָט מיך פּשוט נישט געלאָזט רוען, ביז דער מאַנוסקריפּט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גאַנצן בוך. ער איז אָבער געבליבן ליגן אַזויפיל יאָרן, ביז איך האָב אים געוויזן חבר מרדכי שטריגלער און ער האָט באַוויליקט אַדורכצוגיין דעם גאַנצן מאַנוסקריפּט, רעדאַגירן די קאַפּיטלען און עצה'ן וואָס יאָ און וואָס נישט אַריינצוגעבן. אויסער דעם האָבן מיינע בעלי בתים און פערזענלעכע פריינט, די ברידער שולזינגער, זיך באַקענט מיטן מאַטעריאַל און באַשלאָסן עס אַרויסצוגעבן אין בוך־פאָרם. האָב איך זיך סומך געווען אויך אויף זייער אַלעמענס מבינות און מסכים געווען צו דער פאַרעפנטלעכונג פון דעם דאָקומענט, וואָס איז לכתחילה נאָר געשריבן געוואָרן פאַר דער ענגער משפחה.

פון די אומשטענדן ביים שרייבן, ווערט במילא קלאָר אַז איך האָב נישט געהאַט בדעה צו פאַרשענערן אָדער פאַרמיאוסן די פאַקטן. איך בין דאָ געווען לגמרי אויפריכטיק מיט זיך אַליין און דערפאַר בלויז געשטיצט זיך אויף מיין אייגענעם זכרון. די קאַפּיטלען אין וועלכע איך שילדער די שטרענגע האַרטקייט פון מיין פאָטער, זיינען לגמרי נישט אויסן געווען אים אַוועקצושטעלן, חלילה, אין אַ טונקל ליכט — פּונקט ווי די לעצטע קאַפּיטלען, אין וועלכע ער וואַקסט אויס אַזוי ליכטיק און דערהויבן, זיינען נישט אויסן געווען אים צו פאַרשענערן, ווייל ער איז מיין אייגענער פאָטער. איןביידע פאַלן האָב איך נאָר געוואָלט איבערגעגעבן די תקופה פון צוזאַמענשטויס צווישן צוויי פאַרשיידענע וועלטן, צוויי באַזונדערע דורות און צוויי באַזונדערע עפּאָכעס. מיין פאָטערס אומגעוויינטלעכע שטרענגקייט האָט נאָר סימבאָליזירט

די „אַלטע״ וועלט מיט איר קלאַמערן זיך אין דער אייגענער עקזיסטענץ דורכן האַלטן אין צוים קודם כל די אייגענע קינדער. צוליב דעם זיינען אַרויסגעקומען אַ סך מיספאַרשטענדענישן, וואָס האָבן רעוואָלטירט כמעט מיין גאַנצן דור פון יוגנט אין יענער רעוואָלוציאָנערער איבער־ברוך־עפּאָכע.

די האַרבע צוזאַמענשטויסן צווישן מיר און מיין פאָטער זיינען דערפאַר בלויז געווען דער קליינער שפּיגל פון דער תקופה אין וועל־כער עס איז אונז בײדע אויסגעקומען צו לעבן. אויב איך האָב דערביי געוואָלט זיין טריי דערווירקלעכקייט און וויניק־וואָס אויסבאַהאַלטן — בין איך אָבער דערפאַר דאָקומענטאַריש טרייער, לויט מיין מיינונג, דער שטימונג פון דער עפּאָכע, ערב 1905. עס איז דערפאַר אויך איבעריק צוצוגעבן, וועלכע געפילן איך האָב היינט — נאָכן אָפּ־לויפן פון העכער אַ האַלבן יאָרהונדערט — צו מיין פאָטער און זיין אָנדענק. די לעצטע קאַפּיטלען פון דאָזיקן בוך דערזאָגן עס סיווי מיט דער גאַנצער אָפנקייט.

ביים סוף וואָלט זיך געפּאַסט אויסצודריקן מיין האַרציקן דאַנק צו אַ סך פערזאָנען אויף מיין וועג, וואָס האָבן מיך דערמוטיקט און איך האָב זיי גאָר פיל צו פאַרדאַנקען פאַר דעם וואָס איך האָב באַוויזן צו דער־גרייכן. אפשר וועל איך עס נאָך טאָן, אויב גאָט וועט שענקען יאָרן און איך וועל קענען דערציילן וועגן מיין אַמעריקאַנער תקופה. דערווייל וויל איך זיך דאָ צופרידנשטעלן מיטן האַרציקסטן דאַנק פאַר מיין ליבער פרוי גענענדל, פאַר איר כסדרדיקן דערמוטיקן מיך אויף מיין לעבנס־וועג און ביים אַרויסגעבן דאָס פאַרליגנדיקע בוך.

ש. באַנטשעק

ניו־יאָרק, מאַי, 1955.



מיין פאָטער

מיין שטיפמוטער חיה

קאַפּיטל איינס

מיינע זיידעס

כמעט יעדער מענטש לעבט מיט דער בענקשאַפֿט זיך צו דערגרונטעווען צו זיינע וואָרצלען. וואָס עלטער ער ווערט, אַלץ מער בייגערט אים צו וויסן: ווי אַזוי איז ער געוואָרן דאָס וואָס ער איז? און וויפֿל ירושה פֿון זיינע אָבות האָט ער מיטגענומען אויף זיין לעבנס־וועג?

איז מקנא צו זיין אַזעלכע, וואָס האָבן יחוס־בריוו אויף צענדליקער דורות צוריק. אָבער ווען איך וויל פֿאַר זיך פֿעסטשטעלן די קייט פֿון מיין יחוס, קען איך עס נישט. עס איז פּשוט דערפֿאַר, וואָס זייענדיק קינדווייז אין דער היים האָב איך וועגן אַזעלכע זאַכן ניט געטראַכט. קען איך איצט בלויז איבערגעבן די געציילטע ברעקלעך, וואָס איך געדענק, אָדער וואָס איך האָב שפּעטער געהערט.

מיין זיידע פֿון טאַטנס צד איז געווען גוט באַקאַנט אין לאָמזשע, וואו מיין פֿאָטער איז געבוירן געוואָרן. ווי דער שטייגער איז געווען אין די פּוילישע שטעט און שטעטלעך, האָט ער אויך געהאַט אַ צונאָמען — אָבער פֿון אַ העכערער מדרגה: הענעך דער מלמד. ער האָט בעיקר געלערנט מיט די בכבודיקע קינדער פֿון חשובע בעלי בתים און די קינדער, וואָס זיינען עטלעכע יאָר אַדורכגעגאַנגען זיין „אינקוויזיציע״, פֿלעגן דערנאָך אָנגענומען ווערן אין דער לאָמזשער ישיבה.

איך באַנוץ זיך מיטן וואָרט „אינקוויזיציע״ אויפֿן סמך פֿון די דערציילונגען, וואָס איך האָב געהערט פֿון זיינע אַמאָליקע תלמידים. דערצו האָב איך געהאַט אַ גוטן ביישפּיל פֿון מיין פֿאָטער, אויך אַ מלמד, וואָס האָט זיך באַרימט, אַז ער איז אַ סך מילדער צו די תלמידים, ווי דער פֿאָטער זיינער.

פֿאַרשטייט זיך, אַז די מעטאָדן פֿון לערנען מיט קינדער זיינען דאַן געווען אַנדערע ווי היינט. מיין זיידע האָט נאָך דערצו געהאַט זיין איי־

געגעם דרך. ער האָט געהאַלטן, אַז אײדער אַ ייִנגל נעמט לערנען גמרא מוז ער קענען תנ״ך פון אויסענווייניק. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז צום תנ״ך האָט דאָס ייִנגל געמוזט געדענקען אַלע דינים פון שולחן־ערוך, וואָס האָבן אַ שייכות צום טעגלעכן לעבן.

דאָס וואָרט „אויסנווייניק" איז ביים זיידן געווען אַ סאָרט מאַניע און זי איז דערנאָך איבערגעגאַנגען בירושה צו מיין טאַטן. אפילו די גמרא מיט תוספות האָבן די תלמידים געמוזט חזרן אויסנווייניק; שוין אָפּגערעדט פון חומש מיט רש״י. די תלמידים, וואָס האָבן געהאַט פעאיקייטן צו באַנוצן מעכאַניש זייערע קעפּ, בכדי צו געדענקען דעם געהעריקן פסוק אָדער בלאַט גמרא — זיינען באַטראַכט געוואָרן פאַר די בעסטע.

דאַנערשטיק און פרייטיק זיינען געווען די שווערסטע טעג פאַר די קינדער. מיין זיידע האָט נישט געהאַלטן פון „פאַרהערן" זיינע תלמידים ביי זייערע עלטערן אין שטוב, ווי אַנדערע מלמדים האָבן עס געטאָן. אויב אַ בעל־הבית האָט געוואָלט וויסן וועלכע פּעולה אין לערנען זיין קינד האָט געמאַכט, האָט ער געמוזט קומען צו אים אין חדר אַריין. מיין זיידע איז דערביי געווען דער גאַנצער בעל־הבית איבערן ייִנגל. גליקלעך איז געווען דער תלמיד, וואָס האָט אויסגעהאַלטן דעם פאַרהער; נאָר ביי אַ שטרויכלונג האָט אים דער אייגענער טאַטע אויך נישט געקענט העלפן. אָבער דעם זיידנס חדר האָט גע׳שמ׳ט איבער דער שטאָט. עס איז געווען אַ באַוואוסטע זאַך, אַז ייִנגלעך וואָס „גייען אַדורך" העגעך דעם מלמד׳ס חדר וועלן שוין „אויסוואַקסן מענטשן".

נאָר די קינדער גופא פלעגן ציטערן פאַר זיין נאָמען. אין אַ סך היימען האָבן זיך אָפּגעשפּילט געגנוג „סצענעס" פון קינדער וואָס האָבן נישט געוואָלט אַנקומען צום זיידן אין חדר אַריין. אוודאי איז דער זיידע געווען אַ שטרענגער מלמד — אָבער צו זיינע אייגענע קינדער איז ער נאָך שטרענגער געווען. ער פלעגט טענה׳ן, אַז אויף פרעמדע קינדער איז ער נישט קיין בעל־הבית. אויב ער איז צו זיי אַביסל שטרענג איז עס בלויז צוליב זייער אייגענער טובה; זיי זאָלן לערנען בעסער. והשנית, פאַרלאַנגען עס פון אים זייערע אייגענע עלטערן. אָבער זיינע

אייגענע קינדער האָט ער שוין גאָר שטרענג געהאַלטן אין צוים. ראשית כל, דערפאַר וואָס זיי זיינען טאַקע ז י י ב ע און שנית דערפאַר, בכדי די תלמידים זיינע זאָלן זען, וויאַזוי די אייגענע קינדער האָבן אויך נישט קיין פּריווילעגיעס ביי אים.

די דאָזיקע פּרטים האָב איך אויפגענומען ביי זיינע געוועזענע תלמידים. טאַקע זיי האָבן מיר איבערגעגעבן, אַז בטבע איז ער געווען אַ גוטער. צו אַ יינגל וואָס האָט „געקענט" איז ער צוגעזאָטן געוואָרן. אַנדערע תלמידים, וואָס האָבן זיך שפּעטער דערשלאָגן אין ישיבות, זיינען אפילו גאָר שטאַרק שטאָלץ געווען דערמיט, וואָס זיי זיינען פריער געווען הענעכס תלמידים. זיי זיינען אים אויך דאַנקבאַר געווען, וואָס ער האָט זיי אַרויפגעפירט אויף אַ דרך. דעם דאָזיקן שטאָלץ האָב איך אויך אַרויסגעפילט פון די, וואָס האָבן מיר דערציילט פון זיין שטרענגקייט אין אַ סך יאָרן אַרום...

די לעצטע יאָרן, נאָך איידער ער האָט אויפגעגעבן דאָס מלמדות, האָט ער אַזוי ווי צופעליק באַקומען נאָך אַ צונאָמען: „הענעך קאַזשיאַל"... דאָס האָט געשטאַמט פון אַ מעשה מיט אַ בעל־הבית, ביי וועלכן עס איז געבוירן געוואָרן אַ באַראַן — אַ בכור... וועלנדיק אָפּטאָן אַ שפּיצל, האָט ער אים אַוועקגעגעבן מיין זיידן. מיין זיידע איז געווען אַ כהן און אים דערפאַר צוגענומען. נאָר דער דאָזיקער באַראַן (אָדער ווי מען פלעגט זאָגן אין לאָמזשע: קאַזשיאַל) איז פול געווען אומעטום און גורם גרויסע שאָדנס. מיין זיידע האָט אים אַלעמאָל געמוזט לויפן ראַטעווען פון אַ צרה. עס פלעגן זיך דערביי אָפּשפּילן גענוג קאָמישע סצענעס. אפילו גויים פון די אַרומיקע גאַסן האָבן געציטערט פאַרן דאָ־זיקן קאַזשיאַל, וועלכער איז צוליב עפּעס „פאַרהייליקט" ביי אידן. עס האָט זיך געמוזט טרעפן אַ ספּעציעלער נס, אַז דער זיידע זאָל קענען פטור ווערן פון דער מתנה:

איינמאָל האָט זיך דעם קאַזשיאַל פאַרגלוסט אַריינצוקריכן אין דער קאַטוילישער „תיפלה" (קלויסטער), וואו עס איז געווען אַ גרויסער הויף מיט גראָז און בלומען. פילנדיק זיך ווי אַ יחסן, האָט דער באָק זיך דאָרט צעלאָזט מיט דער גאַנצער, בהמה'שער חוצפּה און אָנגעמאַכט

אַ חורבן אינעם קלויסטער־גאָרטן. צו זיין שלימזל האָבן אים עטלעכע גויים דערקענט און דערצו נאָך אַזעלכע ערלים, וואָס וויסן דעם יידישן דין (פאַרט אַ שטאָט מיט אַזאַ באַרימטער ישיבה!). טאַקע זיי האָבן באַשלאָסן אים אונטערצוהאַקן אַ פוס און אים מאַכן פאַר אַ בעל־מום. דאָס, האָבן זיי געוואוסט, וועט זיין דער טויט זיינער — און פּטור אַן עסק. בקיצור: דער קאַזשיאַל איז נעלם געוואָרן, אָבער דער צונאָמען איז געבליבן. נישט מער, מען האָט זיך מיט אים זעלטן באַנוצט. סוף־כל־סוף איז דער זיידע פאָרט געווען פון די וויכטיקסטע בעלי בתים! איך געדענק, ווי נאָך אין מיין צייט האָט דער נאָמען „הענעך דער מלמד" אַרויסגערופן דרך ארץ. טיילמאָל האָב איך אויפגעכאַפּט קאָמפּלימענטן אין מיין זייט אַריין: „אַז ס׳איז הענעכ׳ס אייניקל, וועט עס שוין זיין עפּעס רעכטס". פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב זיך דערביי געפילט גאָר געהויבן.

* * *

אויב איך מאַך נישט קיין טעות, האָט מיין זיידע פון טאַטנס צד חתונה געהאַט דריי אָדער פיר מאָל. דאָס לעצטע מאָל האָט ער חתונה געהאַט אין ארץ־ישראל, שוין זייענדיק אין דער טיפער עלטער. איך געדענק אים ווי דורך אַ חלום. ער איז געקומען צום טאַטן זיך גע־זעגענען פאַר זיין פאָרן קיין ארץ־ישראל: אַ הויכער, דאַרער איד מיט אַ קורץ־גרויער באָרד און קלוגע אויגן. ער האָט כמעט גאָרנישט גערעדט. איך דערמאָן זיך, אַז ס׳איז מיר געווען מיט אים זייער פריילעך — אָבער פאַרוואָס געדענק איך נישט.

פון מיין באָבען, אָדער די שטיפבאָבעס, ווייס איך כמעט גאָרנישט. איך האָב נאָר געהערט, אַז דער טאַטע האָט זיך יינגלוויז דערצויגן ביי אַ שטיפמוטער. דערצו איז דער זיידע צו אים ספּעציעל געווען באַ־זונדערס־שטרענג. מיין פעטער ישראל־לייזער, דעם טאַטנס ברודער, איז געווען אַביסל אַ געצערטלטער. מיין פאָטער האָט טאַקע דערנאָך געהאַלטן, אַז דאָס האָט אים געמאַכט פאַר אַ שטיק „אַריסטאָקראַט". באַטירלעך האָט דאָס געמיינט, אַז ער איז נישט אַזוי פרום ווי מען דאַרף צו זיין.

ביידע, סיי דער טאַטע און סיי דער פעטער, ווי אויך די מומעס האָבן וועגן אים דערציילט ווי וועגן אַ הייליקן. זיי האָבן אָבער פון אים געשמועסט גאָר זעלטן. בכלל איז אין דער משפחה איבערגעבליבן עפּעס אַ מין פּאַטריאַרכאַלער דרך־ארץ. מיין פאָטער איז געווען דער עלטס־טער ברודער און דערפאַר איז ער געבליבן אַזויווי דער יורש און מאַראַ־לישער בעל־הבית. איז ער געוואָרן דער באַפעלער איבער די איבעריקע ברידער און שוועסטער. דאָס איז געבליבן ווי דעם זיידנס איינפיר. מיר דוכט זיך, אַז די דאָזיקע דרך־ארץ׳דיקע באַציאונג, געמישט מיט אַ מין אומפאַרשטענדלעכע מורא, וואָלט אָנגעהאַלטן — אפילו ווען זיי וואָלטן געלעבט צוזאַמען ביזן היינטיקן טאָג.

אין דער קעגנזייטיקער באַציאונג פון דער משפחה איז געווען עפּעס אַ פרעמדקייט, וואָס איז געגאַנגען געפּאָרט מיט אומגעוויינט־לעכער טריישאַפט און גרויסן דרך ארץ. איך קען זיך אָבער נישט פאָר־שטעלן, וויאַזוי די ברידער און שוועסטער פון טאַטנס משפחה וואָלטן געקענט וואוינען אין איין הויז, ווי דערוואַקסענע קינדער. זיי וואָלטן קיינמאָל נישט געהאַט וואָס צו ריידן צווישן זיך. זיי זיינען געווען פרעמד — און גלייכצייטיק טריי — צווישן זיך. דאָס איז געווען דעם זיידנס דערציאונג.

* * *

אויב פון טאַטנס צד בין איך נאָך עטוואָס באַקאַנט מיטן יחוס, קען איך עס כמעט נישט זאָגן וועגן דער מאַמעס צד. וועגן דעם ערשטן זיידן האָב איך געהערט פון זיינע תלמידים; אָבער וועגן מיין צווייטן זיידן האָבן צו מיר מער ווי אָפּגעהאַקטע קלאַנגען נישט דערגרייכט. בלויז פון מיינע עלטערע ברידער, אָדער פונעם טאַטן האָב איך אויפגעכאַפּט עטלעכע וויניקע שטריכן.

מיין זיידע־באָבע פון דער מאַמעס זייט האָבן געלעבט אין קליינעם שטעטל יאַבלאָנקע. דער זיידע, ר׳ שלמה איז דאָרט געווען אַ חשובער בעל הבית. איך ווייס אָבער נישט, מיט וואָס ער האָט זיך באַשעפטיקט. די באָבע האָט זיך אין קיין שום זאַך נישט געמישט און לגמרי נכנע געווען דעם מאַנ׳ס וואָרט. לויט אַלע קלאַנגען, וואָס האָבן צו מיר דער־

גרייכט, זיינען זיי געווען גאָר גליקלעך. זיי האָבן בלויז געהאַט אַ בת יחידה — מיין מאַמען. ווען זי איז אַלט געוואָרן 18 יאָר איז דער זיידע געפאָרן אין אַ ישיבה אַריין זוכן אַ חתן און צודיקגעקומען מיט מיין טאַטן, לויט דער עצה פונעם ראש־ישיבה. זייער פרידלעך לעבן האָבן זיי אויך געוואָלט אַריבערפלאַנצן צו דער טאָכטער, ווי דער שטייגער פון יענער צייט, האָבן זיי געגעבן קעסט דעם פּאָרפאָלק, אָבער מיין פאָטער האָט געהאַט די פולע דעה אין שטוב. זיי האָבן געהאַט האָפע־נונגען, אַז מיין פאָטער וועט נאָך פאַרנעמען אַ גרויס אָרט אין דער פרומער וועלט.

סיי פונעם טאַטנס רייד און סיי פון מיינע עלטערע ברידערס, האָט זיך ביי מיר געשאַפן דער איינדרוק אַז מיינע זיידע־באָבע פון דער מאַמעס צד זיינען געווען האַרציק־גוטע מענטשן. זיי זיינען זיך פשוט גרייט געווען מקריב צו זיין פאַרן אײדעם, אָדער פאַר די אייניקלעך וואָס זיי האָבן נאָך באַוויזן צו זען. עס קען זיין, אַז זייער ליבשאַפט צו קינדער האָט געשטאַמט דערפון, וואָס זיי אַליין האָבן נאָר געהאַט איין בת יחידה.

געשטאָרבן זיינען זיי כמעט צוזאַמען, אין איין חודש. דאָס איז שוין געווען אין סאָקאָלע, וואו מיין טאַטע האָט געוואוינט און זיי זיינען גע־קומען אַהין קראַנקערהייט. די ערשטע יאָרן נאָך זייער טויט — ווען איך בין נאָך געווען אַ קינד — האָב איך אָפט געהערט ריידן וועגן זיי. אָבער שפּעטער האָט מען זיי שוין כמעט נישט דערמאָנט אין שטוב.

דאָס איז אויך נישט קיין וואונדער. מסתמא האָט עס אַ שייכות געהאַט דערמיט, וואָס די מאַמע איז געשטאָרבן און איר אָרט האָט פאַר־נומען די שטיפמאַמע; איז באַקוועמער געווען צו שווייגן אויך וועגן דער מאַמעס עלטערן. נאָר מיינע עלטערע ברידער, וואָס האָבן געדענקט זיידע־באָבע, דערמאָנען זיי מיט אָן אַ שיעור ליבשאַפט און דרך ארץ.

מיין טאַטע

איך מוז קודם כל מקדים זיין, אַז איך בין בלויז געשטאַנען אונטער מיין טאַטנס השגחה ביז איך בין אַלט געוואָרן צוועלף יאָר. דערנאָך האָב איך אים בלויז זעלטן געזען, ווען איך בין אַמאָל געקומען צוגאַסט אַהיים. דאָס לעצטע מאָל האָב איך אים געזען פאַר מיין אָפּפאָרן קיין אַמעריקע. איז דאָס געניג אויף צו קענען שילדערן דאָס קאָמפּליצירטע געשטאַלט פון מיין טאַטן? געוויינטלעכע מענטשן קענען זיך איינקריצן במשך פון צוועלף יאָר אין זכרון מיט דער גאַנצער קלאָרקייט — בפרט נאָך ווען דאָס זיינען די ערשטע יאָרן פון אַ קינד. אָבער דאָס איז נישט דער פאַל מיט מיין פאָטער... וויפל איך זאָל אים נישט שילדערן, דוכט זיך מיר אַלץ, אַז איך האָב אים פאָרט נישט תופס געווען ווי געהעריק; אַז ווען איך זאָל אים געוועזן קענען אין די עלטערע יאָרן, וואָלט איך אים גאָר אַנדערש באַנומען. אָבער איך האָב נישט קיין עצה — און מוז אים שילדערן בלויז אַזויווי איך האָב אים געזען.

די דאָזיקע הקדמה איז מיר נויטיק, בכדי מען זאָל זיך שפּעטער נישט וואונדערן איבער מיין באַשרייבונג. עפּעס איז ביי אים נישט געווען קיין געוויינטלעכע באַציאונגען צווישן פאָטער און קינדער — און ער אַליין האָט עפּעס געהאַט אין זיך מער פרעמדס ווי פאָטערלעכס. פאַר אונז, זיינע קינדער פון דער ערשטער פרוי, האָט זיך זיין כאַראַקטער אָפּגעגעבן מיט עפּעס פאַרהוילנס און קאָשמאַרדיקס. דאָס האָט אונז לאַנג פאַרפאָלגט, ביז צו די רייפסטע יאָרן.

מיין פאָטער האָט זיין דערציאונג געקראָגן ביים זיידן, זייענדיק אַ יתום. דערביי האָט זיך אָפּגעשטעלט אין אים אַ סך פונעם זיידנס כאַראַקטער. ווי ער אַליין פלעגט דערציילן, איז ער יונגערהייט אַריין אין ישיבה און מיט אַ צייט שפּעטער אַוועק לערנען „פאַר זיך" אין בית המדרש. דאָרט איז געבליבן זיין היים ביז צו דער חתונה, ווען

דער אַנדערער זיידע האָט אים גענומען צו זיך — לויט דער עצה פונעם ראש הישיבה — קיין יאַבלאָנקע. שפּעטער איז ער דאָרט אויפגענומען געוואָרן אַלס רב פאַר די עטלעכע הונדערט בעלי־בתים. ער האָט אָבער די שטעלע אָנגעהאַלטן אַ קורצע צייט. די בעלי בתים זיינען גראָד פון אים שטאַרק צופרידן געווען און עס האָבן זיך שוין מיט אים אינטע־רעסירט גרעסערע שטעטלעך ווי יאַבלאָנקע. אָבער אים האָט נישט געצויגן דאָס קהל׳שע לעבן, דאָס האָבן צו טאָן מיט גבאים און ער האָט אויפגעגעבן דאָס רבנות. ער האָט בעסער אויסגעקליבן צו זיין אַ מלמד, וואו ער האָט זיך געפילט מער זעלבסטשטענדיק. אָבער ער האָט עס נישט געקענט אַזוי לייכט אַדורכפירן אין דער זעלבער שטאָט וואו ער איז פריער געווען רב. דערפאַר האָט ער זיך שפּעטער אַריבער־געצויגן קיין סאָקאָלע, וואו עס איז אים שוין נאָכגעגאַנגען דער שם פון אַ פריערדיקן רב.

אגב, האָט עס אים אַמאָל געמוזט ציען צו בילדונג, ווייל ער האָט זיך אַליין אויסגעלערנט פּויליש און רוסיש און אין יאַבלאָנקע איז ער אויך געווען דער נישט־אָפיציעלער פאָרשטייער צום גוי׳אישן „וואָיט״ על כל צרה שלא תבא. נאָר שפּעטער האָט וואָרשיינלעך געמוזט ביי אים קומען צו אַן אינערלעכן איבערברוך. ער איז געוואָרן דער שטרענגס־טער מענטש, וואָס איך האָב אַמאָל באַגעגנט. דאָס איז ער געווען צו אַלעמען, אָן אונטערשייד: צו מיין זיידע־באָבע, צו מיין אייגענער מוטער, שוין אָפּגערעדט פון די אייגענע קינדער. ער איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון כלערליי קאַפּריזן און ער האָט זיך פאַר גאָרנישט אָפּגעשטעלט, בכדי אַלע הויז־מענטשן צו מאַכן אונטערטעניק אונטער זיין ווילן. דאָס איינציקע וואָס מען קען דערביי צוגעבן איז: זיינע אַלע קאַפּריזן זיינען געווען פאַרבונדן מיט זיין שטרענג־רעליגיעזן כאַראַקטער.

פּונקט ווי זיין פאָטער, איז ער פון דער נאַטור דווקא געווען אַ גוטער. ער האָט עס אָבער כמעט קיינמאָל נישט אַרויסגעוויזן, אַזויווי דאָס וואָלט געווען מי־יודע וואָס פאַרא חסרון מיט וועלכן מען דאַרף זיך שעמען.

איך קאָן כמעט מיט זיכערקייט פעסטשטעלן, אַז קיינער פון אונזער

משפחה — מיינע ברידער, מוטער און שטיפמוטער — האָבן כמעט פון אים ניט געהערט קיין פריינטלעך וואָרט, אָדער געזען פון אים אַ שמייכל. איך קען זיך אַפילו מער נישט פאָרשטעלן, וויאַזוי מיין טאַטנס פנים וואָלט אויסגעזען שמייכלענדיק. דערביי איז ער געווען אומגעוויינטלעך טריי צו דער משפחה, אָבער אויך דאָס האָט זיך אויסגעדריקט אויף אַ משונה׳דיקן אופן: ער פלעגט וויגן די קינדער, נעמען זיי אויף די הענט און ווינטער־צייט זיי איינוויקלען אין זיין פעלץ. ווען אַ קינד איז קראַנק געוואָרן האָט ער געקענט פאַרבויגן פונעם דאַווענען און וואַכן איבערן קינדס געזונט. אָבער דאָס אַלץ האָט ער געטאָן שוויגנדיק, אָן אַ גוט וואָרט וואָס זאָל אויסדריקן זיינע געטרייע געפילן. די ווערטער וואָס ער האָט אַרויסגעבראַכט זיינען אַלעמאָל געווען אין אַ שטרענג־באַפע־לערישן טאָן.

עס קען זיין, אַז דער כאַראַקטער זיינער איז אויסגעפורעמט געוואָרן אין דער אַסקעטישער איזאָלירטקייט פון בית המדרש, וואו ער האָט נישט געהאַט צופיל געלעגנהייטן זיך אויסצושמועסן מיט מענטשן. פון דער פריסטער קינדהייט ביז דער חתונה איז ער געווען שרעקלעך איינזאַם. איז ער שוין אויך דערנאָך געבליבן אַ פרעמדער צווישן מענטשן און פשוט פיינט געהאַט געזעלשאַפט. דאָס מוזן זיצן טיילמאָל אויף אַ שמחה איז פאַר אים געווען די גרעסטע מאַטערניש. קיין סך ידידים האָט ער קיינמאָל נישט פאַרמאָגט — און די פאָר פריינט זיינע האָבן געשטאַמט פון די נידערגעשלאָגנסטע קבצנים, מלמדים און שוס־טערס. קיין אַנדערע ידידים האָט ער סיוּוי נישט געוואָלט. אגב, האָט זיין ליבשאַפט צו נידערגעשלאָגענע ביי אים אַרויסגערופן אַן אויס־סערגעוויינטלעכע סבלנות. עפּעס איז אים געגאַנגען אין גאַנצן לעבן, אַז זיי זאָלן קענען לערנען און בכלל באַקומען אָנזען. ער איז פשוט געוואָרן אַן אַנדערער מענטש ביי אַזעלכע געלעגנהייטן. איך וויל דאָ בלויז נאָטירן איין כאַראַקטעריסטישן ביישפיל:

ווען מיר זיינען שוין געווען אין לאָמזשע האָט מיין פאָטער גע־לערנט בין מנחה למעריב מיטן עולם אַ פרק משניות. ווי זיין שטייגער האָט ער געוואָלט, אַז זיינע אָרעמע צוהערער זאָלן פון אים נאָשן וואָס

מער. פלוצים איז צו אים צוגעגאַנגען אַ הויכער און דאַרער בחור פון אַ קליין שטעטל, וואָס איז געווען אַ לערן־יונג ביי אַ לאָמזשער שוסטער. ער האָט געפרעגט מיין פאָטער, אויב ער וועט זיין אַ בעלן מיט אים צו לערנען, ביז ער וועט קענען אָנגענומען ווערן אין דער ישיבה. מיין פאָטער האָט התלהבות׳דיק מסכים געווען און צו דעם בחורס התמדה איז גאָר קיין גרענעץ נישט געווען. יעדן פאַרטאָג, פיר אַזייגער איז ער געקומען צו אונז אין הויז. דערנאָך איז ער געקומען פאַרנאַכט און נישט אָפּגעטרעטן פון מיין פאָטער ביז גאָר שפּעט. פרייטיק צו נאַכטס האָט ער שוין געקלאַפּט אין טיר צוויי אַזייגער און געבעטן זיך ביים טאַטן הינטער דער טיר:

— ר׳ מרדכי אביגדור, זייט מוחל . . . דאָס בין איך!

אַלע אין שטוב פלעגן זיך אויפכאַפּן. דער טאַטע פלעגט זיך זעצן לערנען מיט אים און מיר האָבן זיך איינגעהערט. מיר, די קינדער אין שטוב, זיינען אויף אים שרעקלעך בייז געווען און עטלעכע מאָל האָבן מיר אים אָפּגעוואַרט און געוואָלט אים אָנברעכן די ביינער. עס האָט זיך אונז אָבער נישט איינגעגעבן. ער איז שנעל אָנגעקומען אין ישיבה און מיין פאָטער האָט אים געשאַפן די „טעג" און איין טאָג צום עסן טאַקע ביי אונז. איך געדענק די שמחה אין הויז ווען דער בחור האָט געקראָגן סמיכה אויף רבנות און באַלד דערנאָך, ווען ער איז געוואָרן רב אין אַ שטעטל. זעט אויס, אַז אונזערע קללות, קינדערישע, פאַר די שלאָפלאָזע נעכט האָבן אים נישט געשאַדט . . . ביי מיין פאָטער איז ער געבליבן דער ביישפיל פאַר אונז און ער פלעגט אונז כסדר אָנווייזן אויף אים:

— איר זעט? אַז מען וויל — קען מען!

ער האָט אונז נאָך שטרענגער גענומען טרייבן צום לערנען און מיר האָבן דערפאַר דעם דאָזיקן בחור קיינמאָל נישט געקענט מוחל זיין, פאַרוואָס ער האָט מיט זיין התמדה אָנגערייצט דעם טאַטן אויף אונז . . .

איך געדענק אים ווי אַ מיטלוואוקסיקן איד, ברייטביייניק און מיט אַ לאַנגער, שמאָלער און שוואַרצער באָרד. זיינע שוואַרצע אויגן האָבן אַלעמאָל טרויעריק אַרויסגעבערענט פונעם שמאָלן פנים. זיין קוק איז

אַלעמאָל געווען אַ זייטיקער, קיינמאָל נישט אַנגעשטעלט פריי און אַלע־מאָל האָבן זיך די אויגן געהאַלטן האַלב־צוגעמאַכט. עס האָט טיילמאָל אויסגעזען, אַז איין אויג איז ביי אים געווען קלענער ווי דאָס אַנדערע.

ווי ווייט איך געדענק אים איז ער אין שטוב שטענדיק געזעסן מיט אַ ספר אין דער האַנט — און אַרויסגעגאַנגען פון שטוב איז ער גאָר זעלטן. אויך די קינדער פלעגן מוזן טאָן דאָס זעלבע. ווען ער איז געווען אין שטוב האָט מען ממש נישט געטאָרט קיין הויכן פּיפּס טאָן — און ווי איז געווען צו עמעצן פון אונז, וואָס האָט געטאָן אַפילו אַן אומשול־דיקן הוסט. ער איז געווען אַ שטילער מייסטער פון צוטראַכטן, וויאַזוי צו באַשטראָפן אַ קינד — און געטאָן האָט ער עס מיט אומהיימלעכער התמדה און אייפער.

זיין שטראָף האָט נישט געוואוסט קיין גרענעצן. מען האָט אים פּשוט נישט געקענט פאַרשטיין מיטן שכל. עס איז דערפאַר קיין וואונ־דער נישט, וואָס אין זיין אָנוועזנהייט האָבן מיר מורא געהאַט צו אָטע־מען. דאָך זיינען מיר אַלעמאָל גרייט געווען צו ווערן באַשטראָפט, נישט וויסנדיק אַליין פאַרוואָס. זיינען די קינדער אַלעמאָל אַרומגעגאַנגען פאַראומערט־שטילע און דערשראָקענע. דאָס איז געווען דאָס געפיל נישט בלויז פון די קינדער, נאָר אויך פון יעדן איינעם וואָס האָט זיך געפונען אין זיין מחיצה.

ער האָט נישט געוואוסט פון קיין פּשרות: אָדער מען טוט וואָס ער באַפעלט, אָדער מען צווינגט אים מיט כח צו טאָן דעם ווילן פון אַנדערע. ער האָט קיינמאָל נישט דיסקוסירט מיט עמעצן און אויך די קינדער פלעגט ער נישט זאָגן פאַרוואָס ער באַשטראָפט זיי, אָדער ווענן אויסהערן זייערס אַ תירוץ. ער האָט בלויז געזאָגט: „דאָס קומט דיר... נאָר דו קריגסט נאָך נישט אַלץ!“ ער איז געווען אַן עקשן, וואָס וויל נישט אַרגומענטירן אַפילו מיט זיינע בעסטע פריינט. ער האָט נישט געוואָלט וויסן פונעם בושה־געפיל ביי אַ קינד. אויב ער האָט געהייסן אַ קינד אָנטאָן די בגדים פון אַ פופציק־יעריקן — האָט עס געמוזט געשען, אָן אַ תירוץ. ווי אַ ביישפּיל — דער „פעלץ“, וואָס איז איבער־געגאַנגען בירושה פון זיין פאָטער ביז צו מיינע ברידער פון איינעם

צום צווייטן, נישט קוקנדיק ווי גרויס יעדער איינער פון זיי איז געווען. אויפן דאָזיקן פעלץ איז שוין קיין סימן פון קיין פוטערוואַרג נישט געבליבן. ער איז שוין געווען אָפּגעקראָכן און ס׳איז געווען אַ נמאס׳ע זאַך אויף אים צו קוקן. די חדר־אינגלעך פלעגן צוליב דעם אָפּחוזקן פון מיינע ברידער... אָבער בלויז מיין ברודער ראובן האָט זיך אָפּגעזאָגט צו טראָגן דעם משפּחה־פּעלץ. דערפאַר איז ער אַ גאַנצן ווינטער געזעסן אין שטוב, אָדער געגאַנגען אין זיינע „זומערדיקע״ בגדים. דאָס זעלבע איז געווען סתם מיט צעריסענע שטיוול אָדער אַנדערע זאַכן. אין אַ גרויסער מאָס האָט ער אונז די קינדער, פּשוט טיראַניזירט. נישט איינעם פון זיי (מיר בתוכם) האָט ער איבערגעלאָזט די ירושה פון פאַרביטערטקייט, נידערגעשלאָגנקייט און אַנדערע דעפעקטן — סיי פיזיש און סיי אין כאַראַקטער. עס מוז אָבער באַמערקט ווערן, אַז די פיזישע דעפעקטן — ביי מיר, למשל, — זיינען נישט געקומען צוליב זיין דירעקטער שולד. גיכער איז עס געווען אַ מין פאַרנאַכלעסיקייט און אַבערגלויבן, אַז מעדיצינען און דאָקטוירים קענען נישט ענדערן גאָטס ווילן. ביי מיר גופא האָבן די דעפעקטן געקענט אויסגעמיטן ווערן, ווען איך זאָל געווען באַצייטנס קריגן מעדיצינישע הילף.

אָבער זיין טריישאַפט און גוטסקייט האָבן זיך אויך אויסגעדריקט דורך אַלערליי אומוועגן. טראַכטנדיק אויף צוריק, דוכט זיך מיר, אַז זיין געטריישאַפט איז טיילמאָל געווען ממש אַן אינסטינקטיוו. ער פלעגט נאָכזען די קעפּלעך פון די קינדער און געהאַלטן זיי ריין, גערייניקט די בגדים פון אינזעקטן (דאָס פלעגט ער טאָן בעיקר אין די נעכט, ווען מיר זיינען געשלאָפן. מסתמא האָט ער עס געטאָן אַזוי שפּעט, בכדי די קינדער זאָלן נישט זען זיין צערטלעכע באַציאונג און דערפון „צעלאָזט״ ווערן). און ער האָט זיך געזאָרגט מיט אַלע כוחות — לויט זיין באַגריף — פאַר די קינדערס תכלית. און נישט בלויז פאַר די קינדער: ער איז נישט איינמאָל מסוגל געווען אָנצוזאַמלען אַ שטיקל סומע, ממש אָפּגעשפּאָרטע קישקע־געלט, און עס אַוועקגעבן זיינעם אַ קבצנישן ידיד „אויף אָפּצוגעבן״. פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט דאָס געלט מער נישט

צוריקגעזען. צוזאַמען מיט זיין מרה־שחורהדיקן אויסמיידן מענטשן, האָט ער אויך געהאַט גרויס צוטרוי צו זיי — בעיקר צו קבצנים. דאַקעגן האָט ער אַרויסגעוויזן אַן אייביק־שטילן פּראָטעסט קעגן גבירים. דאָס האָט זיך אויסגעדריקט דערין, וואָס צו אַ גביר איז ער קיינמאָל נישט געגאַנגען אַהיים „אָננעמען אַ אינגל" אין זיין חדר אַריין. דער נגיד אָדער די נגידית'טע פלעגן דאַרפן קומען מיטן אינגל צו אים, בעת צו די אָרעמע עלטערן פלעגט ער יאָ אַהיימגיין זוכן דעם תלמיד.

זיין נאַאיווער פאַרטרויען צו אָרעמע מענטשן איז געווען אין לשער. ער האָט טייל מענטשן אויסגעבאָרגט געלט אויף אַ וועקסל. דערנאָך איז דער בעל דבר אַוועק קיין אַמעריקע, אָבער מיין פאָטער איז דערפון נישט נתפעל געוואָרן. ער האָט בלויז אויסגעזוכט אַ צווייטן קבצן וואָס פאָרט קיין אַמעריקע און אים מיטגעגעבן די וועקסלען: זאָלן זיי אים טאָן אַ טובה און איינמאָנען זיין געלט . . . ער דאַרף דאָך עס אַזוי נויטיק! שפּעטער, ווען מיינע ברידער זיינען עלטער געוואָרן און אַליין געפאָרן קיין אַמעריקע האָט ער שוין איבערגעגעבן אַזעלכע וועקסלען צו זיי אין די הענט אַריין . . .

ביי זיין גאַנצער אָרעמקייט איז ער געווען אַ גרויסער בעל צדקה און פלעגט אַליין גיין „איבער די הייזער" פאַר אַנדערע. קיין אָרעמאַן פלעגט דאַנערשטיק און פרייטיק ניט אַוועקגיין פון אונזער הויז מיט ליידיקן. יעדער (שטענדיקער) אָרעמאַן פלעגט שוין וויסן וויפל ער קריגט. ער האָט געטיילט אַלערליי מטבעות: פּרוטות, האַלבע גראָשנס, גראָשנס און קאָפּיקעס. בייע פּנימער פון אָרעמע לייט פלעגן קריגן גראָשנס. אַלטע באַקאַנטע אָרעמע לייט פלעגן קריגן לויט זייער אויסזען: אַ זקן האָט באַקומען אַ קאָפּיקע; אַנדערע — צו האַלבע גראָשנס און די שטענדיקע אביונים, צו פּרוטות. כ'פלעג צייטנווייז זיצן און זיך וואונדערן: ער פלעגט לעבן טיר אויפן „קאָמאָד" אויסלעגן דאָס געלט און יעדער אָרעמאַן פלעגט שוין אַליין וויסן וועלכע מטבע ס'קומט אים. אויסער די „בייע פּנימער".

עס קען זיין, אַז דווקא זיין גוטסקייט האָט אים געברענגט אַזויפיל אַנטוישונגען. דערפאַר האָט ער זיך געזוכט אין וועמען צו קילן דאָס

הארץ — און דאָ זײַנען אויפֿן ערשטן פּייער געגאַנגען זײַנע שטוב־מענטשן. אַלנפֿאַלס האָבן די פּאָר קעגנזעצטע שטריכן מיר געדינט פֿאַר אַ משל, אַנצואווייזן ווי קאָמפּליצירט זײַן כאַראַקטער איז געווען.

* * *

ער פֿלעגט אויפֿשטיין 5 פֿאַרטאָג, סיי זומער און סיי ווינטער. נאָכן אָפּגיסן די נעגל פֿלעגט ער אויפֿוועקן די קינדער און אַוועקגיין דאַוונען אין שול. אויך פֿאַרנאַכט פֿלעגט ער אַוועק צו מנחה ומעריב. די דאָזיקע צוויי מאָמענטן טעגלעך, ווען מיר האָבן אים נישט געהאַט איבער זיך, פֿלעגט ביי אונז אויסברעכן די פֿאַרשטיקטע פֿריילעכקייט און פֿון זיי האָבן מיר געשעפּט דעם מוט איבערצוטראָגן די שווערע טעג.

מאָנטיק און דאָנערשטיק פֿלעגט ער פֿאַסטן האַלבע טעג. אַלע דאָנערשטיק נאַכט פֿלעגט ער אָפּריכטן חצות. מיר פֿלעגן הערן אין שלאָף זײַן געוויין אויף אַ קול. שכנים, וועלכע פֿלעגן פּראָטעסטירן פֿאַר אַנדערע זאַכן, האָבן אָבער פֿאַרן חצות־אָפּריכטן געהאַט גרויס דרך־ארץ און קיין מאָל נישט פּראָטעסטירט.

שבת אָדער יום טוב האָט זיך אָנגעהויבן אַן אַנדער סדרה. פֿרייטיק צונאַכטס נאָכן עסן האָט מען זיך אַוועקגעזעצט לערנען ביז אַרום איינס נאָך האַלבער נאַכט. פֿיר אַזייגער פֿאַרטאָג האָט ער אונז ווידער אויפֿגעוועקט און מיר האָבן געמוזט פֿאַרשלאָפֿענערהייט ווידער לערנען. טיילמאָל פֿלעגן מיר עס מוזן טאָן ליגנדיק אין בעט, ווייל עס איז געווען צו קאַלט אין שטוב. ער גופֿא פֿלעגט ליגן און זיך איינהערן. מיר האָבן אָנגעהויבן די פּרשה פֿון דער וואָך מיט רש״י און שפּעטער פֿלעגן מיר איבערגיין צום תנ״ך. דערנאָך האָט מען געהאַלטן אין איין „חזרן און חזרן". טאַקע דאָס וואָרט „חזרן" האָט פֿאַר אים געהאַט גאָר אַ באַזונדערן טעם. ביי 9־10 יאָר האָבן שוין מײַנע ברידער געקענט גאַנצע ספרים פֿון תנ״ך אויסנווייניק און ערשט שפּעטער האָט ער מיט זיי אָנגעהויבן צו לערנען גמרא.

דאָס אויפֿשטיין פֿאַרטאָג צום לערנען איז געווען די גרעסטע פּיין. שכנים האָבן טיילמאָל פּראָטעסטירט קעגן וועקן קינדער אַזוי פֿרי. עס האָט זיי אָבער גאָרנישט געהאָלפֿן, ווייל ער האָט זיך מיט קיינעמס

מיינונג נישט גערעכנט. זיבן אַזייגער פלעגט מען גיין אין „חברה תהלים״ דאַווענען צום ערשטן מנין. זיין שטרענגקייט האָט געווירקט, אַז נישט בלויז צווישן אים און די קינדער — נאָר אויך צווישן זיי גופא זאָל אויסוואַקסן אַ מויער. מיר האָבן געקענט אָפּזיצן גאַנצע טעג צווישן זיך און נישט האָבן פון וואָס צו ריידן. מיר האָבן אַלעמאָל געפילט אַ באַהאַלטענע פרעמדקייט איינס צו דאָס צווייטע. צום טאַטן האָבן מיר קיינמאָל נישט גערעדט, אויסער ביים לערנען. אַ שטיק פון דער דאָזי־קער קעגנזייטיקער פרעמדקייט איז אויך געבליבן ביי אונז ביז אויף די עלטערע יאָרן.

אויך זיין באַציאונג צו מיין מוטער, אָדער צו זיין צווייטער פרוי, איז מיט גאָרנישט אַנדערש געווען. ער איז צו זיי געווען דער זעלבער שטרענגער מענטש, וואָס צו זיינע קינדער. ער האָט קיינמאָל נישט אַרויסגעוויזן די מינדסטע מאָס צערטלעכקייט אָדער אַכטונג, וואָס געהערט דער פרוי. זיי זיינען פאַר אים געווען „אידענעס״ און גאָרנישט מער. ער האָט איבער זיי געוועלטיקט פונקט ווי איבער אונז. איך האָב געקענט גיכער אָבסערווירן מיין שטיפמוטער ווי מיין מאַמען און דערפון האָב איך פאַרשטאַנען, אַז די פרויען האָבן בלויז בעסער געוואוסט ווי־אַזוי אויסצומיידן זיין כעס. עס פלעגט טרעפן גאַנצע וואָכן, ווען ער האָט קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט. דאָס זיינען געווען די ערגסטע צייטן. ביידע פרויען זיינע האָבן ביי אים געהאַט, ווי די שטיפמאַמע פלעגט זאָגן, אַ „פינצטערע דאָליע״. דאָס פאַמיליע־לעבן איז פאַר אים נאָר געווען אַ דין־זאַך, ווייל די תורה האָט עס איינגעפירט. פון זיך אַליין וואָלט ער אפשר גאָר קיין חשק נישט געהאַט אויפצושטעלן אַ משפחה. האָט ער בלויז געגעבן דעם דין דאָס וואָס ער האָט שוין גע־מוזט . . .

מיין מאַמע

פּאַקטיש געדענק איך זי קוים, דורך אַלערליי פּאַסירונגען. בעיקר ווייס איך פון איר דאָס, וואָס איך האָב געהערט פון מיינע פעטערס און מומעס, אָדער פון מיינע עלטערע ברידער. זיי אַלע האָבן דערציילט, אַז די מאַמע איז געווען אַ שטילע, רואיקע טויבּ. זי איז דערצויגן געוואָרן ווי אַ בת יחידה און צוגעוויינט געווען צו אַ בעסערן לעבן. ווען זי האָט אַזוי יונג חתונה געהאַט מיט מיין פאָטער איז זי געשטאַנען אונטער דער השפעה פון אירע עלטערן און זי איז געווען גרייט זיך מקריב צו זיין פאַרן מאַן. אָבער זי האָט שרעקלעך געליטן פון אים. זי האָט צוגעקוקט, וויאַזוי מיינע עלטערע ברידער ווערן געפּייניקט און זי האָט מורא געהאַט צו זאָגן אַ וואָרט. די קינדער האָבן זי שטאַרק ליב געהאַט און זי איז פאַר זיי גרייט געווען אויסצושטיין אַלערליי יסורים. זי האָט אָבער באַטראַכט אַלץ, וואָס דער פאָטער טוט, ווי אַ בויטיקע זאַך לשם שמים. דערפאַר פלעגט זי אים אַלעמאָל געבן גערעכט, אָבער דערביי האָט זי שרעקלעך געוויינט. מיטן געפיל האָט זי נישט געקענט פאַרטראָגן מיין פאָטער׳ס האַרטקייט, נאָר זי איז געווען אַ פשוטע אידישע פרוי. דערפאַר האָט זי זיך געגרויסט מיטן טאַטנס לומדות און אַלץ אָנגענומען פאַר ליב.

זי האָט געבוירן 9 קינדער — אַלע אינגלעך, קיין איין מיידל נישט. זי האָט זיך דערפון שטאַרק געערגערט. פון די ניין זיינען זעקס געבליבן ביים לעבן. וועגן דעם ערשטן קינד, דעם בכור, זיינען דערנאָך דערציילט געוואָרן אַלערליי לעגענדעס. איינעם פון זיי וויל איך דאָ נאָכדערציילן, ווייל אין זיי ליגט אפשר דער שליסל צו מיין פאָטערס האַרבקייט. די מאַמע אַליין האָט דערציילט, אַז זינט בעדל איז געשטאָרבן איז דער טאַטע געוואָרן אַן אַנדערער מענטש. ער האָט געוואָלט, אַז אַלע זיינע קינדער זאָלן זיין „בערלס" — און ווען דאָס האָט זיך נישט

איינגעגעבן, איז ער געוואָרן מוראדיק פאַרביטערט. אויך זיין מרה־שחורה האָט זיך טיילווייז געצויגן צו בערל׳ס טויט.

די מעשה הויבט זיך אָן אַזוי: ווען מיין ברודער בערל איז אַלט געווען דריי טעג איז מיין באָבע אַריינגעגאַנגען זען, אויב ער שלאָפט. האָט זי דערזען ווי עפּעס „שיינט איבער זיין שטערן" און זי איז דער־ציטערט געוואָרן. קיינער אויסער איר האָט עס נישט געזען. דערנאָך האָט עפּעס אַן אַלטע שכנה זיך באַרימט, אַז אויך זי האָט געזען דאָס זעלבע. מיין פאָטער האָט זיך וועגן דעם מיישב געווען מיטן רב און עס איז געבליבן, אַז בערל וואַקסט אַ גדול בישראל. מיין פאָטער איז אַריינגעפאַלן אין אַ גוטער שטימונג און אויך צו דער מאַמען זיך צערט־לעך באַצויגן, ווי צו דער מוטער פון אַזאַ ליכטיק קינד . . . מען דער־ציילט, אַז צו דריי יאָר האָט שוין בערל געלערנט חומש און צו אַכט יאָר האָט שוין מיין פאָטער נישט פאַרמאָגט מער קיין תורה פאַר אים. ביי ניין יאָר האָט דער שטאָט־רב גע׳עצה׳ט מיין פאָטער, אַז ער זאָל בערלען שיקן לערנען צו אַ גרויסן גאון — נאָר ראַפּטום איז בערל אַוועקגעשטאָרבן. דאָס גאַנצע שטעטל סאַקאַלע איז געווען איין שטיק טרויער. דער רב האָט אים מספּיד געווען מיט די הייסטע ווערטער, אָבער מיין פאָטער האָט זיך מער נישט געקענט טרייסטן. אויך מיין מוטער האָט נישט אויפגעהערט צו קלאָגן אויף איר מזל, וואָס האָט נישט דערלאָזט, אַז זי זאָל זיין די מוטער פון אַזאַ גאון.

געווען איז זי אַ קליין־געוואוקסיקע, אַ טונקעלע מיט אַ גוטן אויס־זען. זי האָט נישט געהאַט קיין שונאים און אַלע אין דער משפחה האָבן זי ליב געהאַט. ביים געבוירן דאָס זעקסטע קינד איז זי עפּעס קראַנק געוואָרן און מען האָט ביי איר אָפּגעשניטן די לינקע האַנט ביז צום עלנבויגן. אָבער אויך מיט דער איינער האַנט האָט זי געטאָן דעם רוב אַרבעטן אין שטוב. איך געדענק זי בלויז דורך עטלעכע מאָמענטן:

איינמאָל האָט זי מיך מיטגענומען צום שניידער, וואו מיין ברודער אברהם־איטשע האָט געאַרבעט ווי אַ לערן־אינגל. ער האָט זיך געקלאָגט, אַז מען באַהאַנדלט אים דאָרט שלעכט און מען שלאָגט אים, אָבער קיין עסן גיט מען אים נישט. געדענק איך, וויאַזוי זי האָט מיך געהאַלטן ביי

דער האַנט און מיר זיינען געגאַנגען דורך דער מאַרק־גאַס, נעבן דער שול. זי האָט מיך געהייסן וואַרטן אויף איר אין דרויסן און ווען זי איז צוריקגעקומען האָט זי מיך געקושט און געוויינט. איך געדענק אַפילו נישט, אַז מיר זיינען פון דאָרט צוריקגעגאַנגען.

אַ צווייט מאָל בין איך געקומען פון חדר און מען האָט מיר געזאָגט, אַז היינט איז געווען די לוויה פון מיין נאַר־וואָס געבוירן ברודערל. איך בין אַריין צו דער מאַמען, נאָר איידער איך בין געווען נאָנט צו איר האָט מען מיך אַוועקגענומען. איך געדענק בלויז, אַז זי איז געלעגן רואיק און אויף מיר מאָדנע־מילד געקוקט.

איך דערמאָן זיך אויך, וויאַזוי איך בין אַמאָל געקומען פון חדר און געטראָפן מיין מאַמען באַקן חלה. זי האָט געהאַלטן די לאָפּעטע אין דער גאַנצער האַנט און מיט דער האַלב אָפּגעשניטענער האַנט האָט זי אונטערגעהויבן דעם שטעקן פון דער לאָפּעטע, בכדי עס זאָל זיך לייכטער באַוועגן. זי האָט מיר געגעבן אַ קליינע בולקע, אויף וועלכער עס איז געווען אַ מחיה צו קוקן און מיר איז אַ שאָד געווען זי אויפצועסן.

דאָס לעצטע מאָל דערמאָן איך זיך, איז מיין ברודער יאַנקל אָדער כאַצקל געקומען רופן מיין ברודער ראובן און מיך פון חדר. אויפן וועג, אין מאַרק, האָט ער אונז מודיע געווען: „מיר האָבן נישט מער קיין מאַמען!". איך געדענק נישט, אַז איך זאָל האָבן געוויינט. אין דערהיים האָבן מיר געטראָפן אַ סך אידן דאַווענדיק מנחה. מיך האָט מען געהייסן זאָגן קדיש און איך האָב זיך געפלייסט צו זאָגן אויסנווייניק.

ווי מיר דוכט זיך, איז די מאַמע קראַנק געווען אַ 4־5 יאָר און נאָך במשך דער קראַנקהייט געהאַט אַ קינד אָדער צוויי. געשטאָרבן איז זי נאָך פאַרן אַלט זיין פערציק יאָר. זי איז געשטאָרבן ביי מיין ברודער יאַנקל אויף די הענט, ווען ער האָט זי אונטערגעהויבן צו מאַכן דאָס בעט. איך ווייס נישט, אויב מיין לעבן וואָלט אַנדערש אויסגעזען מיט אַ מאַמען ביי דער זייט — אָבער איך בין צענדליקער מאָל געלעגן און געוויינט דערויף, וואָס איך בין אַ יתום. עס האָט זיך מיר געוואָלט אַ מאַמע, ווייל פּאַקטיש האָב איך אין מיין יוגנט קיינמאָל נישט געפילט וואָס דאָס וואָרט „מאַמע" מיינט . . .

ברידער
און
שוועסטער

מיין עלטסטן ברודער, וועלכן איך געדענק נאָך פון מיין פּריסטער יונגט איז אברהם־איטשע. ער פלעגט צו אונז אָפט קומען, נאָך ווען מיר האָבן געוואוינט אין סאָקאָלע, צוליב די דאָרטיקע ירידים. לויט זיין פירן זיך איז ער געווען שטאַרק ענלעך צום טאַטן, הגם ער האָט נישט געקענט קיין סך לערנען. זיין פרוי און קינדער האָט ער שטאַרק ליב געהאַט און דערפאַר איז דער שלום־בית ביי זיי אַרויסגעקומען גאָר שיין. אָבער סיי ער און סיי זיין פרוי זיינען שטאַרק אַרונטערגעפאַלן מיין פאָטער׳ס השפּעה. ווי פאַרשטענדלעך, האָט מיין פאָטער אויסגעקליבן דעם שידוך צווישן זיי. גראָד איז מיין שוועגערין געווען זייער אַ שיינע און זיי זיינען ביידע געווען צופרידן פון זיך. קען זיין, אַז דאָס האָט זיך אויסגעווירקט אין אַ מין דאַנקבאַרקייט פאַרן טאַטן. איך געדענק אברהם־איטשען ווי אַ פאָטער פון צוויי קליינינקע מיידעלעך.

מען פלעגט דערציילן, אַז זיין ווילדע פרומקייט האָט צייטנווייז איבערגעשטיגן מיין פאָטערס. מיין שוועגערין, זיין פרוי שיינע גאָלדע האָט מיר אַמאָל דערציילט: ווען ער איז צוריקגעקומען פון די זעלנער, נאָכן אָפּדינען 4 יאָר, האָט ער שוין געהאַט צו טאָן מיט גויים אין פינלאַנד און דאָך: באַלד דעם ערשטן טאָג האָט זי צוגעגרייט אַ גרויסן פליישיקן מאָלצייט. ווען ער איז געקומען פון בית מדרש, איז אים נישט געפעלן געוואָרן וויאַזוי זי האָט געכשר׳ט דאָס פלייש — האָט ער אַרויסגעוואָרפן דורכן פענצטער דאָס גאַנצע ברעטל מיטן איינגעזאַלצענעם פלייש ווייל ס׳איז נישט כשר גענוג.

ביז צו דער חתונה איז ער געווען אין סאָקאָלע, שפּעטער איז ער

אַוועק אין יאַבלאָנקע. אין אַ צייט אַרום אָבער האָט זיך דעם טאַטנס השפּעה אין גאַנצן אָפּגעריסן. אברהם־איטשע האָט עפּעס אַזויווי בכיוון אָנגעהויבן לעבן פּונקט פאַרקערט ווי דער טאַטע. נאָכן ערשטן צוזאַמענשטויס מיט די לעבנס־נסיונות — בפרט ווען ער איז געקומען אין אַמעריקע — איז ער אַוועק צום צווייטן עקסטרעם. דאָ אָבער האָט זיך ווידער אַנטפּלעקט דעם טאַטנס „השפּעה" — ווייל אויך ער איז דאָך געווען עקסטרעם־פרום. מיין פאָטער האָט עס אָבער געטאָן צוליב איבערצייגונג, בעת ביים ברודער איז זיין אפּיקורסות גיכער געווען מעשה להכעיס.

דער צווייטער ברודער נאָך אברהם־איטשען איז געווען משה. ביי אים, ווי מיר דוכט זיך, האָט זיך דעם טאַטנס נידערגעשלאָגנקייט פאַרוואַנדלט אין אַ וואונדערלעכער גוטסקייט צו מענטשן. ער איז פרי אַנטלאָפן פון דער היים און געאַרבעט מורא׳דיק שווער ביי וואָס עס האָט זיך נאָר געמאַכט. ער האָט געקענט, למשל, אָפּהאַקן שטיינער ביים שאָסיי אַ גאַנצן זמן און פאַרדינען 30־40 רובל. אָבער ווען ער איז אַהיימגעקומען אויף יום־טוב האָט ער עס אינגאַנצן אָפּגעגעבן דעם טאַטן, נישט בעטנדיק אַפילו אַ פּאָר קאָפּיקעס אויף אַ מינדסטן מלבוש. איינמאָל האָט ער עס דווקא יאָ געוואָגט, אָבער דערפאַר האָט ער געכאַפּט אַ פּסק פון טאַטן וואָס ער האָט געהאַט צו געדענקען: ער איז געלעגן געבונדן עטלעכע טעג אין הויז און נישט געקענט גיין אין ערגעץ. נאָך יום טוב האָט מען אים לגמרי אַרויסגעטריבן. דערפאַר איז משה געווען דער ערשטער פון הויז, וואָס איז אַוועק אין דער גרויסער און ברייטער וועלט — אַזש קיין וואַרשע. דערמיט האָט ער פאַר אונז אויסגעטרעטן דעם וועג.

דער דריטער ברודער איז געווען יאַנקל. ער איז געווען „דער טאַטע" מיט אַלע פּיטשעווקעס אין זיין כאַראַקטער. ער האָט ביי אים איבערגענומען דעם זעלבן כעס, דעם פאַרביסענעם חשק צו לערנען און אַלע אַנדערע שפּיצלעך. איין זאַך איז אָבער מיט אים גוט געווען: ער האָט נישט געקענט שלאָגן . . . דאָס דווקא האָט ער פיינט געהאַט. ער איז געווען דער איינציקער לערנער פון אונזער שטוב און ער וואָלט

זיכער עפּעס דערגרייכט אויף דעם געביט, ווייל ער האָט געהאַט אַלע כּלים דערצו. דאָס מזל זײַנס האָט אָבער אַנדערש געוואָלט. אין זײַנע צוואַנציקער יאָרן איז ער ראַפּטום שווער קראַנק געוואָרן און דערפון איז ער געוואָרן שטומלעך אויפן גאַנצן לעבן. ער איז געווען דער אײנ־ציקער פון די ברידער, פאַר וועמען אויך דער טאַטע האָט געהאַט דרך־ארץ און אפשר אַביסל מורא. דוכט זיך, אַז זינט זײַן בר־מצווה האָט דער טאַטע אויף אים נישט געהויבן די האַנט. קען זײַן, אַז דערפאַר איז ער אַזוי אַנדערש אויסגעוואַקסן פאַר אונז אַלעמען.

דער פּערטער ברודער כאַצקל, ווי מיר פלעגן אים רופן, האָט דער־פאַר געהאַט פּונקט אַ פאַרקערטן מזל. אויף אים האָט דער טאַטע אויס־געגאָסן זײַן גאַנצן צאָרן. ער האָט גראָד געהאַט פעאיקייטן צום לערנען, נאָר ער האָט נישט געהאַלטן דערבײַ. בײַ זעכצן יאָר איז ער שוין אַנט־לאָפן פון דער היים. אָבער ביז דאַן האָט ער זיך שוין אָנגעליטן אַזויפיל, אַז עס האָט אים געקענט קלעקן אויף אַ גאַנצן לעבן. אויך אין אים האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ סך פון עם טאַטנס כאַראַקטער. ער איז געוואָרן אַן עקשן און אַ כעסן. ער האָט אויך שטאַרק געשלאָגן זײַנע קינדער, הגם אין עצם איז ער גאָר געווען אַ גוטער: ער איז גרייט געווען אָפּצוגעבן די קינדער גאָר אַ סך, הגם ער איז געווען אַ גרויסער קבצן. ער איז אָבער ביז צום רײַפן עלטער געווען פול מיט פאַרביטערונג — און ערשט גאָר שפּעט האָט ער באַוויזן זיך צו ענדערן צום גוטן. בכדי צו פאַרשטיין זײַן נאַטור און זײַנע ליידן, וועל איך נאָר איבערגעבן איין פאַקט, וואָס דער טאַטע אַליין האָט דערציילט:

ער איז אַמאָל געזעסן שבת פאַרטאָג, אַרום פיר אַזייגער און זיך „פאַרהערט" ביים טאַטן. ווייזט אויס, אַז ער האָט נאָך געמוזט זײַן גוט פאַרשלאָפן און געזאָגט אַ סך גרייזן. דער טאַטע האָט אים אַראָפּגעלאָזט אַ האַסטיקן פּאַטש, פון וועלכן ער האָט פאַרלוירן דאָס לשון. טאַקע דער טאַטע אַליין האָט געמוזט לויפן נאָך אַ דאָקטאָר און יענער האָט איבער כאַצקלען געמוזט אַרבעטן אַ שטיק צײַט מיט רעצעפּטן און אַנדערע קונצן, ביז ער האָט צוריק אָנגעהויבן רעדן. אָבער נאָך דעם זעלבן שבת בײַטאָג איז ער שוין ווידער געזעסן און געחזרט דאָס לערנען.

פאַרשטייט זיך, אַז עס האָבן אויך נישט געפעלט קיין פריידיקע מאָמענטן אין אונזער גרויעם, קינדערישן לעבן. אזוי, למשל, פלעגן מיר פרייטיק צו־נאַכטס ביים אָרעמעם מאַלצייט זינגען די זמירות מיט גרויס פאַרגעניגן. בעיקר איז ביי אונז געווען באַליבט דער ניגון „יה רבון עלם״, וואָס איז ביי אונז איבערגעגאַנגען בירושה פון די זיידעס און דער טאַטע האָט אים געזונגען מיט גרויס דביקות. אויך די ימים־טובים האָבן אונז פאַרשאַפט אַ סך קינדערישע פרייד. צום שענסטן איז ביי אונז געווען סוכות. מיין פאָטער האָט געהאַט אַ גרויסע באַגאַבונג צו בוי־אַרבעטן און אויף דעם געביט איז ער ממש געווען דערפינדעריש. ווער ווייסט, וואָס פאַר אַ גרויסער אינזשינער ס׳איז אין אים פאַרלאָרן געגאַנ־גען. די סוכה פלעגט ער אַלעמאָל אויפשטעלן מיט כל המינים אָריגינעלע איינפאַלן — און מיר פלעגן שטיין און גאַפן. עס געדענקט זיך איינע פון זיינע דערפינדונגען אויף דעם געביט. ער האָט אויסגעקלערט אַזאַ מין מעכאַניזם מיט שטריקלעך, דורך וועלכן דאָס עסן פון שטוב פלעגט „אַריינפליען״ גלייך אין סוכה אַריין און מען האָט עס נישט געדאַרפט טראָגן דורך דער גאַס. פאַר אונז קינדער איז עס געווען אַ געוואַל־טיקע איבעררעשונג און עס האָט אויסגעזען, אַזויווי עס וואָלט אַריינ־דערלאַנגט געוואָרן פון מלאכים... די דאָזיקע „דערפינדונג״ זיינע האָט באַלד באַקומען אַ שם — און אָן אַ שיעור קליינע אינגלעך פלעגן קומען צולויפן זען דאָס וואונדער... מיר זיינען דערביי געשטאַנען מיט גרויס גאווה און זיך גרויס געהאַלטן קעגן אַנדערע אינגלעך מיט אונזער קלוגן טאַטן.

איינער פון די גליקלעכסטע טעג ביי אונז איז אויך געווען פורים. מיין ברודער ראובן — ווי איך דערצייל עס ווייטער — האָט געהאַט אַ שיין קול און ער איז געווען אַ גאַנצער „סטאַר״ ביים אחשורוש־שפיל, וואָס די פורים־שפילער האָבן געשפילט אין בעלי־בתישע הייזער. ראובן האָט מיך נאָמינירט פאַר זיין „קאַסירער״ און מיר פלעגן אַרומלויפן פריילעך־צעיאָכמערט פון הויז צו הויז. מיטן געלט איז געווען אַזוי: דאָס וואָס איך האָב אַריינבאַקומען פון אָפטראָגן משלוח־מנות האָט דער טאַטע געלאָזט פאַר זיך (איך האָב אָבער סיווי נישט געוואוסט וואָס צו טאָן

דערמיט און איך האָב עס סיווי שפּעטער אָוועקגעגעבן דער שטיף־מאַמען...) ; אָבער דאָס געלט פון פּורים־שפּיל האָבן מיר געמוזט אָפּ־געבן דעם טאַטן. אָבער דאָס בלויזע אַרומלויפן און פאַרדינען געלט האָט אונז שטאַרק משמח געווען. מיר האָבן זיך געפילט ווי אמתע בעלי־בתים.

וועגן פינפטן ברודער מיינעם, ראובן, וויל איך דאָ נישט מאריך זיין ווייל ער איז מיט מיר געווען צוזאַמען אַ שטיק לעבן און עס וועט מיר נאָך אויסקומען פון אים אַ סך צו דערציילן. ער האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין מיין לעבן, סיי אין דער יוגנט און סיי אין די רייפערע יאָרן. אָן אים וואָלט איך אפשר אויסגעוואַקסן גאָר עפּעס אַנדערש ... עס וועט נישט זיין קיין גוזמא צו זאָגן, אַז ער האָט זיך פאַר מיר ממש מקריב געווען.

ער האָט דווקא געהאַט מער מזל צום טאַטן. ער איז געווען, ווי מיין פאָטער פלעגט זאָגן, אַ „געצערטלטער". שוואַך אין געזונט — איז ער אָבער געווען פול מיט עפּעס אַ חן, וואָס האָט אַפילו דעם טאַטן ווייך געמאַכט. דערצו האָט ער געהאַט אַ שיין קול צום זינגען און אַ שטילע טבע פון געהאָרכזאַמקייט. ערשט ווען ער איז אַביסל עלטער געוואָרן, האָט זיך אין אים ראַפּטום באַוויזן אַן אומדערוואַרטע עקשנות קעגן טאַטן. ער האָט געהאַט אַ סך צרות דערפאַר, אָבער כמעט אַלעמאָל האָט ער אויסגעפירט דאָס זייניקע.

זיין גליק איז געווען וואָס ער איז גאָר פרי געוואָרן אַ בעל־מלאכה. זיין בעל־הבית האָט אים שטאַרק ליב געהאַט און אויך דער טאַטע האָט נישט געקענט העלפן דערצו. במילא, איז ער באַלד אַרויס־געפאַלן פון אונטער דעם טאַטנס השפעה.

פון די אַנדערע קינדער — שוין פון דער שטיפמאַמען — געדענק איך בלויז די עלטסטע שוועסטער חוה. אויך זי דערמאָן איך זיך בלויז ווי אַ קינד, וואָס איך האָב געכאָוועט. שפּעטער האָב איך זיך אויך באַקענט מיט מיין שטיפברודער הענעכן, וואָס איז אַריבערגעקומען קיין אַמעריקע שוין ווי אַ דערוואַקסענער בחור. די אַנדערע קינדער געדענק איך כמעט נישט. לויט ווי הענעך האָט מיר איבערגעגעבן האָט זיך דער טאַטע נאָך צענדליקער יאָרן נישט געביטן. די קינדער אָבער האָבן שוין אויפ־

געהערט צו פאָלגן. דערפאַר איז זיין צער געווען אַזוי גרויס, ביים צוזען וויאַזוי אַלע קינדער זיינע האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אויף אַנדערע וועגן און קיינער פון זיי איז נישט געוואָרן דאָס, וואָס דער טאַטע האָט וועגן זיי געחלומט. אָבער ווען די יינגסטע קינדער זיינען אונטערגעוואַקסן איז ער שוין נישט געווען ביי זיינע פולע כוחות. דערפאַר האָבן זיי גע־האַט וויניק אויסצושטיין ווי מיר, די עלטערע...

בסך הכל האָט דער טאַטע געהאַט 16 אָדער 17 קינדער מיטביידע פרויען. צוועלף פון זיי זיינען לעבן געבליבן און אויסגעוואַקסן.

די משפּחה

קיין סך וועגן מיין משפּחה וועט מיר נישט אויסקומען צו דערציילן. זי האָט אויף מיינע יונגע וועגן כמעט ווי נישט עקזיסטירט. איך וויל אָבער פּאַרט עפּעס אויפוועקן אין זכרון, ווי ווייט עס לאָזט זיך. וואָס שייך מיין מוטערס צד איז נישטאָ וואָס צו ריידן, ווייל זי איז געווען אַ בת־יחידה און מיט איר שטאַרבן האָט זיך פאַר מיר איבערגעריסן דער פאָדעם. דערפאַר אָבער איז די משפּחה פון טאַטנס צד געווען, ווי מען זאָגט, געקנופּט און געשלייערט.

די עלטסטע מומע, דעם טאַטנס לייבלעכע שוועסטער, איז געווען די מומע רייזע. איך האָב זי דערקענט שויןביים עלטער פון אַ אַריבער די פופציקער. זי איז געווען אַ הויכע, ברייטבייניקע פרוי מיט אַ מענערישן פּנים. איר גוטסקייט האָט איר אָבער געגעבן אַ שפּאַר ביסל חן. איין אויג איז ביי איר געווען משונה'דיק און ביים ערשטן מאָל זען זי האָט מען זיך דערשראָקן. מען האָט זי גערופן „דאָס איבערגעקערטע אויג", כאָטש עס איז בלויז געווען רויט און נישט אויפן אָרט. שפּעטער האָט זי זיך אָפּערירט אין וואַרשע און דאָס אויג איז דערפון קלענער געוואָרן ווי דאָס צווייטע, אויף וועלכן זי האָט מער נישט געזען. טאַקע זי האָט עס געכאָוועט מיין פאָטער קליינערהייט און אים צוגעהיטן ווי אַ מאַמע. דערפאַר מסתמא האָט זי אים אַזוי ליב געהאַט און ס'איז נישט געווען אַזאַ זאַך, וואָס זאָל ביי איר נמאס מאַכן „איר מרדכי אביגדור". אַפילו ער האָט אויך צו איר, דער איינציקער, אַרויסגעוויזן מער באַציאונג. מיט איר פלעגט ער רעדן אַ פּאָר ווערטער און אפילו גיין צו איר טייל־מאָל צו גאַסט. ביי איר מאַן, דעם הענדלער, פלעגט ער אַמאָל נעמען אַ פּאַפּיראָס און זיך מאַכן ווי אַ רויכערער, אַבי אַרויסצואווייזן אַזוי־אַרום די פריינטשאַפט.

ווען זי פלעגט אונז רופן אויף שבתדיקן טשאָלנט איז געווען דער

אמת׳דיקער יום־טוב. אויב זי האָט גערופן, האָט דער טאַטע נישט געקענט אָפּזאָגן. זי האָט געוואוינט אויף די ריבאַקעס און מיר פלעגן דאַרפן גיין איבער אַ סך לאָמזשער גאַסן, ביז מיר זיינען צו איר געקומען. זי האָט געהאַט אַ סך קינדער און איך ווייס נישט געניו וויפל. איך ווייס נאָר, אַז דער טאַטע האָט געוואָלט לערנען מיט אירע צוויי זין, זלמענען און מענדלען. צוליב איר האָט איר בכור, אַלטער, געמוזט שיקן זיין קינד פון אַ יאָר 5 צו מיין טאַטן אין חדר אַריין. איך געדענק ווי גליך ביים ערשטן מאָל לערנען א״ב האָט זיך דאָס קינד דערשראָקן. דער טאַטע האָט עס געגעבן אַ פּאַטש, פון וועלכן דאָס קינד האָט אָנגעהויבן בלוטיקן. אַלטער האָט מער נישט געוואָלט שיקן זיין אינגל צום טאַטן, נאָר די מומע רייזע האָט אירס אויסגעפירט און דאָס קינד איז געבליבן ביים טאַטן אין חדר. דאָס איז אַלץ, דוכט זיך, וואָס איך ווייס פון דער מומע רייזע. אפשר אויך דאָס, וואָס זי האָט געהאַט אַ שיינע טאָכטער, חיה מאַליע. ווען איך בין געווען אַ קינד פון אַכט יאָר האָב איך זיך נישט געקענט אָפּוואונדערן פון איר — און שוין זייענדיק אין אַמעריקע האָב איך זי ווידער געזען און נאָך באַמערקט די שפּורן פון איר אַמאָליקער שיינקייט.

מיין פאָטער האָט אויך געהאַט אַ אינגערן שטיפברודער, ישראל לייזער. ער האָט נאָך קיין אינגלעך נישט געהאַט און במילא ניט געקענט זיין אַזוי שטרענג מיט קינדער. ער האָט געהאַט אין מיין צייט אייניקע טעכטער. די עלטסטע, איטקע, האָט חתונה געהאַט מיט מיין ברודער משה. ישראל לייזער איז געווען אַ שיינער, פון נידעריקן וואוקס אָבער ברייטבייניק און מיט אַ שיינער, שוואַרצער באָרד. ער איז אַלעמאָל געגאַנגען געלאַסן, אַזויווי ער וואָלט געציילט די טריט, מיט אַ שטעקן אין דער האַנט און אַ פּאַפּירעסל אין מויל. יעדער האַלבע שעה האָט ער זיך געדרייט אַ ציגאַרעטל און דערביי אַריינגעוואָרפן אַ מוסר־ווערטל אָדער סתם אַ חכמה׳לע. מען האָט אים געהאַלטן פאַר אַ גרויסן למדן, הגם ער אַליין האָט געזאָגט אַז דער טאַטע קען בעסער לערנען. אפילו פאַר זיינע באַגריפן איז אָבער דער טאַטע געווען „אַלטמאָדיש״.

וועגן אים האָט מען זיך געסודעט, אַז ער „פוצט״ זיך אונטער די

באַרד. גאַנץ ספּעציעל האָט אים דערין חושד געווען דער טאַטע. ער האָט זיך טאַקע דערלויבט אָפּן צו לייענען די „הצפירה" אָדער „פריינד" און דאָס האָט אים געמאַכט אַ נאָמען פון אַ היינט-וועלטישן. אגב, האָט ער טאַקע געקענט פּויליש און רוסיש, זיך אפילו אינטערעסירט אַ קאַ־פּיטשקע מיט ליטעראַטור. דאָס זיינען אַלץ געווען חסרונות ביי מיין טאַטן און ביי די זעלטענע טרעפעניש מיט ישראל־לייזערן פלעגט ער עס אים פאַרהאַלטן. יענער ווייטער האָט געמוסרט דעם טאַטן, הלמאי ער איז „אַזוי פאַנאַטיש".

ער איז אַלעמאָל געווען ריין און ציכטיק געקליידט. דערפאַר איז ער געוואָרן דער „אַריסטאָקראַט" פון דער משפחה און מען האָט זיך געפילט חשיבותדיק ווען ער איז צוגאַסט געקומען. דאָס האָט אָבער נישט איינס צום צווייטן: צו זיינע טעכטער איז ער געווען נישט וויב־ציקער שטרענג ווי דער טאַטע צו זיינע... זיי האָבן זיך נישט געטאָרט רירן פון אָרט אָן זיין הסכמה. אַזוי, למשל, האָט זיין עטקע נישט געוואָלט חתונה האָבן מיט מיין ברודער משה, נאָר אַז ישראל־לייזער האָט גע־וואָלט — האָט ער אויסגעפירט... ערשט די צווייטע טאָכטער זיינע האָט אָנגעמאַכט די „רעוואָלוציע" אין הויז און אים געשעדיקט זיין אויטאָריטעט. זי, לאה'קע האָט זיך פּשוט פאַרליבט אין אַ סאָלדאַט וואָס האָט געדינט אין דערבייאיקן דאָרף לאָמזשיצע. ער, דער סאָלדאַט (קיין אַנדער נאָמען האָט מען אים נישט גערופן...) איז טאַקע געווען אַ וואוילער בחור — אָבער דאָס בלויזע „פאַרליבעניש" האָט אָנגע־וואָרפן אַ שרעק. עס האָבן אָבער נישט געהאָלפן די קלעפּ, דאָס פאַר־שליסן זי אין הויז און דאָס אויסהונגערן זי... לאהקע האָט חתונה געהאַט מיטן סאָלדאַט און ישראל־לייזערן איז פּשוט אונטערגעגאַנגען די וועלט.

אויך ער איז געווען אַ מלמד און צו זיין וויב האָט ער זיך נישט בע־סער באַצויגן ווי צו די טעכטער. זי האָט שווער געאַרבעט, געהאַט עסקים מיט גערטנער און סעדער, פעלדער און מילכיקע קי וואָס זי פלעגט דינגען צוליב חיונה. דאָס האָט די מומע חיה־הינדע אָנגעהאַלטן אַפילו ווען זיין חדר איז געווען דאָס בעסט־באַצאָלטע אין לאָמזשע. פאַר

אונז, קליינע חברה־לייט איז געווען אַ נחת צו גיין אויף גאַסט צו דער מומען. מיר פלעגן פון דאָרט קומען מיט אַזויפיל גוטע זאַכן ווי אַגרעס, עפל, פלוימען און באַרנעס. סיי ער און סיי זי האָבן געבענקט נאָך אַן אייגן אינגל — און דאָס איז מסתמא געווען די סיבה, פאַרוואָס מיר האָבן אַזויפיל נושא חן געווען ביי זיי. פאַרשטייט זיך, אַז ביי איר מער ווי ביי אים. ער האָט אַלעמאָל אַרויסגעוויזן עפּעס אַזוינס וואָס האָט אָפּגעשראָקן.

איך דערמאָן זיך, וויאַזוי אויף דער חתונה פון מיין ברודער משה מיט זיין טאָכטער, האָט ער צו די שבע ברכות איינגעלאַדן עטלעכע בעלי בתים זיינע מיט די קינדער. איך האָב זיך אויסגעפּוצט און צוגערוקט צו די קינדער, מיט וועלכע איך האָב זיך אָנגעהויבן צו שפּילן. פּלוצים האָב איך דערפילט ווי עמעצער רייסט מיך מיט בייזער האַסטיקייט ביים אויער און שלעפּט מיך צו דער טיר. איך האָב דערקענט ישראל לייזערן, וואָס האָט זיך געקאָכט אויף מיר:

— דו אויך מיט די בעל הבתישע קינדער!? אַרויס פון דאַנעט! זאָל דיין טאַטע דיך פריער אויסלערנען זיין אַ בעל־הבתיש אינגל...

ער איז אַזש בלייך געווען פון אויפרעגונג, דערפון וואָס איך האָב זיך געוואַגט אַריינצושטופּן צווישן „טאַטנס קינדער". מער האָב איך זיין שוועל נישט באַטראָטן ביז צו מיין אָוועקפאָרן קיין אַמעריקע. ער איז אפשר געווען אַביסל אַ לייכטער געמיט פאַר מיין פאָטער, דערפאַר וואָס ער איז ביז צום אויסוואַקסן געווען אין דערהיים און געהאַט אַ מוטער. זיינע שוועסטער האָבן אים געצערטלט און בכלל איז ער געווען מער מזל'דיק. קען זיין, אַז ער האָט אויך געהאַט מער שכל וויאַזוי צו באַנעמען זיך מיט מענטשן. אָבער ווען איך האָב אים מיט יאָרן שפּעטער געזען אין אַמעריקע, האָט ער אין מיינע אויגן אויסגעזען אַ סך האַרבער און שטרענגער ווי דער טאַטע.

* * *

די מומע טויבע הינדע איז געווען ישראל־לייזערס אַ לייבלעכע שוועסטער און מיין טאַטנס שטיפשוועסטער. זי איז געווען באַ'חנ'ט, מיט אַן איידעל פּנים. זי איז אָבער געווען אַ קרענקלעכע און געהאַט אַ

טבע צו חלשן. קען זיין, אַז דערפאַר האָט זי געמוזט חתונה האָבן פאַר אַן אַלמן מיט קינדער. זי איז זיי אָבער געטריי געווען ווי אַ מאַמע און אויך זיי האָבן זי שטאַרק ליב געהאַט. איר אייגענע טאָכטער, חיה, האָט חתונה געהאַט מיט מיין טאַטן נאָך דער מאַמעס טויט. מיין אייגענע קוזינע איז אַזויאַרום געוואָרן מיין שטיפמוטער. די מומע האָט זיך שטאַרק גרויס געהאַלטן מיט דעם שידוך און איז אָפט געקומען שעפּן נחת. איך געדענק זי צום ערשטן מאָל בעת זי האָט ביי אונז אַוועקגעחלשט אין אַ שבת נאָכמיטאָג, גלייך נאָכן עסן. דאָס גאַנצע געסעלע איז באַלד פול געוואָרן מיט מענטשן. איך דערמאָן זיך, אַזוי ווי איצט, אַז מיין ברודער כאַצקעל איז אַרויף אויפן בוידעם און געברענגט אַ מולטער, וואָס מען האָט איר אונטערגעלייגט צוקאָפּנס. אויב די סגולה איז נאָך געווען ווייניק, האָט ער מיטגעברענגט אַ פּסח׳דיקן, געדראָטעוועטן טאָפּ און אים צעבראָכן אויף דער מולטער. עד היום קען איך נישט דערגיין דעם מעדיצינישן סוד, וויאַזוי דאָס קען העלפן צו חלשות... אָבער בלויז דאַן האָט איר חלשן מיך אַזוי צענומען. ווען איך בין שפּעטער געווען אין פּיאָנטניצע האָב איך אויפגענומען איר כסדרדיק חלשן ווי אַ געוויינטלעכע זאַך.

זי האָט געהאַט דריי טעכטער — שאָשקע, חיה און חוה — און איין זון, חייקל. פּונקט ווי זי אַליין, האָבן אירע צוויי טעכטער חתונה געהאַט מיט אַלמנ׳ס און דאָס קומט מיר אויס מערקווירדיק ביז היינט... אַזוי ווי עפּעס אַ באַשטימטער גורל!

איר מאַן איז געווען אַ שמיד. איך געדענק אים ווי אַן אַלטן אידעלע, אַ געזונטער אָבער טויבלעכער — און די גוטסקייט אַליין. צו דער משפּחה איז ער געווען איבערגעגעבן בלב ונפש. שוין זייענדיק אַ זקן האָט ער געהאָרעוועט אין זיין קוזשניע פאַר דער גאַנצער משפּחה. זי אַליין האָט מיט מיין פאָטער קיין גרויסע שייכות ניט געהאַט. זי האָט בלויז אַ קורצע צייט הנאה געהאַט, וואָס זי האָט אַזאַ למדן ווי ער באַקומען פאַר אַן אײדעם. דערנאָך (אַזוי דוכט זיך מיר), האָט זי דערויף חרטה געהאַט. צו מיין שטיפמוטער האָט זי זיך דערנאָך פאַרקלאָגט: ווער האָט עס געדאַרפט? נעמען אַ מאַן, אַ כעסן און דערצו נאָך מיט

שטיפקינדער... איינמאָל האָט זי זיך אפילו צוקריגט מיטן טאַטן און אַ לאַנגע צייט נישט געקומען אין הויז.

צו מיר איז זי געווען לגמרי גלייכגילטיק. איך דערמאָן זיך נישט, אַז זי זאָל צו מיר אַמאָל האָבן אַרויסגעוויזן אַ באַציאונג; שלעכט אָדער גוט. מיך אָבער האָט אַלעמאָל עפּעס געצויגן צו איר, אָבער איך האָב זיך דערשראָקן פאַר איר בן יחיד. כ׳וויס אַליין נישט פאַרוואָס.

די מומע מרים בונע האָב איך קוים געזען איינמאָל אין מיין לעבן. װי איז געווען אַ שיינע פרוי און געוואוינט אין טשיזשעווע. דער גאַנצער עול פון פרנסה איז געלעגן אויף איר קאָפּ. איר מאַן איז געווען אַ מענטש מיט אויסטערלישע גענג. עטלעכע מאָל איז ער געלאָפן קיין אַמעריקע און זי גאָר האָט אים כסדר געדאַרפט שיקן געלט צום לעבן און דערצו נאָך אויף שיפס־קאַרטן, בכדי ער זאָל קענען צוריק־קומען... אין דער משפחה האָט מען זיך געשושקעט, אַז זי „איז אין אים פאַרליבט" — און איך געדענק נאָך ווי אַזוי דאָס אויסטערלישע וואָרט „פאַרליבט" האָט אָנגעוואָרפן אַ מיסטישן פחד אויף אַלעמען. עס האָט אויסגעזען, אַזויווי דאָס וואָלט געווען אַ געפערלעכע קרענק, רחמנא ליצלן, פון וועלכער מען טאָר אפילו נישט ריידן הויך. צוליב אים האָט דאָס סודות׳דיקע אַמעריקע אויך די געגומען ציען. איז זי אויך אַוועק אַהין, אויסגעהאָרעוועט אַביסל געלט און צוריקגעקומען עפּענען אַן אייגן געשעפט.

איך דערמאָן זיך, וויאַזוי זי איז געקומען צו אונז. דוכט זיך, אַז דאָס האָט זי זיך געוואָלט משדך זיין מיט אונז און זיך געישוב׳ט מיטן טאַטן. ס׳האָט זיך געהאַנדלט אין איר 19־יעריקער טאָכטער. וואָס עס איז געווען די מניעה ווייס איך נישט. איך דערמאָן זיך בלויז יענעם זומער־טאָג, ווייל זי האָט מיך אַרומגענומען און געקושט. דאָס ערשטע מאָל האָב איך דערשפּירט אַזאַ צערטלעכקייט צו זיך און זיך שטאַרק פאַרשעמט. זי האָט דערזען מיין צעפליקט היטעלע און גענומען מוסרן דעם טאַטן:

— מרדכי אביגדור, אַזוי באַהאַנדלסטו דיין יתום?

איך בין דאַן אַרומגעלאָפן באָרפיס און אָן אַ רעקל. פאַרוואָס די

טענה איז געווען בלויז צוליבן היטעלע קען איך נישט פאַרשטיין. זי האָט זיך געכאַפּט צונייען דאָס דאַשעקל און דערביי געזיפצט: „אָרעם יתומל, נעבעך!...״

מער האָב איך זי נישט געזען און אויך די אַנדערע מיטגלידער פון דער משפחה האָב איך מער נישט אָנגעטראָפן. מוז איך מיט די עטלעכע שטריכן אָפּשליסן דאָס משפחה־בילד.

אין סאָקאָלע

איך בין געבוירן געוואָרן אין סאָקאָלע, אָבער איך ווייס נישט גענוי אין וועלכן יאָר. איך ווייס בלויז, אַז ביים אַרויספאָרן פון סאָקאָלע האָט דער טאַטע געזאָגט, אַז איך ווער באַלד אַכט יאָר אַלט. דערפון האָב איך אויסגערעכנט שפּעטער, אַז איך בין געבוירן אין 1890 אָדער 1891. דאָס שטעטעלע איז געווען אַ קליינס, פון עטלעכע הונדערט אידן, און אַרומגערינגלט פון אַ סך גויישע דערפער.

מיין מוטער איז שוין געווען קראַנק און מען האָט פאַרבאָטן, אַז זי זאָל מיך דערציען אָדער זויגן. מיין אמתער דערציער איז געווען דער ברודער משה, און אין די ערשטע חדשים פון מיין לעבן האָב איך נישט געוואוסט פון מאַמישער צערטלעכקייט. געזויגן האָב איך אַ „שמאַטקע", ווי מען האָט עס דאַן גערופן. פון קיין מילך, אָדער אַנדערע „לוקסוסן" ביי נאָרמאַלע קינדער, האָב איך נישט אָנגעהויבן צו וויסן. עס איז אפשר קיין וואונדער נישט, וואָס ביי צוויי יאָר בין איך קראַנק געוואָרן אויף דער ענגלישער קרענק און נישט געהאַט קיין כח צו גיין אויף די פיסלעך. משה פלעגט מיר דערפאַר טראָגן אויסער דער שטאָט און מיר געמאַכט הייסע זאַמד־בעדער, צו שטאַרקן מיינע ביינער. ביי דריי יאָר האָב איך אָנגעהויבן צו גיין. ווי משה דערציילט, האָב איך שוין שכל געהאַט צו מאַכן ספּעציעלע אָנשטרענגונגען ווייל מען האָט מורא געהאַט, אַז טאָמער נישט וועל איך בלייבן אַן אייביקע קאַליקע. איך האָב זיך שטאַרק געגרויסט מיט די ערשטע טריט. באַלד נאָכן אָנהויבן צו גיין האָב איך שוין געקענט עברי. נאָר גראַד דאַן האָבן פּאַסירט צוויי זאַכן (מסתמא בין איך דאַן אַלט געווען אַ יאָר פיר אָדער עטוואָס מער): מיין מאַמע איז געשטאָרבן און משה האָט מיך פאַרלאָזט, אַנטלויפנדיק קיין וואַרשע...

נאָך היינט טראַכט איך, אַז די צוויי געשעענישן האָבן געלייגט זייער

שטייענדיק פון רעכטס צו לינקס: מיין ברודער העניאַך, מיין שוועסטער רייזל און ברודער יונה.
זיצנדיק: מיין פּאָטער, די אינגסטע שוועסטער עטקע און מיין שטיפמוטער חיה.

פון רעכטס צו לינקס: מיינע שוועסטער עטקע און פרומע; זיצנדיק: מיין פאָטער, מיין פלימעניצע טויבע (איצט אין ישראל) און מיין שטיפמוטער חיה.

חותם אויף מיין גאַנץ לעבן. די אומגליקלעכע קינדהייט האָט זיך איינ־געקריצט מיט דעפעקטן אין מיין געזונט, מיך געמאַטערט ביז דער בר־מצווה־עלטער און מיר גורם געווען אַן אַ שיעור צרות.

מיט דער מאַמעס טויט האָט די היים געענדערט איר אויסזען. משה מיט כאַצקלען זיינען אַוועק און אברהם איטשע איז שוין סיוּוּי נישט געווען אין דערהיים. געבליבן זיינען בלויז יאַנקל, ראובן און איך. יאַנקל איז שוין געווען אַ דערוואַקסענער בחור און מיך האָט אברהם־איטשע גענומען אויף אַ שטיקל צייט צו זיך. עטלעכע חדשים נאָך דער מאַמעס טויט איז דער טאַטע אַוועק זוכן אַ שידוך קיין לאָמזשע. ער איז שוין געווען אַ איד אין די פערציקער, ווען ער האָט חתונה געהאַט מיט מיין קוזינע — אַ בילד־שיין מיידל פון אַ יאָר 16־17. גראד דער טאַטע איז שטאַרק געווען קעגן שידוך. אָבער זיין שטיפשוועסטער האָט זיך אויף אים פשוט אָנגעזעצט — און אויך זי, די כלה אַליין, האָט שטאַרק אימפּאָנירט חתונה צו האָבן מיט „ר׳ מרדכי אביגדורן״. איז ער סוף כל סוף באַשטאַנען און זי אַהיימגעבראַכט...

יענעם טאָג דערמאָן איך זיך געגוי:

אונזער דירה איז באַשטאַנען פון עטלעכע „צימערן״. אין איינעם איז געווען דעם טאַטנס „חדר״ און דאָס צווייטע וואָלט מען היינט גערופן „שלאָף־צימער״. דערצו איז געווען אַ קליין שטיבעלע מיטן אויוון צום קאָכן. וועגן מעבל האָב איך היינט נישט קיין ווערטער צו שילדערן. ממש נישטאָ פון וואָס צו ריידן. דערפאַר אָבער זיינען אומעטום געווען אַ סך ספרים. אפילו פאַר אַזאַ קינד ווי איך איז געווען מאָדנע צו זען, אַז די שטוב איז אויפגערוימט. פאַרוואָס מען דאַרף זיך וואונ־דערן האָב איך נאָך נישט געקענט באַגרייפן. עס האָט מיך בלויז אַרומ־גענומען אַ ריח פון יום־טוב און דאָס פריש־אָנגעשאַטענע, געלע זאַמד אויף דער פּאָדלאָגע האָט עפּעס אַזויוי אויסבאַהאַלטן פאַר מיר אַ פריילעכן סוד.

איך האָב אָבער לאַנג נישט געקענט גאַפן. דער טאַטע איז אַריינ־געקומען פון גאַס און מיר אָנגעוויזן:

„— דאָס איז דיין מאַמע... אַזוי טאָקע זאָלסטו זי רופן...״

די נייע מאַמע האָט מיר דערווייל דערלאַנגט אַ קליין שאַכטעלע צוקערלעך, אַזוי גרויס ווי אַ קעסטעלע שוועבעלעך; אָבער דאָס שאַכ־טעלע האָט געהאַט אויף דער צווייטער זייט אַ שפּיגעלע. זי האָט מיר דערביי געזאָגט:

„— אַז דו וועסט זיין אַ גוט אינגעלע, וועל איך דיך ליב האָבן...״

זי האָט מיר געגעבן אַ קוש, דעם איינציקן קוש וואָס איך האָב ביז דאַן פון עמעצן באַקומען... יענער גאַנצער טאָג האָט מיך געהאַלטן אין עפּעס אַ פריילעכער, קינדישער שכרות. פונדעסטוועגן האָב איך גלאַט פון נייגעריקייט עמעצן געפרעגט, וואָס עס וועט איצט זיין מיט דער אמתער מאַמען. נאָר דערויף האָט מיר קיינער נישט געענטפערט. באַלד אָבער האָט זיך אָנגעהויבן דער גיהנום. די „נייע מאַמע״ האָט נישט גע־קענט אויסקומען מיט יאַנקלען און כאַצקלען. עס האָט אויסגעזען, אַז איר אַליין איז נאָך עטלעכע וואָכן פינסטער געוואָרן אויפן האַרץ און זי האָט געדאַרפט אויף עמעצן אויסלאָדן דעם כעס — און איך בין אַלע־מאָל איר געווען אויף די אויגן.

איך בין ראַפּטום געוואָרן איבעריק אין שטוב, עפּעס אַזויווי אַן אונ־טערגעוואָרפענער. דער טאַטע איז געווען פאַריאָגט אין דער חיונה און די ברידער זיינען אַליין געווען הילפלאָז. צוליב פרנסה האָט דער טאַטע אַפילו געמוזט אָוועקפאָרן אויף אַ צייט אין אַ דערבייאיק שטעטל און מיטגענומען ראובנען מיט זיך. דאָס איז געווען תיכף נאָך דעם ווי זי האָט געבוירן מיין שטיפשוועסטער חוה. בין איך געבליבן מיט איר אויג אויף אויג און זי האָט מיך פשוט געטרעטן מיט די פיס.

אַז איך טראַכט אַמאָל פון יענע יתום־טעג מיינע, וויל איך פאַרשטיין מיטן שכל: פאַרוואָס איז זי געווען אַזוי גרויזאַם צו מיר? סוף כל סוף איז זי דאָך אַליין געווען אַ האַלב־קינד, דערצויגן ווי אַלע מיידלעך אין אידישע היימען. וויאַזוי זשע האָט ביי איר געקענט זיין אַזאַ מין ממש־ווילדער האַס צו אַ פיר־יעריק קינד? לויט די לעצטע ברעקלעך זכרונות, וואָס איך קען פון זיך אויסגראָבן, דוכט זיך מיר, אַז זי האָט עפּעס געהאַט אַ שטיקל אָבערגלויבערישע מורא פאַר מיר, דעם יתום פון טאַטנס פריערדיקן ווייב. מיין אומגליקלעכע קרענקלעכקייט האָט זי

אָפּגעשראָקן און געדראָט . . . עס האָט זי פֿאַרדראָסן פֿאַרוואָס איך לעב און זי איז געווען איבערצייגט, אַז איך מאַך איר קאַליע דאָס מזל . . . איך נעם עס דערפֿון, וואָס זי האָט געפּלעגט זאָגן אָפֿט:

— מיין דאַליע וואָלט אַ סך בעסער געווען, ווען איך האָב אים נישט אין שטוב . . .

והשנית, דוכט זיך מיר איצט, אַז זי האָט זיך פּשוט געמיאוסט פֿון מיר . . . וואָס אַזוינס פֿון מיר עס האָט אַרויסגערופֿן איר ווידערווילן קען איך זיך איצט נישט דערקלערן. איך האָב אָבער אַן אָנונג, אַז מיין קינדיש־שווערע דאַליע האָט אָנגעוואָרפֿן אַ פּחד אויף דער צו־קונפֿט פֿון איר און די קינדער אירע. דאָס אומגליק איז דורך מיין לעבן געשטאַנען פֿאַר אירע אויגן. אָבער נאָך איין דערקלערונג האָב איך פֿאַר זיך: זי האָט ביטער חרטה געהאַט אויף דער משונהדיק־אומ־גלייכער חתונה — און איך בין געווען דער איינציקער, אין וועמען זי האָט געקענט נקמה נעמען, אָן דער מינדסטער מורא פֿאַר אַ ווי־דערשטאַנד . . .

איר באַציאונג צו מיר האָט אויפֿגערעגט אַלע שכנים. זיי האָבן זיך מיט איר דערפֿאַר אַרומגעקריגט, אָבער זי האָט ווייניק וואָס געאַרט מענטשנס מיילער . . . דער טאַטע האָט זיך אַלע זמן געמוזט פֿאַרדינ־גען ווי אַ מלמד אין אַ דאָרף אָדער אַ שטעטעלע. מיך האָט ער אָפּגעגע־גבן צו זיינס אַ ידיד, אויך אַ מלמד — און טאַקע יענע שעה׳ן ביי ר׳ הערשלען, זיינען געווען די בעסטע וואָס איך האָב דאַן געקענט איבער־לעבן. עס האָבן מיך אַפֿילו נישט געאַרט די פֿאַר קלעפּ, אָדער קניפּ, וואָס דער רבי האָט מיר אַמאָל געגעבן. זיין ווייב שרה איז פֿאַר מיר געווען די אמתע מאַמע און מיר געגעבן צו עסן און צו טרינקען.

יענער ווינטער פֿון חוהס געבוירן ווערן איז אויך פֿאַר מיין שטיפֿ־מוטער געווען אַ שלעכטער. זי איז געווען איינזאַם און געבענקט צו אירע אייגענע. דערצו האָט זי געהאַט אויסצושטיין פֿון די שכנים, וואָס האָבן זיך אָנגענומען מיין קריוודע. אפֿילו די בעקערקע, וואָס האָט געוואוינט מיט אַ שטאָק העכער איז מיט איר ברוגז געוואָרן. דערפֿאַר איז זי נאָך מער געוואָרן פֿאַרביסן אויף מיר. איז געקומען דערצו, אַז עס זאָלן פֿאַ־

סירן זאַכן, וואָס שוידערן מיך נאָך היינט אויף. עטלעכע פון זיי וויל איך בלויז ברענגען ווי אַ ביישפיל פון מיינע קינדערישע יסורים:

איינמאָל איז דער טאַטע אהיימגעקומען אויף חנוכה. מיין רבי, הערשל האָט אים אָפּגעגעבן אַ גוטן גרוס פון מיר. נאָך מער האָט מיך אויסגעלויבט זיין ווייב, די גוטע שרה. ווען דער טאַטע איז דערנאָך אַריינגעקומען אין שטוב אַריין און מיך געטראָפן ביים חומש, האָט ער מער נישט געקענט באַהאַלטן זיין צופרידנקייט. ער איז אַזוי שטאַרק נתפּעל געוואָרן, אַז ער האָט מיר אַזש צוגעזאָגט צו לאָזן אַ גראָשן לעצט־געלט פאַרן אַוועקפאָרן. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז קיין קינד אין דער וועלט האָט נאָך אַזאַ וואזשנע מתנה נישט באַקומען — און דאָס האָט מיך נישט ווייניק שטאָלץ געמאַכט. פאַרנאַכט־צו איז דער טאַטע מיט מיר געגאַנגען צום שערער, מיך געלאָזט אָפּשערן און אַרומוואַשן... ווען האָט דען דער טאַטע אַרויסגעוויזן אַזויפיל אויפמערקזאַמקייט צו מיר? דאָס האָט מיך אַזש אויפגערעגט...

אָבער ערשט פאַרן אַוועקפאָרן האָט דער טאַטע זיך דערמאָנט אינעם גראָשן און מיר געזאָגט, אַז „זי" — דאָס מיינט, די שטיפמאַמע חיה — וועט אים מיר געבן, ווען זי וועט אויסבייטן דאָס געלט וואָס ער לאָזט איר... מיר איז גאָר קאַלט געוואָרן פון אַזעלכע ווערטער, אָבער צומאָרגנס האָב איך פאָרט פאַרלאַנגט דעם טאַטנס גראָשן. איך האָב פון איר באַקומען קללות און קלעפּ, אָבער מיין קינדישע עקשנות האָט מיך געשטויסן מיט עטלעכע טעג שפּעטער זי ווידער צו מאָנען... איך האָב רעכט נישט געוואוסט, וואָס איך דאַרף אייגנטלעך טאָן מיטן גראָשן — אָבער עס האָט זיך מיר געבענקט צו מיין טאַטנס אַ מתנה. נישט קענענדיק ביי איר אויספּירן, האָב איך כיטרע געוואַרט אויף מיין צייט. איינמאָל האָט זי מיך געשיקט ערגעץ אויפמאָנען אַ חוב. איך בין אַוועק, אַראָפּגענומען אַ גראָשן און פאַר איר אויסגעקלערט אַ מעשה, אַז איך האָב פונעם געלט פאַרלוירן דעם איינציקן גראָשן...

זי האָט מיך גראָד נישט געשלאָגן, נישט געשאָלטן — נאָר פּשוט געהייסן גיין. אָן קולות האָט זי מיר אָנגעזאָגט, אַז איך זאָל גיין זוכן דעם גראָשן און נישט אַהיימקומען, ביז איך וועל אים נישט געפינען.

דאָס איינציקע אָרט, וואוהין איך האָב געקענט גיין איז געווען דאָס בית מדרש, וואו איך האָב זיך אָוועקגעלייגט צווישן די שמות. הונגעריק בין איך געווען — איז מיר געשען אַ נס און איך האָב דאָרט געפונען עטלעכע פאַרוואַלגערטע שטיקלעך פאַרשימלט ברויט. יענע נאַכט האָב איך שוין איבערגענעכטיקט אין בית־המדרש. אָבער צומאָרגנס איז געווען אַ יריד אין סאָקאָלע און קיינער האָט מיך רעכט נישט באַמערקט. היות ווי איך בין געווען שרעקלעך הונגעריק, בין איך אַוועק אַהיים נישט קוקנדיק אויף מיין שרעק. די שטיפמאַמע האָט מיך נישט געפרעגט וואו איך האָב גענעכטיקט, וואָס איך האָב געגעסן — נאָר געפרעגט אויפן גראָשן... גלייך אַזויווי זי וואָלט מיך ערשט מיט אַ האַלבער שעה צוריק געשיקט נאָך אים. איך האָב איר געזאָגט, אַז איך האָב אים נישט געפונען. צום שלימזל האָט זי גראָד אין יענעם טאָג געדאַרפט פאַרלירן אַ דריי־קאָפּיקענע מטבע. דער שכל אַליין האָט איר דערפאַר אונטערגעזאָגט, אַז פּונקט ווי איך קען נעמען דעם גראָשן קען איך אויך צונעמען די דריי קאָפּיקעס. ס'קען דען אַנדערש זיין?

זי האָט געלאָזן צוגעמאַכט די טיר און מיך גענומען שלאָגן מיט אַ שטיק האָלץ, אַז איך זאָל זיך מודה זיין. מיינע געשרייען האָבן דערגרייכט צו די שכנים. די בעקערין האָט גענומען זעצן אין סופית, נאָר מיין שטיפמאַמע איז דערפון נישט נתפעל געוואָרן. זי האָט מיך אַזוי־פיל געשלאָגן, אַז איך האָב שוין מער קיין כח נישט געהאַט צו שרייען און וויינען. עפּעס ווי דורך אַ נס איז אָנגעקומען מיין אויסגעגעבענער ברודער אברהם־איטשע. ווען ער האָט מיך דערזען אין אַזאַ מעמד איז ער שטאַרק דערשראָקן געוואָרן. ער איז צוגעלאָפן צו מיר, מיך אויפגעזעצט פון דער פאַדלאָגע און זיך אַליין צעוויינט:

— וואָס איז געשען?

נאָך אײדער זי האָט באַוויזן צו עפענען דאָס מויל, האָט ער באַמערקט אין אַ ווינקל אַ „דידקע" (דריי קאָפּיקעס). ער האָט איר אָנגעוויזן און געפרעגט, אויב זי האָט נישט אַמאָל פאַרלוירן די מטבע... קען זיין אַז זי האָט זיך פאַרלוירן. דערפאַר איז זי גאָר פאַרלאָפן דעם וועג און אויך אויף אברהם איטשען אָנגעפאַלן מיט זידלערייען: פאַר־

וואָס מוז זי פון מיר לײַדן? פאַרוואָס נעמט ער מיך נישט צו פון שטוב? דאָס האָט אַזוי שטאַרק געווירקט, אַז מײַן אברהם איטשע האָט זיך פאַר־לוירן. ווי נאָר אַ שכנטע האָט זיך אַרײַנגעריסן אין שטוב אַרײַן, בכדי צו קריגן זיך מיט דער שטיפמאַמע פון מײַנעטוועגן, איז ער נעלם געוואָרן... איך ווייס נאָר, אַז דאָס איז ער געלאָפן זיך מיישב זײַן מיט מײַן מלמד וואָס צו טאָן. ער האָט דערביי דערציילט ר' הערשלען און שרה'ן, וואָס עס איז פאָרגעקומען.

די מעשה מיטן גראָשן האָט נאָך מער פאַרטריבן פון איר די פאַר באַקאַנטע. איז זי געוואָרן נאָך עלנטער און פאַרביטערטער. דערפאַר האָט זי געגומען טראַכטן גאָר שטאַרק וועגן אַוועק פון סאָקאָלע. אָבער וויאַזוי? נישט האָבענדיק קיין האָפענונגען דערויף האָט זי ווידער גע־זוכט אין מיר די נקמה — און באַלד האָט זיך איר ווידער געמאַכט אַ געלעגנהייט דערצו:

איך האָב שוין דערציילט וועגן דער גוטער באַציאונג פון מײַן מלמד'ס ווייב צו מיר. זי אַליין איז געווען זייער צווייטע פרוי און האָט געהאַט אַ בן יחיד. ווען איך בין אָנגעקומען לערנען צו איר מאַן איז זי שוין געווען דריי פערטל בלינד און עס איז געווען אַ פראַגע פון אַ קורצער צײַט ביז זי וועט לגמרי פאַרלירן די ראיה. זי האָט דערפון געוואוסט און זיך גאָרנישט געקענט העלפן. אַזוי איז זי דווקא געווען אַ שיינע פרוי, נאָר דער אומגליק האָט זי שטאַרק נידערגעשלאָגן. פון גרויס רחמנות און מיטגעפיל צו מײַן עלנט האָט זי איר גאַנצע גוטסקייט קאָנצענטרירט אויף מיר. זי האָט מיר געוואַשן דעם קאָפּ, פאַרלאַטעט מײַנע בגדימלעך און זינט דעם פאַל מיטן גראָשן האָט זי נאָך מער געגומען אַכטונג געבן אויף מיר. דאַן האָט זי באַמערקט, אַז פון מײַנע הייזלעך זײַנען כמעט איבערגעבליבן בלויז די לאַטעס און דאָס האָט זי נישט געקענט פאַר־טראָגן. היות ווי איר בן־יחיד איז געווען אין מײַנע יאָרן, האָט זי אויסגעזוכט זײַנע אַ פּאָר נייע הייזלעך און מיך געהייסן אָנטון. מײַן שמאַטע האָט זי צוגענומען און פאַרוואָרפן אויפן בוידעם.

עס זײַנען פאַריבער עטלעכע וואָכן ביז מײַן שטיפמוטער האָט ראַפּטום באַמערקט, אַז איך טראָג נישט מײַנע פריערדיקע הייזלעך.

אויף איר פראַגע האָב איך דערציילט דעם גאַנצן אמת, אָבער דאָס האָט זי אַריינגעוואָרפן אין אַזאַ צאָרן, אַז איך האָב זיך געוואָרפן פאַר שרעק ווי אין קאָנוואולסיעס. פון גרויס צעטומלטקייט האָב איך זיך באַהאַלטן אין אַ ווינקל און מיט די הענטלעך זיך איינגעקלאַמערט אין דער קאַמאָד — גלייך ווי דאָס וואָלט מיך געקענט שיצן פאַר איר צאָרן. זי האָט ווידער געכאַפּט אַ שייטל האָלץ און געקלאַפּט איבער מיר, וואו זי האָט נאָר געטראָפן. דערביי האָט זי געהאַלטן אין איין שרייען: „אָט האָסטו דיר פאַרן פאַרשוואַרצן מיר דאָס פּנים און נעמען זאַכן ביי פרעמדע!"...

ווילאַנג דאָס האָט געדויערט ווייס איך נישט, ווייל איך האָב זיך ערשט אויפגעכאַפּט אין דער פרי און געזען, אַז איך ליג נאָך אַלץ ביים קאַמאָד. איך האָב זיך געפּרואווט אַרויסגנבענען פון שטוב, נאָר זי האָט מיך באַמערקט און מיר נאָכגעשריגן, אַז איך זאָל צוריקקומען אין די אַלטע מייטקעס — אויב איך וויל נישט כאַפּן נאָך אַן ערגערן פּסק פון נעכטן. איך האָב געמוזט בעטן רחמים ביי דער מלמד'קע, זי זאָל מיר אויסזוכן די אַלטע — און זי האָט געמוזט פּטרן אַ האַלבן טאָג ביז זי האָט זיי אַביסל צוגעניייט. דאָס האָבן זיך באַלד דערוואוסט אַלע שכנים און עמעצער האָט געשריבן צו מיין ברודער כאַצקל, אַז ער זאָל מיך קומען באַשיצן. פּסח־צייט איז ער טאַקע געקומען. אויך דער טאַטע איז געקומען און פון יענע טעג דערמאָן איך זיך אַזאַ מין בילדל:

די צווייטע טעג יום־טוב בין איך געקומען פון מנחה דאַווענען און דערזען ווי מיין שטיפמאַמע זיצט אין אַ ווינקל און וויינט. מיין פאָטער איז געזעסן אין אַ זייט און זיך איינגעהערט צו אירע טענות. זי האָט דערביי אים געמאָלדן, אַז טאַמער ציט ער זיך נישט אַרויס פון סאָקאָלע, וועט זי אַליין אַנטלויפן. אויסער דעם: טאַמער לאָזט ער זי איבער מיט מיר, וועט זי מיר אָפּטון אַ מעשה און איינמאָל פאַר אַלעמאָל פון מיר פּטור ווערן. זי האָט אויך געדראָט צו עפענען כאַצקלען דעם קאָפּ מיט אַ שטיק האָלץ, אויב ער וועט נאָך וואַגן צו קומען. עס האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז כאַצקעל האָט זי געדראָט זי זאָל מיך מער נישט וואַגן צו פּייניקן. פון איר געוויין אויפן טאַטנס קאָפּ האָב איך פאַרשטאַנען, אַז

ער אַליין האָט געמוזט שטילערהייט מסכים זיין מיט כאַצקלען. געווי וואָס עס איז ווייטער פאָרגעקומען קען איך זיך נישט דערמאָנען. איך ווייס נאָר, אַז אויך דער טאַטע האָט באַשלאָסן זיך אַרויסצוציען פון סאָקאָלע. איך בין דאַן אַלט געווען ביי אַ 7־8 יאָר.

וואָס אַן אמת בין איך אַליין אויך צופרידן געווען דערפון. עפעס האָט זיך מיר אויסגעדוכט מיטן קינדישן שכל, אַז מיינע אַלע צרות נעמען זיך דערפון וואָס מיר וואוינען אין סאָקאָלע. איך האָב געמיינט, אַז ווי נאָר מיר וועלן פאַרלאָזן דאָס שטעטל — וועלן אַלע יסורים דאָרט צוריקבלייבן און מיך וועלן זיי נישט קענען דעריאָגן. דערפאַר האָב איך זיך אַזוי געפרייט, ווען עס איז צוגעפאָרן אַ הויכער וואָגן צו אונזער שטוב און פאַרנומען אונז צוזאַמען מיט די חפצים. איך האָב אפילו פאַרגעסן אויף אַ ווייל די נקמה־חלומות וואָס האָבן זיך שוין געהאַט איינגעפרעסן אין מיין קינדיש הערצל קעגן אַלעמען: קעגן דער שטיפמוטער, גלאַט־מענטשן און אפילו קעגן דעם אייגענעם טאַטן.

איך האָב זיך גאָרנישט געקענט פאָרשטעלן, אַז מיין אומגליקלעכער מזל קען מיר פאָראויסלויפן דעם וועג אַ סך שנעלער ווי דער הויכער וואָגן מיט די צוויי גוט־געשפּאַנטע פערד...

פּיאָנטניצע

איך ווייס אַליין נישט, וויאַזוי צו באַצייכענען דאָס נייע מקום, וואו־הין מ׳ה האָבן זיך אַריבערגעצויגן. מען קען עס נישט אָנרופן „דאָרף״, הגם עס איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ סך קליינע דערפּ־לעך און עס האָט אויך נישט געקענט אָנגערופן ווערן „שטעטל״ מיטן פולן מויל, ווייל עס איז נאָך געווען קלענער פון סאָקאָלע. בכל אופן איז עס געווען אַ פאָרשטאָט פון לאָמזשע. אין פּיאָנטניצע האָבן זיך גע־פונען אַ סך סאָלדאַטן־לאַגערן און מיליטער־שולן פאַר קינדער. מען האָט אפילו געשמועסט, אַז דאָרט ווערן דערצויגן אַלע אומלעגאַלע קינדער וואָס די רעגירונג האָט צונויפגעזאַמלט און געוואָלט האָבן פון זיי אַ מיליטערישן נוצן.

הגם פּיאָנטניצע איז געווען קלענער פאַר סאָקאָלע און געהאַט ווינציקער יידן, האָט זיך דאָרט אויסגעווירקט די נאָנטקייט צו לאָמזשע. אויך די סאָלדאַטן האָבן עפּעס אַזויוי אַריינגעברענגט גרויסשטאָטיש־קייט אין דער אַטמאָספּערע. דאָרט האָבן געוואוינט מיין שטיפמוטערס עלטערן און טאָקע צו זיי זיינען מיר פאַרפאָרן מיט האַק און פּאַק. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז אין אַזאַ קליין מקום וועט דער טאַטע זיך נישט קענען איינשטעלן קיין „חדר״ ווי געהעריק און ער האָט אַ טראַכט געטאָן וועגן עפענען זיין חדר אין לאָמזשע גופא. ער איז טאַקע אַוועק אַהין (לאָמזשע איז געווען צוויי ווערסט פון פּיאָנט־ניצע) און מיטגענומען מיין ברודער, ראובנען. די שטיפמאַמע, איך, מיין מיין ברודער יאַנקל און חיה זיינען דערווייל געבליבן מיט אירע עלטערן. היות ווי עס איז געווען צו־ענג, בין איך געשלאָפן אויפן פּיעקאָלעק און מיין ברודער איז געשלאָפן אין דעם שכנותדיקן „מנין״ — ווייל דאָרט האָט מען בלויז געדאַוונט פרייטיק צונאַכטס און שבת. באַלד

האָט מען אויך מיך טראַנספּאָרטירט אַהין שלאָפן, ווייל איך בין גאַנצע נעכט געלעגן און געוויינט...

דער טאַטע איז בלויז געקומען אַהיים פון איין שבת צום אַנדערן און די שטיפמאַמע האָט זיך איצט געפילט אַ סך פרייער צו טאָן וואָס זי וויל. גלייך די ערשטע טעג האָט מען מיך אָפּגעגעבן אין דער תלמוד־תורה, וואו דער מלמד איז פון מיר באַלד געוואָרן גאָר שטאַרק צו־פרידן. אויך די אינגלעך האָבן זיך צו מיר צוגעקלעפּט און מיר געגעבן אַלערליי מתנות. איך וואָלט געקענט זיין אַביסל צופרידן מיט מיין גורל, אָבער ח״ל — דער שטיפמאַמעס ברודער אין מיינע יאָרן — האָט מיך שטאַרק מקנא געווען און דערפאַר האָט ער מיר גענומען דערגיין די יאָרן. ער האָט געוואוסט, אַז זיין שוועסטער האָט אויף מיר אַ האַרץ און דאָס האָט אים נאָך לייכטער געמאַכט. קודם כל האָט ער מיך גענומען אויסהונגערן. אַזוי ווי מיר זיינען צוזאַמען געגאַנגען אין דער תלמוד תורה, האָט מען אים מיטגעגעבן דאָס עסן אויך פאַר מיינעט־וועגן. אָבער איך האָב עס קיינמאָל פאַר די אויגן נישט אַנגעזען. נאָר די אינגלעך האָבן מיך נישט פאַרגעסן און נישט געלאָזט, אַז איך זאָל הונגעריק בלייבן. דערפאַר האָט ח״ל צוגעטראַכט אַנדערע שפּיצלעך.

ער האָט מיך מורא געהאַט צו שלאָגן, נאָר פאַרן שלאָפן האָט ער מיר צוגעגנבעט דעם שעניק אָדער די קאָלדרע. איך פלעג דערפאַר זיך וואַלגערן גאַנצע נעכט און וויינען פון צער. אין שטוב, ביים עסן, האָט ער מיר שטילערהייט אַריינגעשיט אַש אָדער קוילן אין דער זופּ — און אַז איך האָב דערנאָך נישט געוואָלט עסן האָט מיך די שטיפמאַמע שרעקלעך געשלאָגן. עס איז ביי איר אויסגעקומען, אַז איך וויל דאָס טעלערל פון הימל. איך וואָלט זיכער אויסגעזאָגט דעם אמת, אָבער איך האָב שוין געוואוסט, אַז עס וועט מיר נישט העלפן. דערצו האָט מיך ח״ל געוואָרנט, אַז ווי נאָר איך וועל אים פאַרמסרן, וועט מיר זיין ווינד און ווינד. דאָס איינציקע אָרט, וואו ער האָט נישט געהאַט קיין שליטה איבער מיר איז געווען די תלמוד תורה.

ביסלעכוויז איז אין מיר אויסגעוואַקסן אַ געפיל פון פּראָטעסט. פון די אינגלעך האָב איך געהערט, אַז אין לאָמזשע איז פאַראַן אַזאַ מין

חברה „השגחת יתומים״, וואָס באַשיצט אַזעלכע קינדער ווי איך. אַלע־מאָל האָב איך געהערט פון אַן אַנדער אינגל, אַז ער גייט מיט זיין טאַטן קיין לאָמזשע — האָט עס אויך מיך אַ צי געטאָן אַהין. בעיקר האָט דאָס געפיל זיך געשטאַרקט אין מיר נאָך דעם, ווי אויך יאַנקל איז אַוועק און איך בין געבליבן אַן קיינעם. דאָס שלאָפן איינער אַליין אינעם פינסטערן מנין האָט אויף מיר אַנגעוואָרפן אַ פּחד. אין די נעכט אַן שלאָף בין איך געלעגן און געטראַכט פון מיין ברודער ראובן, וואָס געפינט זיך דאָרט. מיין קינדערישער דמיון האָט מיך אויך פאַר־כשופט מיט אַלערליי בילדער פון יענער זייט בריק און דאָס לאָמזשע האָט זיך מיר פאַרגעשטעלט ווי עפּעס אַ וואונדערלעכע כרך... האָב איך מער נישט געקענט אויסהאַלטן פון בענקשאַפט.

ווי יונג איך בין נישט געווען דאַן, האָב איך שוין פאַרשטאַנען, אַז אין אַזאַ גרויסער שטאָט מוז מען אָנקומען אין די שבתדיקע בגדים, מיט די שיך אויף די פיס. אָבער וויאַזוי מאַכט מען עס, אַז ח־ל איז אומעטום און לאָזט מיך נישט אויסן אויג? מער דאַרף איך נישט, נאָר ער זאָל מיך אַנהויבן אויספאָרשן: וואָס עפּעס ראַפּטום שיך אין מיטן דער וואָך? אָבער אַ גאַנצע וואָך בין איך געגאַנגען כמעט ווי נאַקעט און באָרפעס. מיין הלבשה איז באַשטאַנען פון אַ העמדל, אַ פּאָר הייזקעס, אַ היטל און אַן ארבע־כנפות׳ל... קען מען זיך דערמיט באַ־ווייזן אין אַזאַ שיינער שטאָט ווי לאָמזשע, וואָס האָט מיך געריצט פון דער ווייטנס?

אָבער דאָס ציעניש צו דער גרויסער וועלט האָט מיך שוין דאַן געפּאַנגען. דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן האָב איך געזען אַ בריק און מיין קינדיש געמיט האָט געוואָלט שפּירן דעם טעם וואָס מען האָט בעת מען גייט זי אַריבער. אויסער דעם האָב איך סתם געמיינט, אַז ווי נאָר איך שטעל אַריין דעם ערשטן טריט אין לאָמזשע — בין איך אַ גרויס־שטאָטישער און עפּעס אַ אינגל פון קליינעם פּיאָנטניצע, ווי ח־ל איז, וועט פאַרלירן די גאַנצע שליטה איבער מיר. די דאָזיקע פאַנטאַזיעס האָבן אַזוי שטאַרק צעוואַרעמט די בלוטן אין מיר, ביז איך בין אין אַ

שיינעם דאַנערשטיק אָוועק פון שטוב ווי אַלע טעג, אָבער אנשטאָט אין תלמוד תורה האָב איך גלייך אַוועקגעשפּרייזט קיין לאַמזשע...

ווי עס דוכט זיך מיר איצט, האָט דאָס אַריבערגיין דעם קליינעם טייך מיט דער בריק ביי מיר אַרויסגערופן מער האַפּעגונגען ווי מיט יאָרן שפּעטער, בעת איך בין אַריבער אַ גרעסערן ים און זיך אַריבערגע־טראָגן אין אַ מיליאָן־מאָל גרעסערן „לאַמזשע" — קיין אַמעריקע...

דאָס ערשטע מאָל בין איך געווען אַליין אין „וועג", געוואָלט נעמען דעם אייגענעם גורל אין די הענט אַריין — און אַזוי שווער אַנטוישט געוואָרן... דאָס כשופ'דיקע לאַמזשע פון יענער זייט האָט זיך פון דער נאָנט אַרויסגעוויזן צו זיין אַ שטאָט ווי אַלע שטעט, הגם אַביסל גרעסער פון פּיאַנטניצע אָדער סאָקאָלע...

„ריבאַקעס"

די ערשטע טעג האָט מיר דאָס גאַנצע לאָמזשע אויסגעזען ווי אַ רע־טעניש: עפּעס האָב איך דאָרט געזען די זעלבע מענטשן וואָס אומע־טום און אויך די רייד זיינען די זעלבע ווי ערגעץ אַנדערש. אויב אַזוי, פאַרוואָסזשע דאַרף מען עס לויפן אַהער? ערשט שפּעטער האָב איך פאַרשטאַנען, אַז לאָמזשע איז פאָרט אַנדערש: פאַראַן דאָרט אַלערליי גאַסן און אַלערליי מענטשן. איך האָב זיך אויך דערוואוסט, אַז מיין פאָטער האָט זיך געעפנט אַ חדר אינעם אָרעמסטן טייל פון שטאָט — די „ריבאַקעס".

הגם מיין אַנטלויפן קיין לאָמזשע איז פאָרגעקומען פּלוצים, האָט מיר אָבער אויסגעזען אַז דער טאַטע איז פון גאָרנישט איבערראַשט. ער האָט מיך אויפגענומען, אַזויווי ער וואָלט מיך גאָר דערוואַרט. ער האָט בלויז געפרעגט פאַרוואָס כ'האָב זיך נישט אָנגעטאָן לייטיש. ווי נאָר איך האָב אים אַלץ דערציילט, האָט ער מיר פאַרזיכערט, אַז כ'וועל נישט דאַרפן צוריקגיין קיין פּיאָנטניצע. ער האָט מיך אָנגענומען ביים הענטל און אריינגעפירט צו אַ פרוי מיטן נאָמען חיה. ער האָט איר בלויז געזאָגט:

— אָט דאָס איז דער מוזשינעק.

זי האָט מיר באַלד געגעבן צו עסן און אָנגעוויזן וואו איך וועל שלאָפן. דאָס ערשטע מאָל אין לעבן האָב איך געשפּירט אַזויפיל ליב־שאַפט צו מיר און איך האָב נישט געוואוסט וואָס צו טאָן פאַר דאַנק־באַרקייט.

מיין פאָטערס חדר איז געווען אין אַ קעלער־שטוב און ער האָט געלערנט מיט 22 אינגלעך. די גאַנצע געגענט האָט מען גערופן „ריבאַקעס" און די גאַס איז געלעגן צווישן אַלטן מאַרק און דעם טייך. דאָס איז געווען די אָרעמסטע גאַס פון לאָמזשע, וואו עס האָבן געוואוינט

סתם קבצנים, שוסטער, בעקער, וואַסער־פירער און מאַרק־הענדלערינס. אין לאָמזשע גופא האָט מען זיך געשעמט אויסצוזאָגן, אַז מען וואוינט אויף די ריבאַקעס און ווער עס האָט נאָר געקענט האָט זיך אויסגעקלערט אַנדערע נעמען. די קינדער פון די ריבאַקעס האָבן כמעט נישט געהאַט קיין מגע־ומשא מיט בעל־הבתישע קינדער. מחמת בזיון, זיינען זיי געווען צעלאָזטער און אַנדערע אינגלעך פלעגן ציטערן פאַר זייער דעך.

די גאַנצע אונטערוועלט, אויף וויפל ס'איז אַזוינס געווען אין לאָמזשע — מיט דעם גרויסן באַרדעל — האָט זיך געפונען אויף די ריבאַקעס אָדער בשכנות. דאָס איז וואַרשיינלעך געווען צוליב די קאַזאַרמעס פון זעלנער וואָס האָבן זיך דאָרטן געפונען.

אַלע גנבות אין שטאָט, פלעגט מען קודם־כל זוכן אויף די ריבאַקעס. דאָך האָט עס ניט באַרירט דער יוגנט, איבערהויפּט די קליינע קינדער. זייער צעלאָזנקייט האָט זיך אויסגעדריקט אין צוויי זאַכן: שפּילן אין פּילקע מיט די שקצים און דאָס ווילן זען, ווי אַזוי די סאָלדאַטן מושטירן זיך.

אונזער הויז איז געווען ביים סוף פון די אייזערנע טרעפּ מיט די גרויסע פּאָרענטשן. נעבן הויז איז געווען אַ גרויסער באַרג. דאָס גאַנצע הויז האָט טאַקע געהערט צו חיהן און מיין טאַטע האָט ביי איר געדונגען אַ צימער אין קעלער. דאָס צווייטע קעלער־צימער האָט זי אַליין באַוואוינט. מיין פאָטער איז געווען דער איינציקער מלמד אויף די ריבאַקעס און די גרעסטע לאָבוזעס זיינען צו אים אָנגעקומען. אייגנטלעך האָט ער זיך געקענט באַזעצן אין לאָמזשע גופא, נאָר עפּעס האָט אים געצויגן דווקא צו דער אָרעמקייט. פאַר מיר איז עס אָבער געווען זייער רייצנדיק, ווייל דורך אונזער הויף פלעגט מען קאָנען זען ווי די סאָלדאַטן מושטירן זיך.

די מענטשן פון ריבאַקעס האָבן, זעט אויס, זייער שטאַרק אָפּגעשאַצט דעם טאַטנס זשעסט און אים באַלד געמאַכט פאַרן רבין פון זייער שול. צווישן מנחה־ומעריב איז ער געזעסן ביי אַ לאַנגן טיש און געלערנט מיטן עולם; אָבער פון די קליינע תלמידים אין חדר האָט ער

געהאַט גרויסע צרות. זיי האָבן אים אָפּגעטאָן כל׳ערליי שפּיצלעך, גע־בראָכן די שויבן, ביינאַכט געקלאַפּט אין די לאָדנס און אים גענומען דראָען. נאָר דאָס האָט אים נאָך מער אַריינגעטריבן אין דער אַמביציע דווקא פון זיי צו „מאַכן אַ לייט״. און וויבאַלד זיי זיינען געווען ביי אים אין דער האַנט, האָט ער זיי שוין אָפּגעצאָלט פאַר אַלע שטיפעריייען.

מיין פאָטער האָט באַקומען אַ שם אויף די ריבאַקעס פאַר אַ גוטן מלמד — און איך אַליין האָב דאָרט אָנגעהויבן טיכטיק צו לערנען. מיין פאָטער האָט אפילו געהאַט זיינע כוונות ביים איבערלאָזן מיך אין לאָמזשע. דאָס האָט ער געוואָלט וואָס שנעלער מיך אויסלערנען די תורה, בכדי איך זאָל קענען איבערנעמען די קלענערע קינדער. דאָס וואָלט אים געגעבן אַ געלעגנהייט זיך בעסער אָפּצוגעבן מיט די גרע־סערע און ווילדערע אינגלעך. באַלד אָבער האָט זיך מיין גלות ווידער באַנייט. די שטיפמוטער איז נאָכגעקומען קיין לאָמזשע און איך האָב דערפאַר ווידער פאַרלוירן דעם חשק צום לערנען פון גרויס צרות. די אינגלעך פון די ריבאַקעס האָבן מיר באַוויזן, וויאַזוי מען שפּילט אין פּילקע — און דער נאָנטער פּלאַץ האָט מיך געצויגן צו זען, וויאַזוי מען „מאַכט סאָלדאַטן״. עס האָבן אפילו נישט געהאָלפן דעם טאַטנס דראָ־אונגען. איך האָב שוין אויסגעפונען תירוצים, וויאַזוי אים אָפּצונאַרן. נאָר דערנאָך האָט ער סיווּי אויסגעפונען ווי עס האַלט. איך האָב שוין געלערנט חומש מיט רש״י — און ער פלעגט דערנאָך פאַרהערן... האָבן נישט געפעלט קיין קלעפּ מיט די הענט און דעם לעדערנעם רימען...

נאָכן באַזעצן זיך ווי געהעריק אויף די ריבאַקעס האָט ער צוריק איינגעפירט דעם זעלבן סיסטעם פון לערנען ווי אַמאָל: ביז 12־1 ביינאַכט — און אַרום זעקס פאַרטאָג האָט ער אונז ווידער געוועקט מיטן רימען... דאָס איז געווען אין די וואָכן־טעג. די אמתע עבודה איז אָבער געווען שבת, ווען ער האָט פריי געהאַט פון זיין מלמדות. שוין פרייטיק־צו־נאַכטס, נאָך דעם ווי מען האָט פאַרענדיקט מיט אַלע זאָגעכצער, האָבן מיר געמוזט חזרן דאָס לערנען ביז איינס ביינאַכט. נאָכן אָפּשלאָפן אַ פאָר שעה האָט דאָס חזרן זיך ווידער אָנגעהויבן און זעקס פאַרטאָג האָבן מיר געמוזט מיטגיין צום דאַווענען מיטן ערשטן

מנין אין דער ריבאַקעס־שול. נאָכן דאַוונען האָבן מיר אָפּגעגעסן און ווידער געמוזט חזרן ביז אַזייגער דריי. ערשט שפּעטער פלעגט ער זיך אַביסל צושפּאַרן נאָכן שבתדיקן עסן. אויך דאַן פלעג איך מוזן זיצן נעבן אים און חזרן אין אַ שטילערן טאָן. אָבער ווי נאָר איך בין נכשל געוואָרן מיט אַ גרייז, פלעגט ער עס ווי אינסטינקטיוו און פאַרשלאָ־פענערהייט דערשפּירן. ער פלעגט גאָרנישט זאָגן, נאָר אַ שטורך, אַ מרוק אָדער אַ שטומער פּאַטש פלעגן אויפקלערן וואָס ער מיינט. דעם מרוק פלעגט ער געבן בלויז דאַן, ווען ער איז געווען שטאַרק פאַרשלאָפן און זיך געפּוילט אויסצושטרעקן די האַנט... אָבער ביי עטלעכע גרייזן איז מיר אפילו דער זכות פון פוילקייט אויך נישט בייגעשטאַ־נען. דאָס האָט אים שוין פון זיך אַליין אויפגעריסן פון שלאָף און גע־שטעלט אויף די פיס...

איך האָב זיך מיט דער צייט גאַנץ היפּש איינגעלעבט מיט זיינע קלעפּ. ווי נאָר איך האָב אים געזען אריינפאַלן אין כעס, האָב איך זיך צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט, מיט דער האָפענונג אַז דער רימען וועט זיך אויך אָנקלאַפּן אין דער וואַנט און נישט אין מיר. קען זיין, אַז דאָס האָט ער אויך אָנגעווענדעט צו מיר ספּעציעל מיט אַ באַזונדערער כוונה. אין יענער צייט זיינען זיך שוין עטלעכע ברידער מיינע צעלאָפן און ער האָט שוין פון זיי נישט געקענט האָבן דעם נחת וואָס ער האָט דערוואַרט. דערפאַר האָט ער געוואָלט ביי מיר אָפּנעמען דאָס, וואָס ער האָט מער ביי קיינעם פון זיי נישט געקענט דערוואַרטן. ער האָט עס אָפן געזאָגט. עס איז ביי מיר אָבער קיין שום ספק נישט, אַז אין פּעדאַ־גאָגיע האָט ער קיין מייסטערשאַפט ניט פאַרמאָגט. והראיה: וואָס מער ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט מיין „דערציאונג", אַלץ מער איז מיר נמאס געוואָרן סיי זיין שלאָגן און סיי דאָס לערנען ביי אַזעלכע אומשטענדן. און איך בין גראָד געווען אַ אינגל, וואָס באַגערט צו לערנען.

ריבאַקעס איז געווען מיין אָנהויב, וואָס שייך גייסטיקער דערציאונג. עס האָט מיך פאַרכאַפּט דאָס לערנען, דער רוסישער לערער וואָס איז געקומען אויף אַ שעה צום טאַטן אין חדר — אָבער די פאַרביטערונג קעגן טאַטן און זיין סיסטעם פון חזר'ן האָט מיך שנעל אָפּגעקילט. דאָס

נישט דערלאָזן מיך אַנטייל נעמען אינעם מינדסטן, קינדישן שפּיל האָט מיך אַזוי אויפגעררייצט, אַז איך האָב באַשלאָסן צו אַנטלויפן פון טאַטן... אָבער וויאַזוי אַנטלויפט אַזאַ קליין אינגל פון די ריבאַקעס? איך האָב געוואוסט, אַז אינגלעך פון באַלעבאַטישע שטובן קומען זיך באַהאַלטן אין די ריבאַקעס ווען זיי אַנטלויפן פון דער היים... טאָ וואוהין קען איך עס גיין?

מיר ציען זיך אין אַ שענערער געגנט

עס זעט אויס, אַז אַביסל איז עס נישט אַנגעשטאַנען דעם אַריסטאָ־קראַטישן פעטער ישראל־לייזער. אַליין אַ מלמד, איז אים אָבער נישט אַנגעשטאַנען אַז דער ברודער זאָל זיך אָפּגעבן מיט די „ריבאַקער לאַבוזעס". דערפאַר האָט ער אים געוואָלט צוהעלפן מיט אַלע כוחות. ביז דער טאַטע איז אַמאָל אַוועק צו אים אויפן אַלטן מאַרק איבער־שמועסן דעם ענין. דערביי האָט ער מיך אַהין מיטגענומען צו באַווייזן דעם מוזשיניק. דער דאָזיקער באַזוך האָט זיך ביי מיר גאָר באַזונדער איינגעקריצט אין זכרון, ווייל איך האָב דאָרט צום ערשטן מאָל פאַר־שטאַנען, אַז עס איז אַ בושה צו גיין באָרפיס... און שולדיק דערין בין איך נישט געווען, נאָר די רייכע אינגלעך וואָס האָבן דאַן געלערנט ביים פעטער ישראל־לייזער. פון דעם טאַטנס תלמידים ביז זיינע איז עפּעס געווען אַן אונטערשייד אַזוי ווי צווישן באַזונדערע וועלטן. דערביי האָבן זיי געקוקט אויף מיינע באָרפיסע פיס ווי עפּעס גאָר־גאָר אויס־טערליש. איך האָב געהערט וויאַזוי זיי האָבן צווישן זיך געלאַכט און דאָס איז מיר נאָכגעגאַנגען לאַנגע טעג ווי אַ קאָשמאַר . . .

איבער די ריבאַקעס האָט מען זיך דערוויל גענומען דערציילן, אַז „באַנטשעק מלמד" ציט זיך אַריבער צום אַלטן מאַרק. אַ סך האָבן עס באַדויערט, אָבער איך בין אַרומגעגאַנגען צעהיצט און פאַרחלומט. איך האָב שוין אויסגעקוקט די מינוט, ווען איך וועל קענען זיין צווישן אַלע לייטישע אינגלעך וואָס איך האָב געזען ביים פעטער . . . עס האָט אויך אויסגעזען, אַז עס הויבט זיך אָן עפּעס נייעס: מיר האָבן זיך באַ־זעצט אין אַ לייטישער דירה ביים ראָג פון דער לאַנגער גאַס וואָס האָט

פאַרמאַגט דריי צימערן. איך בין שוין געווען אַ בחורעץ פון 9 יאָר און שטאָלץ געווען, וואָס מיר זײַנען אויס „ריבאַקניקעס". מיר האָט דער שכל אויך געטראָגן, אַז אין דער דירה וועט דער טאַטע מוזן פירן זיך אַנדערש ווי אין יענעם בייזן קעלער . . .

אָבער דאָס איז נישט געווען מײַן ערשטער אָדער לעצטער טעות. איך בין שוין געווען אין יענעם עלטער ווען דער טאַטע קלערט שוין וועגן מײַן „תכלית" און די שטיפמוטער קען שוין קלאָגן, אַז איבער איר קאָפּ ליגט „אַזאַ יונג" . . . דער טאַטע האָט מיר אָנגעוויזן אויף דער נײַער דירה — און געהייסן ווערן „אַ מענטש". וואָס דאָס מיינט אַזוינס האָט ער מיר באַלד אויפגעקלערט: עס איז שוין צײַט, אַז איך זאָל אָננעמען עטלעכע קליינע קינדער און מיט זיי לערנען אלף־בית . . . איך האָב שוין געדאַרפט העלפן אין דער פרנסה. דאָס אַליין וואָלט נישט אויסגעמאַכט, ווען ער נעמט מיך נישט שלאָגן פאַר די נײַע אינגלעכ׳ס אויגן און מבייש זײַן. איך האָב מיטאַמאָל דערזען, אַז די נײַע דערהויבונג צו אַ בעל־הביתישער געגנט האָט מיר אַליין וויניק־וואָס געהאָלפן. אדרבא, דער טאַטע האָט זײַנס אויסגעפירט און איך האָב אָנגעהויבן גיין אין עטלעכע הײַזער לערנען מיט מיידלעך און אינגלעך.

צוזאַמען מיט די בזיונות האָב איך אָבער מיטאַמאָל דערפילט, אַז אויך איך קען שוין נוצלעך זײַן. מײַנע פאַרדינסטן זײַנען שוין צונויף געקומען אין הויז און דאָס האָט מיר מעגלעך געמאַכט צו טראַכטן וועגן זיך. איך האָב זיך שוין אויך דערלויבט עפּעס צו פאַרלאַנגען. איך האָב געוואָלט, אַז מען זאָל מיך לאָזן לערנען אין דער תלמוד־תורה אָדער ישיבה. טאָמער נישט, זאָל מען מיך אָפּגעבן צו אַ בעל־מלאכה. דאָס האָט מײַן פאָטער נאָך מער אויפגערייצט — און דאָס גיהנום האָט זיך פאַר מיר באַנײַט אין דער פולער מאָס. איך בין געווען מאַכטלאָז — און די געדאַנקען מײַנע האָבן מיך כסדר אונטערגעהעצט, אַז איך זאָל כאָטש אָפּטאָן עפּעס אַ שרעקלעכע זאַך און אים באַצאָלן מיט בזיונות . . . אָבער וואָס מישטיינס געזאָגט האָב איך געקענט טאָן? עטלעכע מאָל האָב איך, אויף צולהכעיס אים, פאַרפעלט דאָס דאַוונען . . . נאָר וויאַזוי קען איך אים ווי טאָן, אַז ער ווייסט נישט דערפון? און איך אַליין וואָלט

עס אים באין אופן נישט געקענט דערציילן . . . איינמאָל האָט ער זיך דווקא יאָ געכאַפּט — און מיר איז אויפסניי געווען ווי און ווינד. וואָס־זשע טוט מען פאָרט?

דער איינציקער אויסוועג איז געווען: מיין ברודער ראובן. ער איז שוין געווען כמעט ווי אַ גאַנצער בעל־מלאכה און ער האָט זיך כמעט נישט גערעכנט מער מיט דעם טאַטנס יאָך. ער האָט צוגעזען מיינע צרות און מיר געוואָלט העלפן. ער האָט מיך אַפילו געוואָלט נעמען צו זיך, ווייל ער האָט געגעסן און געשלאָפן ביי זיין בעל הבית. אָבער יענער האָט מיך נישט געוואָלט האָבן ביי זיך, צוליב דער מורא פאַר מיין פאָטער. קאַרג צרות האָט ער פון אים געהאַט אויסצושטיין צוליב ראובנען?

איך האָב זיך עטלעכע מאָל געפּרואווט אויפסניי אונטערוואַרפן דעם פאָטערס דיסציפּלין, געלערנט זיך און אַפילו אויפגעכאַפּט שטילערהייט אַביסל רוסיש און רעכענען. אָבער וויפל איך זאָל נאָר נישט וועלן לער־נען, האָט עס מיין פאָטער נישט צופרידנגעשטעלט. ער האָט זיך עפּעס צופיל געאײַלט מיט מיר, כסדר מיך געטריבן און געיאָגט; אַזויווי ער וואָלט זיך דורך מיר געאיילט עפּעס אַריינצוכאַפּן, וואָס ער וויל מיר נישט אויסזאָגן. דאָס האָט מיך שרעקלעך מיד געמאַכט און געררייצט. איך האָב איינגעזען, אַז איך וועל פאַר אים קיינמאָל נישט יוצא זיין און קיינמאָל אַפילו נישט דערגיין זיינע אמתע כוונות. טיילמאָל האָט זיך מיר אַפילו אויסגעוויזן, אַז דאָס וויל ער איך זאָל ווערן גרויס איבער נאַכט — און דאָס איז נישט פאַר מיינע כוחות.

די עלנט האָט מיך שוין אָבער אַ היפּש ביסל אָפּגעלאָזט. צוליב מיין אַריינקומען אין בעל־הביתישע הייזער האָב איך זיך באַקענט מיט אַ פּאָר גוטע חברים. איך האָב אויך געטראָפן באַקאַנטע אינגלעך אין דער „חברה תהלים“, וואו מיין פאָטער האָט געדאַוונט. קיין עצות האָט מיר קיינער נישט געקענט געבן, אָבער מיר איז אַביסל לייכטער געוואָרן אויפן האַרץ.

דערצו איז נאָך צוגעקומען אַ נייעס, וואָס ביז איצט קען איך די סיבה נישט וויסן. מיין פאָטער האָט פּלוצים באַשלאָסן צו פאַרלאָזן די

נייע דירה און זיך אַריבערציען העט־אַראָפּ צום נייעם מאַרק, ביים צווייטן עק פון דער לאַנגער גאַס. איך ווייס נישט פאַרוואָס, נאָר מיך איז באַפאַלן אַ שמחה פון דער נייער ציעניש. זעט אויס, אַז דאָס געפיל האָט מיך נישט אָפּגענאַרט:

מיר האָבן זיך אַריבערגעצויגן צו חנא שלייפער אין הויז אַריין — און חנא׳ס הויזגעזינט האָט זיך ביי מיר איינגעקריצט אין גאָר אַ סך מאָמענטן פון מיין לעבן.

דאָס הויזגעזינט
פון
חנא שלייפער

די נייע דירה אונזערע איז נישט געווען אַזוי באַקוועם ווי די פריער־דיקע, אָבער דערפאַר האָט זי פאַרמאָגט אַנדערע מעלות. די תלמידים פון יענער געגנט זיינען געווען לייטישערע און אויך דער הויף איז געווען אַ גרעסערער. מיר האָבן געוואוינט אין איין גרויסן צימער, וואָס דער טאַטע האָט איינגעטיילט אין צווייען. איין טייל איז געווען דאָס חדר און אינעם צווייטן טייל זיינען מיר געשלאָפן. דעם אויוון אין דער שלאָף־שטוב האָט דער טאַטע אויפגעשטעלט מיט זיינע אייגענע הענט. אויסער דעם געטיילטן צימער האָבן מיר אויך געהאַט אַ קליינעם קאָרידאָר, וואו די שטיפמאַמע האָט געטאָן די הויז־אַרבעט.

פון יענער דירה זיינען מיר געבליבן די שענסטע זכרונות, הגם איך האָב זיך אויך דאָרט געגנוג אָנגעליטן. דאָס איז פאַקטיש געווען מיין לעצטע היים. מיינע גוטע זכרונות פון יענער צייט זיינען צום פאַרדאַנקען דער משפחה פון חנא שלייפער, וואָס האָט מיר אַזויפיל גוטס געטאָן.

דער נאָמען „שלייפער" איז פאַקטיש נאָר געווען זיין צונאָמען, וואָס יעדער אין שטעטל האָט „געמוזט" האָבן. ר' חנאָ פליאַטע (אַזוי האָט ער געהייסן) איז געווען פון יענע אידן מיט אַ סך מלאכה'ס. ער האָט אויך געקענט שלייפן שערן, מעסערס, בריטוועס, פויערישע פעלד־מעסערס און זייערע סערפּן. צו דער פרנסה האָט אויך זיין ווייב, שאָש־קע, געמוזט צוהאַנדלען און מעקלערן. זיין עלטסטער זון, יעקב יצחק, איז אָנגעגאַנגען פאַר אַ לערנער, נאָר פאַקטיש איז ער געווען אַ ליידיק־גייער. ער האָט זיך צוגעלערנט אַביסל פּויליש, רוסיש און רעכענען. דאָס האָט אים געמאַכט פאַר אַ שטיקל אינטעליגענט אין אַלעמענס אויגן.

דער צווייטער זון, אברהם, איז געווען אַ שטיקל קאַליקע. ער האָט געהאַט אַ האָרב פון ביידע זייטן און זיך פאַרנומען מיטן אויספאַריכטן פאַראַסאָלן. דערצו האָבן זיי אויך געהאַט אַ קליין, באַחנט טעכטערל, רחל לאה, וועלכע איז נאָך געגאַנגען אין שקאָלע אַריין.

אויסער די אַלע מלאכהס האָבן ביידע זין נאָך געזונגען ביים חזן ווי משוררים. ביידע האָבן געהאַט וואונדערבאַרע שטימען און אויך די קליינע רחל לאה האָט שיין געזונגען. געוואוינט האָבן זיי אין איין צימער, אַזוי ווי מיר. זיי האָבן געוואוינט אונטן און מיר איבער זיי. פון מיין פאָטער האָבן אויך זיי זיך אויסגעלערנט איבערצוטיילן דאָס צימער אין צווייען. ביי זיי איז אָבער כסדר געווען פריילעך און עס פלעגן יעדן אָוונט קומען אַהין אַ סך יונגוואַרג. חנאָ מיט דער פרוי זיינען געווען טייערע מענטשן און עס האָט פשוט צו זיי געצויגן. ווי נאָר עס פלעגט זיך טרעפן אַ יוגנטלעכער וואָס האָט געהאַט אַ צרה איז ער באַלד גע־קומען צו חנאָ'ן זיך אויסריידן דאָס האַרץ. חנאָ און זיין מוטערלעך ווייב שאָשקע פלעגן שוין וויסן, וויאַזוי איינצונעמען דאָס אינגל. זיי האָבן אים באַרואיקט און צוריקגעשיקט אַהיים, אָדער אים אַליין אַהיימגעפירט ווען עס איז נויטיק געווען. צומבעסטן האָט זיך מיט זיי איינגעלעבט מיין ברודער ראובן. ראשית כל דערפאַר וואָס אויך ער האָט געקענט שיין זינגען און צווייטנס איז ער געווען אין די זעלבע יאָרן וואָס חנאָס אינגלעך.

איך אַליין האָב ווייניק וואָס געדאַרפט. איך בין געווען אַזוי גע־פלאָגט, אַז איך בין געווען אַ גליקלעכער דערמיט בלויז וואָס מען לאָזט מיך דאָרט זיין און קיינער טרייבט מיך נישט. אָבער אברהם דער הויקער האָט זיך נאָך דערצו באַצויגן צו מיר ווי צו אַ חבר. אונטערן איינ־פלוס פון חנאָס קינדער איז מיך באַפאַלן אַ געוואַלטיקער חשק צו לער־נען רוסיש. זיי פלעגן כסדר רעדן וועגן רוסישע ביכער און איך האָב געשלונגען זייערע ווערטער. עפּעס דוכט זיך, אַז אויב עס האָבן זיך ביי מיר אָפּגעשטעלט גוטע אייגנשאַפטן איז עס זיי צו פאַרדאַנקען. מיינע ליידן האָבן מיך געמאַכט אומצוטרויִלעך צו מענטשן און ווען נישט חנאָ'ס שטוב, ווער ווייסט וואָס פון מיר וואָלט געוואָרן — אַלעמען צו־

להכעיס. די גאַנצע משפחה פון חנאַ׳ן האָט שרעקלעך נישט געקענט פאַרטראָגן וויאַזוי מיין פאָטער באַגייט זיך מיט מיר און זיי האָבן שטאַרק פּראָטעסטירט. איבערהויפּט האָט זיי פאַרדראָסן וואָס ער רייסט מיך פאַרטאָג פון שלאָף, אַז איך זאָל זיך נעמען חזרן דאָס לערנען. אָבער ער האָט זיך ווייניק וואָס גערעכנט מיט זייער מיינונג.

ביסלעכווייז איז ביי מיר רייף געוואָרן דער געדאַנק, אַז איך מוז אַוועק פון שטוב. אָבער איך האָב נישט געוואוסט, וואָס איך וועל דער־נאָך טאָן. בלית ברירה האָב איך אָנגעהויבן אויסקלערן אַלערליי שפּיצ־לעך צוליב וועלכע איך זאָל נישט דאַרפן לערנען. איינמאָל איז דאָס ספר פאַרפאַלן געוואָרן און אַ צווייטן מאָל האָב איך דערציילט, אַז עמעצער רופט דעם טאַטן צו זיך 9 אַזייגער ביינאַכט . . . איך האָב אויך געזאָרגט, אַז עס זאָל טיילמאָל פעלן נאַפט אין לאָמפּ, אָדער די באַנק זאָל צעבראָכן ווערן און מען זאָל זי מוזן פאַריכטן עטלעכע שעה נאָכאַ־נאַנד. נישט אַלעמאָל האָט זיך דער טאַטע געקענט כאַפּן, ווער עס מאַכט עס.

איינמאָל, אין אַ פרייטיק־צונאַכטס, איז דער לאָמפּ פול געווען מיט נאַפט. דאָס האָט דער טאַטע מיט די אייגענע הענט אים אָנגעגאָסן ביז פול, אַז עס זאָל סטייען אויף פאַרטאָג צום לערנען. ער האָט ווי דער שטייגער געברענט אַ גאַנצע נאַכט, בכדי דער שבת־גוי זאָל פאַרטאָג האָבן מיט וואָס פייער צו מאַכן. איך האָב אָבער באַשלאָסן פאַרן שלאָפן גיין אַרויפצודרייען די קנויט, אַז דער נאַפט זאָל שנעלער אויסברענען. איך בין שטילערהייט אַראָפּ פון געלעגער און גענומען אַרויפדרייען דעם קנויט פון לאָמפּ, וואָס איז געשטאַנען ביים פענצטער. פּלוצים האָב איך געהערט אַ געשריי פון דעם הויף:

— לאָבוז איינער, גוי! שבת דרייסטו דעם לאָמפּ!? אַ שיינעם תכשיט האָט עס דיין טאַטע . . . מען דאַרף אים אַרויפגיין פּרעגן!

מיין האַנט איז פאַרגליווערט געוואָרן. איך האָב גענומען ציטערן מיטן גאַנצן קערפּער און דער לאָמפּ האָט זיך פּלוצים אויסגעלאָשן. אַ גאַנצע נאַכט בין איך שוין נישט געשלאָפן פאַר פחד. עד היום ווייס איך נישט, אויב עמעצער האָט טאַקע געשריגן אין דרויסן, אָדער דאָס

האָט זיך מיר בלויז אויסגעוויזן. קיינער איז אָבער נישט געקומען מיך פּאַרמסרן. נאָר ווען דער טאַטע האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער דערזען אַז עס איז פינצטער. ער האָט מיך שנעל אויפגעוועקט, געהייסן מיך אָפּגיסן די נעגל און נעמען חזרן דאָס לערנען פון אויסנווייניק. איך בין סײַווי געווען וואַך און דאָסמאָל אים שטיל אויסגעפאָלגט, זיצנדיק אין בעט. פאַרשטייט זיך, אַז מיך האָט שוין פאַרדראָסן די גאַנצע מעשה, וויבאַלד איך האָב זיך דאָ גאָרנישט איינגעברענגט. אויסער דעם האָט ער אַנטדעקט די אַנדערע שפּיצלעך מײַנע און קיין קלעפּ האָבן מיר שוין נישט געפעלט.

אָבער חנאָ שלייפערס שטוב האָט מיר אויסגעגלעט אַלע צרות. נאָר אויך צו דעם האָט געמוזט קומען אַ סוף. מײַן פאָטער האָט דער־שנאַפּט וואו איך ליג אָפּ גאַנצע שעהן און ער האָט מיר פאַרבאָטן אַהין אַרײַנצוגיין. דאָס האָט ער מורא געהאַט, אַז איך זאָל זיך באַגעגענען מיט דעם יונגוואַרג וואָס קומט אַהין. אָבער פרייטיק־צונאַכטס איז בײַ חנאָן געווען אַ „מנין" און דאַן האָט שוין מײַן פאָטער מיר נישט געקענט שטערן אַרײַנצוגיין. ווי נאָר ער איז אַוועק צו דער חברה תהלים פלעג איך אַרײַנלויפן צו חנאָן. אויך דאָס האָט מיר דער טאַטע שפּעטער פאַרבאָטן און מיך מיטגענומען מיט זיך.

דאָס האָט איבערגעפולט דאָס מעסטל. איינמאָל, פרייטיק צונאַכטס, ווען דער טאַטע האָט מיך מיטגערופן צו דער חברה תהלים האָב איך דאָס ערשטע מאָל אין מײַן לעבן זיך אָפּגעזאָגט אים צו פאָלגן. ער האָט עס אויסגעהערט קאַלטבלוטיק און אַרויסגערוקט אַ בענקל. דערנאָך האָט ער גענומען זוכן זײַן בעסערן פּאַסעק . . . איך האָב שוין פאַר־שטאַנען, וואָס ער גרייט זיך צו טאָן און איך בין מיטאַמאָל אַרויסגע־לאָפן פון שטוב . . . מײַן פאָטער איז געבליבן אַ צעטומלטער. אַזוינס האָט ער זיך גאָרנישט פאָרגעשטעלט. יענעם פרייטיק צונאַכטס איז ער שוין נישט געגאַנגען אין דער חברה תהלים און די שטיפמאַמע האָט אים געהאַלטן אין איין העצן קעגן מיר.

איך בין געשטאַנען פאַרגנבעט אין דרויסן און געוואַרט אויף זײַן אַוועקגיין. דאָס האָב איך זיך געוואָלט אַרײַנגנבענען צו חנאָן אין שטוב

און דערציילן וואָס עס האָט פּאַסירט. ער איז אָבער נישט אַרויסגעקומען. ערשט אַרום צען ביינאַכט איז ער אַרויס צום טויער, אומגעקוקט זיך אַ רגע און צוריקגעגאַנגען . . . וואָס ער האָט דאַן געזוכט ווייס איך נישט. אפשר האָט ער זיך פאָרגעשטעלט, אַז איך שטיי דאָ נישט ווייט? בכל אופן האָט ער מיך נישט באַמערקט און איך בין שטיין געבליבן אין דרויסן, אַן עלנטער און פאַרלאָזטער . . .

דאָס ערשטע מאָל בין איך אַנטלאָפן פון דער היים.

אָן אַ היים

אייגנטלעך בין איך נישט דאָס ערשטע מאָל געווען אַליין, אויסער דער היים. דאָס ערשטע מאָל האָט מען מיך אַרויסגעוואָרפן אַלס שטראָף נאָך אין דער פּריערדיקער דירה. עפּעס האָב איך זיך דאַן שטאַרק פאַרזינדיקט. דוכט זיך, אַז איך האָב אַ שטאָך געטאָן אַ חדר־אינגל מיט אַ שפּילקע. ער האָט געגומען וויינען און אַנגעוויזן אויף מיר. מיין פאָטער האָט מיך געהייסן אָפּגעבן די שפּילקעס, נאָר איך האָב זיך דערמיט מורא געהאַט צו פאַרמסרן און געלייקנט די גאַנצע מעשה. מיין פאָטער האָט אָבער ווייטער געפאָדערט קאַטעגאָריש:

— גיב אים די שפּילקע!

איך האָב געטענהט אַז איך האָב נישט קיין שפּילקע. דער טאַטע האָט דערפאַר רואיק אַ זאָג געגעבן:

— אויב אַזוי, קום אַרויס אין דרויסן . . .

דאָס האָט ער געמיינט, אַז איך זאָל אַוועקגיין פון טיש און ער זאָל קענען זוכן די שפּילקע. ער האָט זי אָבער נישט געפונען און דערפאַר אַריינגעפאַלן אין אַ שרעקלעכן כעס. ער האָט מיך פריער געשלאָגן מיטן רימען, וואו נאָר ער האָט אָנגעטראָפן. איך האָב זיך אָבער באַין אופן נישט געוואָלט מודה זיין אין דער שפּילקע. דאַן האָט ער געהייסן, אַז אַלע אינגלעך זאָלן זיך אויסדרייען מיטן פּנים צו מיר און אַרויסגערוקט דאָס בענקל. איך האָב זיך אָבער נישט געוואָלט אַריבערלייגן. עס איז מיר נישט געגאַנגען אַזוי אין די קלעפּ ווי אין דער בושה פאַר די אינגלעך. מיין פאָטער האָט מיין עקשנות איבערראַשט און ער האָט מיך גענומען ווייטער שלאָגן מיט צערייצקייט: „איצט וועסטו שוין פאָלגן?“ איך האָב זיך שוין געהאַלטן ביים אַוועקלייגן, אָבער אין דער לעצטער מינוט חרטה געקריגן און זיך אַוועקגעזעצט אויף דער ערד. איך האָב זיך ביי אים געבעטן, אַז ער זאָל מיך דאָסמאָל צורו לאָזן, אָבער ער האָט

שוין געוואָלט באַווייזן וויאַזוי אים מוז מען פּאָלגן. ער האָט מיך גענומען שלעפּן צום בענקל, נאָר דאָ האָט זיך געעפנט די טיר.

עפּעס אַ מאַמע האָט גראָד געברענגט עסן איר אינגל און ווען זי האָט ראַפּטום דערזען די סצענע איז זי געוואָרן היסטעריש און אָנגע־הויבן צו שרייען: „אַזוי באַהאַנדלט איר בעל הבתישע קינדער?" מיין שטיפמוטער האָט זי געוואָלט באַרואיקן און איר געזאָגט, אַז דאָס איז אַן אייגן קינד וואָס איז ווערט מער, וויפל מען זאָל אים נישט שלאָגן. אָבער די אידענע האָט מער נישט געוואָלט הערן. זי האָט אַ כאַפּ געטאָן איר אינגל און מיט אים אַרויסגעלאָפן, שילטנדיק דערביי מיט טויטע קללות. איך האָב נאָך באַוויזן צו הערן, וויאַזוי זי זאָגט פאָרויס אַז אַזעלכע טאַטעס וועלן נאָך די אייגענע קינדער נאָכוואַרפן שטיינער . . . די אַנדערע אינגלעך זיינען דערביי געזעסן ווי פאַרחלשטע. דער פרויס געשרייען האָבן דעם טאַטן צעטומלט און נישט מיט זיין קול האָט ער געגעבן אַ געשריי אויף מיר: — אַרויס פון מיין שטוב!...

דערביי האָט ער מיך אַליין צוגעשלעפּט צו דער טיר און אַרויסגע־שטויסן. איך בין אַביסל געלעגן ביי דער טיר, ביז איך בין צו זיך געקומען. דערנאָך בין איך אַוועק אין גאַס און אַרומגעבלאָנקעט אַ גאַנצן טאָג. פאַרנאַכט בין איך אַריין אין בית־המדרש און דאָרט געזעסן ביז 8 אַזייגער ביינאַכט. דאָרט האָב איך געהערט, אַז אויף אַ צווייטער גאַס קומט פאָר אַ חתונה און עס איז מיר איינגעפאַלן צו גיין אַהין בעטן עפּעס עסן. נישט ווייט פון דער חתונה האָט מיך געטראָפן דער שטומער זון פון אונזער בעל הבית. ער האָט מיך אַ כאַפּ געטאָן מיט זיינע גע־זונטע הענט און איידער איך האָב באַוויזן עפּעס צו זאָגן, האָט ער מיך גענומען טראָגן אַהיים. צו אונז אין שטוב אַריין האָט ער זיך ממש אַריינגעריסן און מיט זיינע שטומע קולות עפּעס גענומען שרייען און יאָמערן אויף מיין פאָטער און שטיפמוטער. דערנאָך האָט ער מיך גע־לאָזט ליגן און אַוועק. מיין פאָטער איז אַריין אין צווייטן צימער און די שטיפמאַמע האָט מיר צוגעטראָגן אַ גרויסע שיסל מיט קאַשע. דערביי האָט זי נאָך צוגעוואָרפן אַ ברום:

— נאַ און ווער דערשטיקט, אומזיסטער פרעסער!

איך בין געווען צו הונגעריק און נישט געטראַכט פון דערשטיקט ווערן. איך האָב אויפגעגעסן די גאַנצע קאַשע און אַוועק שלאָפן. פאַרטאָג האָב איך געפילט די שמיץ פון אַ רימען אויף מיין נאַקעט לייב. דאָס האָט מיר דער טאַטע באַצאָלט זיינס, אַן אַ וואָרט צו זאָגן. דערנאָך איז ער אַוועק דאַוונען. דערמיט האָט זיך געענדיקט דאָס ערשטע קאַפּיטל פון זיין אַן אַ היים.

דאָס מאָל אָבער בין איך אַליין אַנטלאָפן און געמוזט זוכן אַ תכלית פאַר זיך. אויף דער וויעטראַקעס־גאַס האָב איך זיך אָנגעטראָפן אויף נאָך אַזאַ היימלאָז אינגל ווי איך. דאָס איז געווען אין אַ פרייטיקדיקער זומער־נאַכט, גאָר שפּעט. מיר זיינען ביידע אַריין אין אַ טויער און אָפּגעלעגן ביז אַרום 5־4 פאַרטאָג. אַרום 6 האָב איך געזען מיין פעטער גיין דאַוונען און איך בין געלאָפן צו חנאַ שליפער אין שטוב דערציילן וואָס מיט מיר איז פאָרגעקומען. דאָרט האָב איך באַקומען אַ פאָר שטיק־לעך חלה און מיט זיי ווידער אַנטלאָפן. דאָס אינגל, מיט וועלכן איך האָב געגעכטיקט אין הויף, האָט מיר געוואָלט העלפן אַן מיין וויסן. ווי נאָר ער האָט דערזען מיין פעטער גיין צום דאַוונען, האָט ער געמיינט אַז דאָס איז מיין טאַטע. ער איז אים דערפאַר אַנטקעגנגעלאָפן און דערציילט, אַז זיין אינגל באַהאַלט זיך דאָ אויס. מיין פעטער האָט נאָך דאַן קיין אינגלעך נישט געהאַט און דערפאַר נישט געוואָלט הערן, וואָס דאָס אינגל זאָגט אים. מיין חבר האָט אים דערפאַר גענומען שעלטן און דאָס האָט מיך שטאַרק פאַרדראָסן און מיר האָבן זיך שיעור צע־שלאָגן. אָבער דאָס אינגל איז דערפון נישט נתפעל געוואָרן. ער איז דערנאָך אַוועק צו מיין ברודער ראובן און אים גערופן צו מיר. ראובן האָט מיר געבראַכט עפעס צום עסן און דערביי געוויינט.

אַ גאַנצן טאָג האָב איך זיך אַרומגעשלעפּט איבער די גאַסן און פאַרגעסן, אַז ס׳איז שבת אויף דער וועלט. ביינאַכט בין איך אַוועק צו מיינס אַ חבר פון חדר און געבעטן, אַז ער זאָל מיר געפינען אַן אָרט צום שלאָפן. ער איז געווען אַ גוט אינגל, אָבער קיין אָרט פאַר מיר האָט ער נישט געהאַט. ער האָט מיר נאָר געקענט פאָרלייגן צו שלאָפן אינעם נאַסן קעלער אָדער אין דער האָלץ־קאַמער. איך האָב אויסגע־

קליבן די קאַמער, וואו עס האָבן זיך געפּלאָדיעט אַן אַ שיער מייז. איך בין אַריין אין דער נאָרע און גלייך איינגעשלאָפן. אַרום צען אַזייגער האָב איך געהערט ווי מען רופט מיך ביים נאָמען. דאָס האָט מיך געוועקט מיין חבר, אַז איך זאָל באַלד אַנטלויפן, ווייל מען וועט באַלד דאַרפן אַריינגיין אין דער קאַמער. איך בין אַוועק אַ צעבראָכענער און זיך עט־לעכע שעה אַרומגעדרייט, ביז איך בין געקומען צו די טרעפּ פון דער ווייבערשול און בין דאָרט איינגעשלאָפן. אַרום 5 אַזייגער פאַרטאָג האָט זיך אין מיר אָנגעטשעפּעט אַ היימלאָזער הונט און מיר אָפּגעריסן אַ שטיק פון די הויזן. דערביי האָט ער שרעקלעך געבילט, גלייך ווי ער האָט זיך דאָ געריכט אויף עפּעס אַ בעסערן ביסן און אַנטוישט גע־וואָרן . . . דערווייל איז אָנגעקומען דער שמש און איך האָב ווייטער געמוזט אַנטלויפן. אָבער וואוהין?

אין דער מינוט איז מיך באַפאַלן אַזאַ שרעקלעכער כעס קעגן מיין טאַטן, אַז איך האָב געוואָלט אַוועק און אויסהאַקן אַלע שויבן פון אונזער שטוב. גייענדיק אַהין האָב איך אָנגעטראָפן ראובנען. איך האָב אים דערציילט וויאַזוי די נאַכט איז אַדורכגעגאַנגען און ער האָט זיך צע־וויינט. ער האָט מיך שוין נישט געלאָזט גיין ווייטער, נאָר מיטגענומען מיט זיך צום דאַווענען. אין שול האָט ער מיך צוגעפירט צום טאַטן און מיין פאָטער האָט מיר דערלאַנגט אַ סידור, אַזיווי עס וואָלט גאָר־נישט פּאַסירט. ערשט נאָכן דאַווענען האָט ער מיר אָנגעזאָגט, אַז איך זאָל נישט קומען אַהיים פריער ווי פאַרנאַכט. איך האָב אים געפאָלגט, נאָר ווען איך בין פאַרנאַכט אַהיימגעקומען האָט מיך די שטיפמאַמע באַגעגנט מיט טויטע קללות. דערביי האָט זי מיר אויך דערלאַנגט עסן, נאָר איך האָב זיך נישט געקענט צורירן דערצו.

מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דער טאַטע איז אַביסל אַנדערש גע־וואָרן צו מיר. ער האָט מיך אויפגעהערט צו שלאָגן, אָבער דערפאַר איז זי נאָך ערגער געוואָרן צו מיר. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז דאָס האָט מיין פאָטער בלויז געוואָלט איינשטילן די משפחה שלייפער וואָס האָט אים נישט געקענט מוחל זיין די געשיכטע. לאַנג האָט ער אָבער נישט געקענט אויסהאַלטן.

וואונדערלעכע טויבן
און
אַ האַלבער רובל

עס זיינען אַוועק עטלעכע חדשים און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דער טאַטע וועט שוין צו מיר נישט הויבן קיין האַנט. איך האָב זיך אַפילו ווידער גענומען צום לערנען און אויך אויפגעכאַפּט אַביסל לשון קודש מיט רוסיש. אָבער באַלד האָט זיך ווידער עפּעס אונטערגערוקט.

איך האָב שרעקלעך ליב געהאַט טויבן און ווען איך האָב נאָר געהאַט צייט, האָב איך נאָכגעקוקט וויאַזוי זיי פליען. צו מיין גליק אָדער שלימזל, האָט חנאָס זון, דער האַראַבאַטער אברהם זיך גענומען צום כאָווען טויבן. נאָך דעם ווי מיר האָבן זיך אַריינגעצויגן אויפן אויבערשטן שטאָק, האָט ער מער נישט געקענט קריכן אויפן בוידעם און „יאָגן" די טויבן. מיין פאָטער האָט אים נישט געלאָזט פאַרבייגיין דעם קאָרידאָר און שטערן די קינדערס לערנען. האָט ער דערפאַר געמוזט האַלטן זיינע צוויי פּאָר טויבן ביי זיך אין שטוב.

איינמאָל בין איך געגאַנגען אין גאַס און געפונען אַ האַלבן רובל. צומערשט האָב איך אַנדערש נישט געטראַכט ווי אים אַוועקצוגעבן דעם טאַטן. נאָר מעשה שטן האָט זיך צוגעשאַרט צו מיר עפּעס אַ יונג, וואָס אויך ער האָט געכאַוועט טויבן. וויסנדיק, אַז איך פאַרמאָג אַ האַלבן רובל איז ער שוין פון מיר נישט אָפּגעטראָטן. ער האָט מיר איינגעשמועסט, אַז ער קען קויפן צוויי פּאָר טויבן וואָס קענען ריידן. ער ווייסט וויאַזוי זיי צו „פּאָרן" און מיר ביידע קענען פשוט רייך ווערן דערפון. דערצו האָט ער מיר פאַרזיכערט, אַז ווען איך וועל נאָר וועלן, קען איך אַרויפקומען צו אים אויפן בוידעם און זיין מיט די טויבן. דעם נסיון

האָב איך שוין נישט געקענט בײַשטײן און אים אָװעקגעגעבן דעם האַלבן רובל. איך בין אַװעק אַהײם מיט אַ זיסן חלום און שטאַרק אײַנגעשלאָפֿן.

צומאָרגנס אין דער פֿרי איז מײַן שטיפֿמוטער אַרײַנגעפֿאַלן אין שטוב מיט אַ צעפּלאָמט פּנים. זי האָט גענומען שעלטן און שרײַען, אַז איך בין אַ גנבֿ. דערצו גיב איך אַװעק פֿרעמדע דאָס װאָס איך גנבֿע . . . עס איז מיר באַלד קלאָר געװאָרן װאָס דאָ איז געשען און די הויט האָט זיך מיר גענומען רונצלען פֿאַר שרעק. איך האָב גענומען טראַכטן, װיאַזוי זיך אַרױסצודרײלעכן פֿון שטוב. נאָר דער טאַטע האָט שוין פֿאַרשטאַנען, װאָס איך קען באַװײַזן און ער האָט צוגעשפּאַרט די טיר.

איך האָב זיך באַלד מודה געװען, אָבער דאָס האָט נישט געהאָלפֿן. פֿונעם ערשטן פּאַטש האָט מײַן נאָז גענומען בלוטיקן. זײַנע קלעפּ זײַנען דאָס מאָל געװען אָן אַ ברעקל רחמנות. איך האָב זיך געזוכט צו באַ־האַלטן, אָבער ער האָט מיך אומעטום אָנגעטראָפֿן. פֿון גרויס יסורים בין איך צוגעפֿאַלן צו מײַן שטיפֿמוטערס פֿיס און זײ אַרומגענומען. נאָך הײַנט געדענק איך מײַנע יאָמערלעכע בקשות צו איר: „חיה, האָב רחמנות אויף מיר . . . ער װעט מיך דערהרגענען!" זי האָט מיר אָבער מיטן פֿוס אַ בריק געגעבן אין האַרץ אַרײַן אַזוי האַסטיק, אַז איך בין צוגעפֿאַלן מיטן קאָפּ צו דער באַנק . . . שפּעטער האָב איך שוין גאָר־נישט מער געפֿילט. װען איך האָב זיך אויפֿגעכאַפּט, בין איך געלעגן אינעם קלײנעם גערטנדל נישט װײַט פֿונעם הויז און כ'האָב פֿאַרשטאַנען, אַז מײַן פֿאָטער האָט מיך װידער אַרױסגעװאָרפֿן.

אַ שרעקלעך־צומזיקטער בין איך אַװעק צום יונג אַהײם, נאָר אַזױװי איך האָב עפּעס אָנגעהױבן צו זאָגן האָט זײַן פֿאָטער, אַ שוסטער, געכאַפּט צו מיר אַ רימען און מיך געװאָרנט איך זאָל אַװעק אײדער ער מאַכט פֿון מיר קרעפּל־פֿלײש. איך האָב זיך מער נישט געשראָקן פֿאַר קײן שום זאַך, נאָר פֿאַרלאַנגט מײַן האַלבן רובל. אויב נישט, װעל איך האַקן שויבן. נאָך אײדער איך האָב באַװיזן צו דערזאָגן מײַנס, האָב איך געכאַפּט אַ פּאַטש און בין אַרױסגעשלײדערט געװאָרן. איך האָב געכאַפּט צװײ שטײנער און דער ערשטער איז תיכף אַרײַנגעפֿלױגן אין די שויבן. דעם צװײטן האָב איך אַרײַנגעװאָרפֿן אין דער אָפֿענער טיר.

איך האָב געמיינט, אַז עמעצער וועט אַרויסלויפן צו מיר און איך בין געווען גרייט דערצו. אָבער קיינער האָט זיך מער נישט באַוויזן און איך האָב באַלד פאַרלוירן דעם חשק צו נקמה . . .

איך האָב זיך אַרומגעשלעפּט אַ גאַנצן טאָג מיט אַ שרעקלעכן הונ־גער. אָבער דאָס איז נישט געווען אַזוי שרעקלעך ווי די נאַכט. אַרום 8 אַזייגער האָב איך זיך אַריינגעשאַרט אין דער ישיבה און גענישטערט צווישן די שטענדערס. איך האָב דאָרט געפונען עטלעכע שטיקלעך דאַר ברויט און אָפּגעגעסן. דערנאָך האָב איך זיך אויסגעצויגן אויף אַ זייטי־קער באַנק און איינגעשלאָפן. ערשט פיר אַזייגער פאַרטאָג האָט מיך דער שמש אַנטדעקט און אַרויסגעטריבן. ער האָט מיך געוואָרנט, אַז דאָס צווייטע מאָל וועט ער מיר אָנדרייען די אויערן אידער ער וועט מיך אַרויסוואַרפן. האָב איך נאָך ביי אים געהאַנדלט אַ מציאה . . . בין איך ווידער אַוועק אין גאַס.

איצט קען איך זיך שוין נישט דערמאָנען, וויאַזוי איך האָב אָנגע־טראָפן דעם זון פון מיין סאָקאָלער מלמד וואָס זיין פרוי שרה׳קע האָט מיך אַזוי מוטערלעך באַהאַנדלט. איך האָב זיך דערפרייט מיט אים, אַזוי־ווי דאָס וואָלט געווען אַ מלאך. ער האָט מיר דערציילט, אַז ער געפינט זיך איצט אין לאָמזשער „השגחת יתומים״ און איך האָב אים דערציילט מיינע יסורים. ער האָט מיר געגעבן עטלעכע שטיקלעך גוט ברויט און איך האָב ווידער אָפּגעגעסן. דערנאָך האָב איך אַרויסגעכאַפּט ביי אַ פרוי פון קיישל עטלעכע עפּל און אַנטלאָפן . . .

אין גאַס האָב איך ווידער אָנגעטראָפן אויף אַזאַ אינגל ווי איך און ער האָט מיר דערציילט פון אַן אָרט, וואו אַלע אַנטלאָפענע און אַרויס־געטריבענע אינגלעך קומען שלאָפן. דאָס געפינט זיך ערגעץ אין אַ הויף וואו ער נעכטיקט אַלעמאָל. איך בין אַוועק אַהין און דערזען די גרויסע פראַכט־וועגענער, וואָס גייען מיט סחורה פון לאָמזשע קיין וואַר־שע. איך בין אַרויפגעקראָכן אויף איינעם פון זיי און דאָרט אָנגעטראָפן אויף נאָך 5־4 אַזעלכע אינגלעך. זיי זיינען געלעגן צונויפגעקנוידערט אין שטרוי און געשלאָפן. איך האָב זיך אַוועקגעלייגט ביי דער זייט און אויך איינגעשלאָפן. פּלוצים האָב איך דערפילט קלעפּ פון אַ שטעקן. זיי

זיינען נישט געווען געצילט ספּעציעל צו מיר, ווייל איך בין געלעגן אין ווינקל. איך האָב נישט געקלערט קיין סך און אַרונטערגעשפּרונגען אויף דער צווייטער זייט פונעם שטעקנס ריכטונג. איך האָב זיך אויסגע־לענקט אַ פּוס און געמוזט אַנטלויפן הינקעדיק.

עס איז מיר איינגעפאַלן, אַז אויפן אַלטן מאַרק וועל איך זיך קענען צושפּאַרן אויף די שטעלכלעך פון די הענדלערקערס ביז זיי וועלן אַרויס־קומען. דאָרט האָב איך באַמערקט עטלעכע גאָר־גרויסע קאַסטנס, וואו מען האַלט די קופּערנע סיפּאָנען מיט סאָדע־וואַסער. איך בין גלייך אַריינגעקראָכן אין איינעם און דאָרט איינגעשלאָפן אין דער נעץ, וואָס איז דאָרט געווען.

שפּעט ביינאַכט זיינען אָנגעקומען בעלי עגלות, וואָס פירן פּאַסאַ־זשירן צו דער באַן־סטאַנציע. זיי האָבן זיך פונקט אַרויפגעזעצט אויפן קאַסטן וואו איך בין געלעגן און זיך דערציילט פּורמאַנסקע מעשהס. שפּעטער איז עס זיי נמאס געוואָרן און זיי האָבן זיך גענומען באַרען און באַווייזן גבורות איינער איבערן צווייטן. פון גרויס היץ האָבן זיי אומ־געוואָרפן דעם קאַסטן און דערזען, וויאַזוי עס פאַלט פון דאָרט אַרויס אַ באָרפעס יאָטל מיט נאַסע פּיסלעך. דאָס האָט זיי אַזוי איבערראַשט, אַז זיי האָבן מיך אַ כאַפּ געטאָן און גענומען וואַרפן איינער צום צווייטן ווי אַ פּילקע. זיי האָבן מיך ערשט אָפּגעלאָזט, ווען זיי האָבן געדאַרפט אַוועקפאָרן. האָבן זיי מיך געהייסן גיין אַהיים, אַז נישט וועלן זיי אויף מיר אָנשיקן דעם סטראַזשניק. האָב איך שוין מורא געהאַט אַריינצו־קריכן צוריק אינעם קאַסטן און זיך אַרומגעדרייט ביז אין דער פרי.

עטלעכע מעת לעת זיינען אַזוי פאַרביי. בייטאָג האָב איך נאָך באַ־וויזן ערגעץ צו באַקומען אַ ביסן, נאָר ביינאַכט איז געווען ביטער. עט־לעכע מאָל האָב איך פשוט געוואָלט גיין און זיך אַוועקלייגן ביים טאַטנס שוועל — און זאָל ער טאָן מיט מיר וואָס ער וויל. אַ צווייטן מאָל האָב איך גאָר געוואָלט באַפאַלן די שטוב און אַרויסזעצן אַלע שויבן, נאָר דאָס דרך־ארץ־געפיל צום טאַטן האָט פאָרט גובר געווען מיין קינדישן צאָרן. איינמאָל האָב איך זיך אָבער נישט געקענט איינהאַלטן און בין אַוועק שלאָפן אויף דער ערד פון אונזער הויף. איך האָב געוואָלט, אַז

דער טאַטע זאָל גיין צום דאַווענען און זען וואָס פון מיר איז געוואָרן. אויפן הויף האָב איך דערזען אַן אַלטע שלאָף־באַנק, וואָס עמעצער האָט מסתמא אַרויסגעוואָרפן. איך האָב עס באַטראַכט אַזויווי אַ נס. גלייכער ווי צו ליגן אויף דער הוילער ערד.

דאָס איז שוין געווען טיף אין די אלול־טעג. חנאָ׳ס צוויי זין האָבן געזונגען ביים חזן און געמאַכט פּראָבעס צו די ימים־נוראים ביז שפּעט אין דער נאַכט. ווען אברהם איז אָנגעקומען אויפן הויף, האָט ער דער־זען ווי עפּעס אַ קליין שאָטנדל ליגט איינגעקורטשעט אויף דער אַלטער שלאָף־באַנק און פּאַר שרעק האָט ער גענומען שרייען „קטאָ טאַם״? (ווער איז דאָרט?). איך האָב אָבער מורא געהאַט עפּעס צו ענטפערן, ווייל מיין פאָטער האָט געקענט דערהערן און אַרויסקומען. ער וואָלט מיך זיכער געווען אָוועקגעטריבן פון אַזאַ „גוטן״ שלאָפפּלאַץ . . . אברהם האָט דערפון זיך נאָך מער דערשראָקן און גענומען אויף מיר וואַרפן שטיינער. דאַן האָב איך זיך שוין געמוזט אויפשטעלן און ער האָט מיך דערקענט. ער האָט מיך גלייך אַריינגעשלעפּט צו זיי אין שטוב אַריין און מיר געגעבן אָפּצועסן. אברהם האָט מיר דערציילט, אַז ראובן זוכט מיך שוין אַרום עטלעכע טעג און צוליב מיר האָט ער זיך שוין צעקריגט מיטן טאַטן . . .

אָבער קיין אָרט צום שלאָפן ביי זיי אין שטוב האָט ער פאַר מיר נישט געהאַט. דאָס איינציקע אָרט, וואו ער האָט מיך געקענט לייגן איז געווען דאָס קליינע שטעלעכל, וואָס חנאָ שלייפער האָט פאַרדונגען אַ שטאָטישן איד. דאָרט זיינען געלעגן געזאַלצענע קישקעס און גרויסע זעק. אברהם האָט מיר גוט אויסגעבעט מיט די זעק און איך בין תיכף האַרט איינגעשלאָפן, נישט הערנדיק די מייז וואָס זיינען אַרומגעשפּרונ־גען אין אַלע ווינקלען.

ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, האָב איך פאַר זיך געזען אברהמען, רחל־לאהן און ראובנען. מיין ברודער האָט שטאַרק געוויינט און מיך געבעטן, אַז איך זאָל זיך אויפהויבן. אָבער איך האָב מער נישט געקענט. איך האָב געהאַט היץ. ראובן האָט מיך פּשוט גענומען אויף די הענט און אַוועקגעטראָגן צו דער חברה תהלים און מיך אַוועקגעלייגט נעבן

מיין פאָטער . . . דער טאַטע האָט גאָרנישט געזאָגט, בלויז מיך צוגע־פירט צום האַנטפּאַס און מיר אַרומגעוואַשן דאָס פּנים. נאָכן דאַווענען און סליחות־זאָגן האָט ער מיך כמעט אַהיימגעטראָגן אויף די הענט. אפילו די שטיפמאַמע האָט דאָס מאָל געשוויגן. איך וואָלט זי אָבער סייווי נישט געהערט. איך בין עטלעכע טעג געלעגן אויף דער סאָפע און געלערנט.

גראָד איז אין עטלעכע טעג שפּעטער צוריקגעקומען מיין ברודער משה. ער האָט נאָרוואָס געענדיקט דינען ביי די סאָלדאָטן און מיך גע־נומען אונטער זיין רשות. פאַר אַן אויסגעדינטן סאָלדאַט האָבן אַלע געהאַט אַביסל מער דרך־ארץ. משהס קומען האָט אַריינגעברענגט אַ נייעס אין מיין לעבן: ער האָט אָפן גענומען ריידן וועגן אַ תכלית פאַר מיינעטוועגן און איך האָב אים מיט אַ ציטערדיק האַרץ געקוקט אין מויל אַריין.

מאָדנע פּאַסירענישן
אין
דער משפּחה

מיט משהס אַהיימקומען זיינען פאָרגעקומען אַ סך ענדערונגען אין דער היים. טיילמאָל האָט עס מיר הנאה געטאָן, ווייל צוליב דעם האָט מען כמעט ווי פאַרגעסן אין מיר. אָבער פון דער צווייטער זייט האָבן מיך פּלוצים גענומען מאַטערן אַ סך זאַכן, וואָס איך האָב באין אופן נישט געקענט פאַרשטיין און אויך קיינעם נישט געקענט פרעגן. ביי מיין נייגעריקער נאַטור, וואָס האָט זיך נאָך קליינערהייט באַוויזן, איז עס נישט געווען פון די לייכטע זאַכן . . .

אָנגעהויבן האָט זיך עס דערפון, וואָס משה איז געוואָרן אַ חתן מיט מיין קוזינע, דעם פעטער ישראל-לייזערס טאָכטער עטקע. איך ווייס נישט, פאַרוואָס דער טאַטע איז געווען אַזוי אומצופרידן דערפון. איך קען זיך אויך נישט דערמאָנען ווען די תנאים זיינען געשריבן געוואָרן. איך האָב נאָר געהערט, אַז דער פעטער ישראל-לייזער האָט נישט גע־וואָלט פאַרוואָס קיין חתונה, ביז משה וועט פריער נישט לערנען אַ שטיק צייט אין בית־המדרש. משה איז צוליב דעם געבליבן אין שטעטל און דערווייל געהאַלטן אַן אויג אויף מיר, וויפל ער האָט נאָר געקענט. זיין השגחה אויף מיר האָט אַביסל געמילדערט די באַציאונג פון טאַטן מיט דער שטיפמאַמען און איך האָב זיך געפילט גליקלעך.

באַלד האָט זיך אָבער אונטערגערוקט דער זמן החתונה און משה האָט דערנאָך זיך געדאַרפט אַרויסציען פון אונז. אינעם טאָג פון דער חופּה האָט דער טאַטע האַרב אָנגעזאָגט, אַז קיינער פון שטוב זאָל זיך נישט דערוועגן צו גיין צו דער חתונה. ער אַליין האָט אויך באַשלאָסן נישט צו ווייזן זיך דאָרט. מיין ברודער ראובן האָט מיר אָבער אַריינגע־

שושקעט אין אויער, אַז ער וועט זיך אַוועקגנבענען אַהין און אויך מיך וועט ער מיטנעמען. פאַרנאַכט האָבן מיר זיך בײדע אַרויסגעגנבט פון שטוב און אַנטלאָפן צום דערפל לאָמזשיצע, וואו די חתונה איז פאָרגעקומען . . . מיר האָבן בײדע געמײנט, אַז דער טאַטע וועט אונז דערפאַר מקיים פּסק זײן ווי געהעריק, אָבער מיר זײנען געווען גרײט דערצו. ראובן האָט צו מיר געטענהט, אַז אַלץ איז כדאי אַבי נישט צו פאַרשעמען אַ דערוואָקסענעם ברודער . . . אָבער משה מיט זײן כלה האָבן עס נישט געקענט אויסהאַלטן. זײ זײנען בײדע אַוועק צום טאַטן, געוויינט און געפאַלן אים צו די פיס, אַז ער זאָל נישט אָנטאָן אַזאַ חרפה פאַר לײטנס אויגן. אין וואָס דעם טאַטן איז געגאַנגען, ווײס איך נישט ביז הײנט. בכל אופן איז עס געווען אײנע פון זײנע עקשנותן . . . די געווײנען פון חתן־כלה האָבן אים דאָך גערירט דאָס האַרץ און גאָר שפּעט בײנאַכט האָט ער זיך באַוויזן אויף דער חתונה. איך מיט ראובנען האָבן פרײער אָפּגעטאָמט.

אַרום דער זעלבער צײט האָט אויך מײן ברודער יאַנקל חתונה געהאַט, אויך מיט אַ כלה פון דער משפחה — מיט דער מומע חיהס טאָכטער, כאַנטשע. אויך דאָ האָט דער טאַטע אָפּגעשפּילט אַ ברוגז־סצענע — אָבער אַ סך ערנסטער ווי בײ משהס חתונה. ווי איך האָב שוין פריער דערצײלט, האָט דער טאַטע עפּעס געהאַט אַ באַהאַלטענע מורא פאַר יאַנקלען און טאַקע אויך געהאַט פאַר אים אַביסל דרך־ארץ. אָבער זײ האָבן בײדע צווישן זיך נישט געשטימט.

ווען ס'איז געקומען נאָענט צו דעם יום־החופּה האָט דער טאַטע דערקלערט, אַז ער וועט נישט קומען צו דער חתונה, ביז מען וועט אים באַזונדער נישט סילוקן אַ באַשטימטע סומע געלט. פאַרוואָס און פאַרוועון האָב איך דאַן נישט געקענט פאַרשטײן און פאַרשטײ עס נישט עד היום. אַזויווי יאַנקל איז געווען אַ שטיקל למדן, האָט אויך ער אַרויסגעשטעלט זײנע פאָדערונגען: ער האָט געוואָלט, אַז דער טאַטע זאָל אים געבן דרשה־געשאַנק דעם ש״ס, וואָס איז אים איבערגעבליבן פונם זײדן — און מײן פאָטער האָט עס אים צוגעזאָגט.

דאָס געלט, וואָס דער טאַטע האָט פאַרלאַנגט האָט מען אים נישט

געגעבן. דערפאַר איז ער צו דער חתונה טאַקע נישט געקומען, אָבער יאַנקל האָט אין דעם ש״ס נישט פאַרגעסן. היות ווי דער ש״ס איז נישט געווען אין דערהיים, נאָר געלעגן פאַרמשכונט אין דער „גמילות־חסד־קאַסע״, איז אים לייכטער געווען אַרויסצובאַקומען. יאַנקל האָט געוואוסט, אַז דאָס געלט אויפן משכון האָט שוין דער טאַטע אָפּגעצאָלט — נאָר דעם ש״ס האָט ער דאָרט געלאָזט ליגן צוליב באַקוועמלעכקייט; ער זאָל נישט פאַרנעמען קיין צופיל אָרט אין שטוב. יאַנקל האָט באַשלאָסן מיך אויסצונוצן צו דעם שטיקל אַרבעט און מיך געשיקט אָפּנעמען דעם ש״ס אין נאָמען פון מיין טאַטן. איך האָב זיך נישט אָריענטירט אינעם גאַנצן מחלוקת — און אַז ער האָט מיך געשיקט, בין איך געגאַנגען. אין דער „גמילות־חסדים״ האָבן מיך אַלע געקענט — און דערפאַר האָב איך אַרויסגעקריגן דעם ש״ס אָן שוועריקייטן...

אויף דער חתונה האָט מען אויסגערופן, אַז דעם חתנס טאַטע גיט אַ ש״ס דרשה־געשאַנק און אַלע האָבן עס געהאַלטן פאַר נאַטירלעך. מען האָט זיך נאָר געוואונדערט, פאַרוואָס ער אַליין איז נישט געקומען אויף דער חתונה. אָבער אויך דאָ האָט עמעצער גלייך געהאַט אַ תירוץ: מסתמא איז ער נישט געזונט, אָדער ער איז סתם פאַרדרייט מיט דאגות... והראיה, אַט האָט ער דאָך געשיקט אַזאַ שיינע מתנה דעם חתן! פאַר־שטייט זיך, אַז דער טאַטע איז באַלד געוואויר געוואָרן די מעשה מיטן ש״ס און ווער עס האָט אים אַרויסבאַקומען... עפּעס נישט ווי זיין טבע, האָט ער מיך דאָס מאָל נישט געשלאָגן. צוויי טעג איז ער געווען צו מיר פריינטלעך און געשוויגן. ערשט אויפן דריטן טאָג האָט ער מיך צו־גערופן און געזאָגט:

— איך וואָלט דיר געדאַרפט באַצאָלן ווי געהעריק פאַר דיין שליחות, וואָס דו האָסט געמאַכט פאַר יאַנקלען... אָבער טאָמער שלאָג איך דיך איצט, וועסטו מיינען אַז דו ביסט שוין אָפּגעקומען דיינס און פּטור. דערפאַר וויל איך, אַז יאַנקל זאָל דיר באַצאָלן. גיי אַוועק צו אים אַהיים און קום מער נישט צוריק. דו זאָלסט דאָרט עסן און שלאָפן, ביז ער וועט דיר צוריקגעבן דעם ש״ס. דו זאָלסט אָבער קיין שום זאַך פאַר זיי נישט טאָן; נישט פאַר אים און נישט פאַר חיה׳ן. (זי איז געווען

יאַנקלס שוויגער). דאַרפסט פאַר זיין קיין שום נוצן נישט ברענגען, בלויז עסן פון גרייטן... טאָמער וועסטו מיך נישט פאָלגן, וועסטו האָבן צו געדענקען...

איך דערמאָן זיך, אַז איך האָב אים באַלד געענטפערט, אַז דאָסמאָל וועל איך אים נישט פאָלגן. איך קען נישט עסן ביי יענעם און דערביי נישט טון קיין האַנט אין קאַלטן וואַסער, בעת יענער האָרעוועט. מיין פאָטער איז דערפון נישט נתפעל געוואָרן, נאָר מיט אַ רואיק געמיט מיר דערקלערט:

— דו מיינסט, אַז איך וועל דיך דערפאַר הרגענען? חלילה, איך וועל דיר נאָר אויסברעכן אַ האַנט אָדער אַ פוס — און זאָל דערנאָך פאַר דיר יאַנקל זאָרגן... און איצט — רייד נישט מער קיין וואָרט, נאָר גיי!

איך האָב מער נישט געוואָרט קיין מינוט, נאָר אַוועקגעלאָפן צו יאַנקלען. ווי אַלעמאָל האָט די מומע חיה שטאַרק רחמנות געהאַט און מיר אפילו געגעבן אַ גוט אָרט צום שלאָפן. באַלד אין דערפרי האָב איך אָבער דערזען דעם גרויסן דלות, אין וועלכן מיין ברודער לעבט און איך האָב נישט געהאַט דאָס האַרץ צו נעמען אַ ביסן אין מויל. אַזויווי איך בין שוין אַביסל געווען באַקאַנט מיטן גאַסן־לעבן בין איך גלייך אַוועק אויפן „פלאַץ" וואו די סאָלדאַטן האָבן זיך מושטירט און זיך אַרומגעדרייט ביז פאַרנאַכט מיט ליידיקע קישקעס. דאָרט האָב איך דערזען, אַז מיינע הויזן זיינען שרעקלעך צעריסן און איך האָב זיך געשעמט ערגעצוואו צו גיין. נישט וויסנדיק וואָס ווייטער צו טאָן, האָב איך זיך אַוועקגעזעצט אין זאַמד אויפן „פלאַץ", אויף די ריבאַקעס און געוואַרט אויף אַ נס. שפּעט נאָכמיטאָג האָב איך דערזען פון דער ווייטנס משה'ן. ער האָט געהאַט זיין געוועלבל אויף די ריבאַקעס, נאָר דאָ האָט ער זיך געיאָגט נאָך זיין ציג. איך האָב זיך געוואָלט באַהאַלטן און דאָך געבליבן זיצן אויפן אָרט. משה איז באַלד צוגעקומען מיט פאַרווייטע אויגן. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער וואָלט מיך אַריינגענומען צו זיך אין שטוב — נאָר דער טאַטע האָט אים געשיקט אַ צעטל: ער וועט אים פּשוט מחרים זיין, אויב ער וועט מיך לאָזן איבער דער שוועל.. וואָסזשע טוט מען?

משה האָט געפונען אַ שטיקל עצה. ער האָט מיך געהייסן צוקומען צו זיין פענסטער... איך בין אַהין צוגעגאַנגען און געוואַרט, עס זאָל נישט הייסן, אַז איך בין „אַריבער זיין שוועל" און זיין ווייב עטקע האָט מיר אַרויסדערלאַנגט אַ שטיק ווייס ברויט מיט אַן עק פון אַ הערינג... איך געדענק, וויאַזוי איך האָב דאַן געזאָגט:

— גיט מיר בעסער אַ נאָדל מיט פאָדעם, איך זאָל מיר קענען צו־נייען די הויזן!

עטקע האָט מיר אַרויסדערלאַנגט אַן איינגעפעדעמטע נאָדל מיט ווייסן פאָדעם און איך האָב זיך צוגענייט די ריסן אין די הייזן, ווי ווייט איך האָב געקענט. דערנאָך האָב איך אַריינדערלאַנגט די נאָדל דורכן פענסטער און גענומען דאָס ברויט מיטן הערינג...

גאַנצע צוויי מעת־לעת דערנאָך האָב איך גאָרנישט געהאַט אין מיין מויל. עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז די גאַנצע וועלט האָט פאַרגעסן אין מיר: נישט ראובן, נישט משה, נישט יאנקל... קיינער איז נישטאָ, קיינער זוכט מיך נישט און קיינער דאַרף מיר נישט... איך בין איי־נער אַליין איבערגעשלאָפן די נעכט אויפן זאַמד פון לאָמזשער „פּלאַץ". אויפן דריטן טאָג האָב איך מער נישט געקענט אויסהאַלטן. איך בין צוגעקראָכן צום שכנותדיקן הויף פון אונזערן. דאָרט איז געווען אַ פאַרקאַן אין וועלכן ס'האָבן געפעלט עטלעכע ברעטער. פון דעם אָרט האָב איך געקענט אַריינקוקן צו חנאַ שלייפער אין שטוב, ווען די טיר איז דאָרט אָפן... דורכן לאָך האָב איך עטלעכע מאָל געזען פאַרבייגיין מיין שטיפמוטער און אויך וויאַזוי מיין שטיפשוועסטערל חוה שפּילט זיך אויפן הויף. איך בין דאָרט אַזוי לאַנג געשטאַנען, ביז רחל לאה האָט מיך באַמערקט און איך האָב צו איר אַ וואונק געטאָן. זי מיט אברהמען זיינען באַלד אַרויס צו מיר און איך האָב זיי גאָרנישט געדאַרפט דער־ציילן...

זיי האָבן מיר דערציילט, אַז מיטן טאַטן איז נישטאָ וואָס צו ריידן. זייער מאַמע, שאָשקע האָט שוין אויסגעריסן זיך דאָס האַרץ און ס'האָט גאָרנישט געהאָלפן. דערפאַר אָבער האָבן זיי מיך געהייסן גיין צו משהן אָדער צו יאַנקלען. איינער פון די צוויי מוז פאַר מיר עפּעס טאָן!

זיי האָבן אין מיר אַזוי לאַנג ארייִנגעטעגהט ביז איך האָב זיך דער־שלעפּט צו יאַנקלען. איך האָב זיך אַנידערגעוואָרפן אויף דער ערד און נישט געוואָלט אָפּטרעטן: אַ סוף זאָל עס נעמען! אויב קיינער דאַרף מיך נישט, זאָל ער מיך נעמען און עמעצן אַוועקשענקען... איך וועל גיין וואו נאָר ער וועט מיך הייסן און איך וועל יעדן איינעם פאָלגן, אַבי איך זאָל שוין עמעצעגס זיין... וויפל איז דער שיעור צו פּייניקן זיך?

פאַרשטייט זיך, אַז מיינע טענות האָב איך דאַן אַרויסגעבראַכט מיט אַ קינדעריש לשון — אָבער געוויינט האָב איך מער וויפל אַ סך גרויסע קענען עס טאָן. די מומע חיה האָט מיך געפּרואווט באַרואיקן, מיר צו־געזאָגט אַז זי וועט שוין עפּעס צוטראַכטן פאַר מיינעטוועגן — אַבי איך זאָל אויפהערן צו וויינען. זי האָט מיך אפילו געהייסן בלייבן שלאָפן ביי איר, צוזאַמען מיט איר אינגל.

נאָר גלייך אויף צומאָרגנס איז זי געקומען מיט אַ בשורה טובה:

— חנה די מילכיקערין וויל דיך נעמען צו זיך...

עפּעס האָב איך זיך גאָר אַליין נישט געקענט צוגלויבן די גדולה: איך וועל אַרויספאָרן אין אַ דאָרף היטן חנה׳ס אַ סאַד. דאָרט וועל איך זיין אַ גאַנצן זומער, באַקומען עסן און שלאָפן — און דערצו נאָך גאַנצע צען רובל פאַרן זמן... וויאַזוי בין איך עס מיטאַמאָל געוואָרן אַ דערוואַק־סענער מענטש — און אַ פאַרדינער דערצו? עס האָט זיך מיר אויס־געוויזן די גאַנצע נאַכט אַז איך חלום, כאָטש יענע נאַכט האָב איך קיין אויג נישט צוגעמאַכט פאַר גרויס גליק...

דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן, ווען איך האָב זיך געפילט אַזוי גליקלעך... דאָס גליק פון אַ קליין, אידיש אינגל ווען ער הערט גאָר, אַז ער וועט דאַרפן אַוועק אין דער פרעמד און נישט זען קיינעם: קיין טאַטן, קיין ברידער, קיין רחמנות...

אַ שיין גליק אויף גאָטס וועלט!

אין דער הויט
פון
אַ שומר

לאַנג צוגרייטן זיך צו דער רייזע האָב איך נישט געדאַרפט. חיה האָט מיך מיטגענומען אויפן מאַרק און מיט עטלעכע שעה שפּעטער האָט זי מיך צוגעפירט צו אַ הויכן וואָגן. דאָרט איז געזעסן אַ הויכע פרוי אין די עלטערע יאָרן. מיר האָט זיך שטאַרק געוואָרפן אין די אויגן, וואָס די קנייטשן אויף איר פּנים זײַנען געווען מאָדנע גלייך, אַזוי־ווי פּאַראַלעלע ליניעס און קיין איינער פון זיי האָט נישט באַרירט דעם אַנדערן. אַזוי איז עס אויך געווען מיט די קנייטשן אויפן שטערן. זיי האָבן זיך ממש געצויגן פון איין שלייף צום אַנדערן, אָבער אין באַזונדערע ליניעס, אַזויווי יעדער קנייטש וואָלט זיך געהאַט זיין באַזונדערן וועג. איך האָב עס דאָס ערשטע מאָל באַמערקט ביי עמעצן און דערפאַר האָט עס מיך אינטערעסירט. זי האָט אויך געהאַט גראָבע און אַזויווי־איבערגעקערטע ליפּן, וואָס האָבן מיך אַביסל אָפּגעשראָקן. זי איז געזעסן אויפן וואָגן נעבן אַ צעבער מילך און געהאַלטן אין דער האַנט אַ קוואָרט וואָס איז געווען צוגעשלאָגן צו אַ לאַנגן שטעקן. דאָס האָט זי פאַרקויפט מילך די ווייבער פון גאַס.

מיך האָט דערביי געוואונדערט, וואָס זי פרעגט נישט ביי קיינעם וויפל מילך זי זאָל אַריינגיסן, גלייך ווי זי אַליין וואָלט דאָ געווען די בעל־הביתטע און נישט אירע ווייבערישע קונה׳טעס. עס האָט געדויערט אַ היפּש שטיקל צייט ביז זי האָט באַמערקט מיך מיט חיהן... די מומע האָט אַ שטילן בעט געטאָן:

— הנה... אָט איז דאָס אינגל...

די אידענע מיטן נאָמען חנה האָט אויף מיר אַ קוק געגעבן מיט איר

מורא׳דיקן פנים, אָבער מיר איז פון איר קוק וואַרעמער געוואָרן. זי האָט צו חיהן אַ בליק געטאָן פרעגנדיק:

— ער האָט כאָטש עפּעס געגעסן היינט?

נאָך איידער עמעצער האָט איר געענטפערט, האָט זי מיר דער־לאַנגט אַ גרויסן בייגל מיט אַ שטיק קעז און אַ כלי מיט מילך... חיה האָט זיך נישט געקענט דערוואַרטן און ווידער געפרעגט:

— נו, דו נעמסט אים?

אויף אויף דעם האָט חנה נישט געענטפערט דירעקט. זי האָט זיך גאָר אויסגעדרייט צו איר מאַן, וואָס איז געשטאַנען אַ זייטיקער און געגלעט דאָס דאַרע פערדל, ווי נישט אים מיינט מען דאָס. זי האָט אים אפילו ביים נאָמען נישט אָנגערופן:

— דאָס אינגל דאַרף האָבן אַ פּלאַץ אויפן וואָגן... מאַך עס איי־דער עס ווערט שפּעט...

חיה האָט זיך פּלוצים דערפילט איבעריק. זי איז בלויז צוגעקו־מען און מיך געקושט. דערפון איז מיר פּלוצים געוואָרן טרויעריק, אַזויווי איך וואָלט דאָ אַוועקגעפּאָרן אויף אייביק און ביז איצט דערפון נישט געוואוסט... האָב איך אָנגעהויבן צו וויינען. חיה האָט מיך געמוזט באַרואיקן:

— דו זיי נאָר אַ גוט אינגל און ביי חנהן וועט דיר גאָרנישט פעלן...

דאָס האָט זי געזאָגט מיט אַ הויכן טאָן, ספּעציעל אַז חנה זאָל עס הערן. אָבער חנה האָט זיך נישט־וויסנדיק געמאַכט און חיה איז אַוועק, נישט־זאָגנדיק איר קיין גוטן טאָג. ערשט נאָך איר אַוועקגיין האָט חנה זיך צו מיר אויסגעדרייט:

— אַ יתום?

איך האָב כמעט ווי געענטפערט צו דער זאַך:

— איך האָב אַ טאַטן...

מער האָט זי נישט געפרעגט. זי האָט נאָר אָנגעוויזן איר מאַן, וואו איך זאָל זיצן און איך בין אַ גליקלעכער אַרויפגעקראָכן אויפן וואָגן.

חנהס מאַן — אַזוי האָט מען אים טאַקע גערופן און קיינער האָט רעכט נישט געוואוסט, וויאַזוי ער הייסט אויף זיין אייגענעם נאָמען —

איז עפּעס געווען אַזויווי אַ בלויזע צוטשעפּעניש צו איר. ער איז געווען אַ סך עלטער פּאַר איר, נישט ווינציקער מסתמא ווי מיט אַ יאָר צען. זיין עובדא איז געווען אָנצוטרייבן דאָס פערדל, אַרונטערנעמען און אַרויפשטעלן די מילך-טעפּ, באַזאָרגן די צעבערס און איינקויפן אַלע נויטיקע זאַכן. קיין גרויסע דעה האָט ער נישט געהאַט, ווייל זי איז געווען די גאַנצע בעל הביתטע. ווען ער איז געקומען פונעם איינקויף, האָט ער איר געמוזט אָפּגעבן אַ חשבון פון יעדער פּרוטה. דאָך האָבן זיי צווישן זיך געלעבט זייער גוט. איך האָב ניט געזען, אַז זיי זאָלן זיך אַמאָל קריגן. זיי האָבן זיך קיינמאָל נישט גערופן ביים נאָמען און אַלעמאָל גערעדט צווישן זיך ווי דורך אַ דריטער פּערזאָן. ווען זיי האָבן נאָר גענומען ריידן האָט עס אויסגעזען, אַז זיי הויבן אָן פונעם סאַמע מיטן. דערפאַר טאַקע האָב איך קיינמאָל נישט געוואוסט, וויאַזוי איך זאָל זיי ביידע רופן.

איר אויבערהאַנט האָב איך באַלד באַמערקט, נאָך אויפן וועג צום דאָרף געלטשין, וואוהין מיר זיינען געפאָרן קנאַפּע דריי שעה. אין געלטשין האָבן געוואוינט בערך אַכציק נפשות און אַ 30 פון זיי זיינען געווען אידישע. איך האָב דאָרט דערזען אַ נייע און כשופ׳דיקע וועלט: אַן אמתער וואַלד מיטביימער און בלומען, גלייכע און ניט-ברוקירטע וועגן, הייזער פון קלעצער, שטרויענע דעכער און וואונדערבאַרע לאָנקעס וואוהין מען טרייבט פּאַשען די בהמות. יעדער כאַטע איז געווען איינגעטונקען אין גראָז און ביימער-גרינס, אַז מען האָט זיי קוים אַרויסגעזען.

פון די צען אידישע פאַמיליעס האָט מען קוים געקענט צונויפשטעלן אַ מנין צום שבת׳דיקן דאַווענען. דאָך האָבן זיי געקויפט אַ ספר-תורה און דעם שמידס זון איז געווען בעל-קורא. אַ גאַנצע וואָך האָט ער זיך צוליב דעם געמוזט איינחזרן די סדרה און דאָך פלעגן די פּרשיות קוים אַרויסקריכן לעבעדיקע פון זיין מויל. די אידן פון דאָרף האָבן זיך פאַרנומען מיט שוסטעריי, שניידעריי און אַנדערע מלאָכות. דער גלעזער, למשל, האָט אויך געקענט זיין שוחט, אָבער אַ גאַנצע וואָך האָט ער אַרומגעוואַנדערט איבער פאַרשידענע דערפער.

ווען איך בין אַריינגעקומען אין „צימער" אַריין, וואָס איז געווען ריין צוגערוימט און די ערדענע פּאָדלאָגע איז געווען באַשאָטן מיט געלן זאַמד, האָב איך דערזען אַ מיידל אין די יאָרן שטיין און קאָכן. איין בחור, חנהס זון, איז געזעסן ביים פענסטער און גלאָט אַרויסגע־קוקט אין סאָד אַריין. דערנאָך בין איך געוואויר געוואָרן, אַז די טאָכטער לעבט נישט גוט מיט דער משפּחה. זי איז געווען אַ קראַנקע, געליטן פון אַסטמע און זי האָט געוואָלט פאָרן אין שטאָט אַריין זיך היילן — אָבער די עלטערן זיינען געווען זיכער, אַז עס וועט אַוועק פון זיך אַליין... אַזאַ בלאַס פּנים ווי אירס האָב איך דאָס ערשטע מאָל געזען.

עס האָט אויסגעזען, אַז אַלע האָבן מיך דאָרט דערוואַרט און איך האָב באַלד טאַקע נושא חן געווען ביי אַלעמען. איך האָב אָפּגעגעסן אַ גוטע וועטשערע און אַוועק שלאָפן אין שייער. דער זון האָט מיר אָנ־געוויזן מיין געלעגער און געזאָגט, אַז דאָרט וועל איך כסדר נעכטיקן.

ביז היינט פאַרשטיי איך נישט, אויף וואָס זיי האָבן מיך דאָרט גע־דאַרפט. כמעט יעדעס הויז אין דאָרף האָט געהאַט אַן אייגענעם סאָד. ווי גרויס חנהס סאָד איז געווען קען מען זיך פאַרשטעלן דערפון, וואָס זי האָט אָפּגעדונגען דאָס גאַנצע הויז מיטן סאָד אויף צוויי יאָר פאַר 15 רובל. דאָך האָט מען געדאַרפט היטן. די שקצים, האָט מען מיר געזאָגט, האָבן גלאַט ליב צו רייסן עפּל און פלוימען פאַר דער צייט, אַבי זיי מאַכן אַן שאָדנס. דער גאַנצער סאָד האָט געהאַט בערך 100 ביימער און אין עטלעכע מינוט האָב איך אים געקענט אַרומגיין. אַרום איז געווען אַ פּאַרקאַן און דערצו זיינען געווען בייזע הינט, וואָס קענען צעררייסן אַ מענטש. האָט מען מיך געהייסן היטן און היטן, בייטאָג און ביינאַכט... וואָס וואָלט איך געטאָן, ווען עס באַווייזט זיך טאַקע עפּעס אַ שייגעץ? איך וואָלט זיכער געשטאָרבן פאַר שרעק... אַז סך הכל בין איך נאָך קיין עלף יאָר נישט אַלט געווען! אָבער איך האָב געטאָן דאָס מייניקע.

ווען מען האָט מיך געבראַכט אַהין איז נאָך גאָרנישט געווען וואָס צו היטן, ווייל די פּרוכטן זיינען קוים אַרויסגעקראָכן פון זייער בליעכץ. אָבער שפּעטער זיינען זיי אונטערגעוואַקסן און איך אַליין האָב זיך גע־נומען פילן בעסער דערפון, וואָס איך האָב שוין וואָס צו היטן.

איך האָב קודם כל שלום געמאַכט מיט די דריי כלבים. איך האָב מיט מיינע אייגענע הענט פאַר זיי אויפגעשטעלט דיביידלעך אין דריי פאַרשיידענע עקן פונעם סאָד. דאַן האָב איך אויפגעשטעלט נאָך אַ ביידל ביים פערטן עק פאַר מיר צום שלאָפן. דער איינפאַל פון איינ־טיילן די כלבים אין אַלע זייטן איז שטאַרק געפעלן געוואָרן מיינע בעלי־בתים. באַזונדערס האָט מיט מיר שטאָלצירט די קראַנקע טאָכטער, וויל זי האָט געהאַט אַ באַוויז, אַז טאָמער קומט מען פון שטאָט האָט מען שכל...

אַלץ איז צוגעגאַנגען גוט. אַ גאַנצן טאָג ביז וועטשערע האָב איך זיך אַרומגעדרייט אין סאָד. דאַן האָב איך אָפּגעגעסן און אַוועק אין דאָרף מיט די שקצים און פון זיי זיך אויסגעלערנט רעדן פויליש דעם צווייטן טאָג זיינען מיר אַלע אויפגעשטאַנען גאַנץ פרי, בכדי צו העלפן צוגרייטן חנהן אויף איר רייזע אין שטאָט אַריין. ווי נאָר זי איז אַוועקגעפאָרן האָבן ביידע, דער זון מיט דער טאָכטער, גענומען קאָנקו־רירן צווישן זיך, ווער עס זאָל מיט מיר זיצן און שמועסן. פאַר זיי בין איך געווען דער גרויסשטאָטישער, וואָס ווייסט אַ סך זאַכן. על־פּי־רוב האָב איך געשמועסט מיט איר, צוליב רחמנות. אָבער אויך אים האָב איך געלערנט דאַווענען און אונטערשרייבן זיין נאָמען. דאָס האָט ער שטאַרק געוואָלט קענען, בכדי מיט דער אייגענער האַנט צו קענען חתמענען זיינע תנאים מיטן שמיד׳ס טאָכטער...

באַלד איז אָבער דאָרט געוואָרן לעבעדיק. גראָד געלטשין איז אויס־געקליבן געוואָרן פאַר די סאָלדאַטישע מאַנעוורעס. אונזער סאָד איז אויסגעקליבן געוואָרן פאַרן אָרט, וואו מען זאָל די מוזיקאַנטן לערנען שפּילן. מען האָט אפילו אויפגעשטעלט אַ ספּעציעלע געביידע פאַרן פּולקאָווניק און זיינע אָפיצירן. פאַר מיר איז אַזאַ געלעגנהייט ווערט געווען אַלע געלטער. די גאַנצע שמחה איז פאַרגעקומען אַרום מיר און עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַזוי ווי איך געפין זיך אויף אַ לאַנגער חתונה. באַלד האָב איך אויך גענומען מאַכן מסחרים: די סאָלדאַטן האָבן אָנגע־הויבן ביי מיר קויפן אַ היטל מיט גרינע נאָך ניט צייטיקע פלוימען פאַר אַ פירער (צוויי קאָפּיקעס)... פאַרשטייט זיך, אַז קיינער האָט דערפון ניט

געטאָרט וויסן. פון די סאָלדאַטן האָב איך זיך קודם־כל אויסגעלערנט, וויאַזוי צו פאַרדינען אַ פּאָר גראָשן „אין דער זייט" און צווייטנס האָב איך ערשט פון זיי זיך אויסגעלערנט רעדן אַ ביסל רוסיש...

דאָס אויסגעקאָכט זיין מיט די סאָלדאַטן האָט אויך געהויבן מיין פּרעסטיזש ביי די שקצימלעך אין דאָרף. ביי אַ אינגל וואָס מאַכט געשעפטן מיט סאָלדאַטן וועלן זיי דאָך נישט גיין גנבענען קיין עפּל, ווי ביי עפּעס אַ שלימזל!... אָבער ווי אַלעמאָל האָט זיך עפּעס געמוזט טרעפן, וואָס האָט אַ סוף געמאַכט צו מיין גאַנץ גליק... איך זאָג נאָר אַזוי אַז „עס האָט געטראָפן". פּאַקטיש האָב איך אַליין עפּעס אָפּגעטאָן, אַזוי ווי אַלעמאָל, און דאָס האָט מיך טייער געקאָסט. איך האָב זיך געוואָלט אויספּיינען פאַר „מיינע" סאָלדאַטן און דערפאַר זיי געוואָלט מכבד זיין מיט פרישן האָניק. ביי אונז אין סאָד זיינען געווען פינף בינשטאָקן און ס'איז געווען פון וואָס צו נעמען. איך האָב בלויז פאַרגעסן, אַז מיט בינען דאַרף מען וויסן וויאַזוי אומצוגיין. איך בין צוגעגאַנגען צו אַ בינשטאָק און געפּרואווט אַרויסנעמען דעם האָניק מיט אַ שמאָלן שטעקעלע. פּלוצים האָבן די בינען זיך אַ וואָרף געטאָן אויף מיר פון אַלע זייטן. איך האָב גענומען לויפן צו דער שטוב, אָבער זיי זיינען מיר נאָכגעפלויגן. איך האָב שנעל געוואָלט צומאַכן די פענסטער, אָבער איך האָב עס נישט באַוויזן. ביני לביני בין איך צעביסן געוואָרן ווי גרויס איך בין און די פּיס זיינען מיר געשוואָלן געוואָרן.

נאָך אַ נס, וואָס דאָס מיליטער איז דאַן געווען אין דאָרף און דער לאַזאַרעט־דאָקטאָר האָט מיך באַטראַכט. איך בין אָפּגעלעגן אינעם מיליטערישן פעלד־שפּיטאָל אַ צוויי וואָכן. אָבער צוזאַמען מיט די וויטיקן בין איך געווען גליקלעך, ווייל עס האָט מיר דאָרט גאָרנישט געפעלט.

ווען איך בין אַרויס פון שפּיטאָל און צוריקגעקומען היטן דעם סאָד זיינען שוין די סאָלדאַטן מער נישט געווען. איך האָב געהערט, אַז פאַרן אַוועקגיין האָבן זיי געמאַכט אַ גרויסע פייערונג אין מיטן דאָרף און דאָס האַרץ איז מיר פשוט צעריסן געוואָרן, וואָס איך בין דערביי נישט געווען. אַ גאַנצער מחותן מיט די סאָלדאַטן — אָבער צו דער גרעסטער שמחה בין איך נישטאָ! נאָר העלפן זיך האָב איך זיך נישט

געקענט. עס איז מיר אָבער געווען אומעטיק. איך האָב זיך שוין צוגעוואוינט צו די קולות פון די סאָלדאַטישע פּלייטן און טרומייטן און זיי האָבן מיר אויסגעפעלט אין דער שטילקייט פונעם דאָרף. צו טייל סאָלדאַטן האָב איך זיך צוגעבונדן ווי צו חברים און איצט האָבן מיך אפילו נישט געטרייסט די פּאָר גילדן, וואָס איך האָב פאַר זיך אָפּגע־שפּאָרט צוליב די מסחרים מיט זיי...

פון גרויס בענקשאַפט האָב איך זיך גענומען אַרומקוקן איבערן דאָרף, אַביסל ווייטער פון אונזער סאָד — און דאָ האָב איך פּלוצים אַנטדעקט, אַז די וועלט פאַרמאָגט נאָך אַנדערע מענטשן אויסער סאָל־דאַטן...

געסט פון שטאָט

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז קיין געלטשין קומען טייל אידן פון לאָמזשע אויף דאַטשע. ווילנדיק אָדער נישט, האָבן זיי זיך געמוזט געפינען נישט ווייט פון אונזער סאָד. איך האָב זיך גאָרנישט געקענט פאָרשטעלן פריער, אין שטאָט, אַז איך וועל זיין אַזוי נאָענט פון דער שענסטער אַריסטאָקראַטיע. אַזוי למשל, האָב איך איינמאָל אַנטדעקט, אַז נישט ווייט פונעם סאָד געפינט זיך דעם לאָמזשער רבס ווייב מיט אירע טעכטער, אויך שוין כלה־מיידלעך. פאַרוואָס איך האָב ביי זיי נושא־חן געווען, ווייס איך נישט — אָבער זיי האָבן ליב געהאַט צו קומען כאַפּן לופט אין אונזער סאָד. איינע פון די מיידלעך האָט זיך אפילו אַוועק־געזעצט עטלעכע מאָל און מיט מיר איינגעטענהט גאַנצע שעהן. זי האָט מיך אויסגעפרעגט ווער איך בין און איך האָב איר דערציילט אַלצדינג, וויאַזוי מיר איז צוגעגאַנגען אין לעבן. דאָס האָט זי אַזוי דורכגענומען, אַז זי האָט אָנגעהויבן אויף מיר אַכטונג געבן, אַזויווי אויף אַן אייגן קינד. איינמאָל איז זי אפילו געקומען צוזאַמען מיט דער מוטער און מיר געבראַכט אַ ביכל. זיי האָבן מיך געפרעגט אויב איך וויל לערנען רוסיש און איך האָב באַלד מסכים געווען. דאָס מיידל האָט מיר באַלד אָנגעהויבן צו געבן די ערשטע לעקציעס, טאַקע אין סאָד און איך בין ווידער געווען אַ גליקלעכער אויף אַ קורצער וויילע. אָבער די פּאָר וואָכן, וואָס די רביצן מיט די קינדער זיינען געווען אויף דאַטשע, זיינען שנעל אַוועק־געפלויגן און זיי האָבן געמוזט צוריקפאָרן קיין לאָמזשע. זיי האָבן מיר בלויז איבערגעלאָזט עטלעכע ביכלעך פון וועלכע איך האָב פלייסיק געלערנט פויליש און רוסיש.

די רביצין האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז ווי נאָר מיין זמן וועט זיך ענ־דיקן און איך וועל צוריקפאָרן קיין לאָמזשע — זאָל איך אַריינקומען צו זיי אין שטוב אַריין. אָבער קיין שום זאַך איז מיר נישט איינגעגאַנגען. איך

בין פשוט אויסגעגאַנגען פאַר בענקשאַפט צו זיי. טייטמאַל איז מיך באַפאַלן אַ חשק איבערצולאָזן געלטשין און לויפן צופוס קיין לאָמזשע, בכדי זיי צו זען נאָכאַמאָל. עס איז אויך קיין וואונדער נישט: זיי זיינען געווען די ערשטע זינט אַזאַ לאַנגע צייט, וואָס האָבן זיך צו מיר אַזוי מענטשלעך באַצויגן און דערפאַר האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז איך האָב דאָ צו טאָן מיט מלאכים. נאָך אַ נס, וואָס די פרוכטן אין סאָד זיינען דערווייל צייטיק געוואָרן און איך בין געווען ביי זיי פאַרנומען גאַנצע טעג. איך האָב זיי געהאָלפן איינזאַמלען, פאַקן אין קאַסטנס און באַזאָרגן, אַז חנה מיטן מאַן זאָלן זיי קענען וואָס שנעלער פירן אין שטאָט אַריין צום פאַרקויפן.

דערווייל בין איך אַריינגעצויגן געוואָרן אינעם לעבן פון די פּאָר געלטשינער אידן. אויך זיי האָבן געהאַט זייערע דאגות. עס האָבן זיך אונטערגערוקט די ימים־נוראים און זיי האָבן נישט געוואוסט וואָס צו טאָן מיטן דאַווענען. פאַרן אין שטאָט אַריין איז געווען אַ צו־גרויסע טרחה. פלעגן זיי אַלע יאָר צוגיין צום צווייטן דאָרף און צוזאַמען פראַווען דאָס דאַווענען. אָבער דאָס יאָר איז עפּעס אויסגעבראָכן אַ מחלוקת צווישן ביידע דערפער און עס האָט נישט געקענט זיין קיין רייד וועגן גיין אַהין דאַווענען. האָט מען גענומען אויסרעכענען אַלע כוחות און קהל האָט געפּסקנט, אַז נישקשה, געלטשין קען זיך איר שטעטל אַליין ביישטיין. ווען עס קומט צו אַזעלכע הייליקע טעג, ווערט קינד און קייט קומען דאַווענען און קיין מנין ווערט חלילה נישט פעלן. דער שמיד איז געוואָרן דער בעל שחרית און מיין בעל־הבית, חנהס מאַן, האָט זיך געקרויינט פאַר אַ בעל־מוסף... וואָס איז? ווייניק חזנים און בעל־תפילות האָט ער שוין געהערט אין זיין לעבן? נו, האָט ער זיך שוין אויסגעלערנט! אָבער ביי איין זאַך האָבן זיי שטאַרק געציטערט: דער שופר! די תקיעות האָבן אַלעמאָל אָנגעוואָרפן אַ פּחד אויף די דאָרפישע אידן און יעדער איינער האָט מורא געהאַט צוצורירן זיך צו אים און בלאָזן אום ראש השנה. דאָס איז נישט קיין היימישער סידור אָדער מחזור, וואו די אותיות טאַנצן אַנטקעגן!

בקיצור: דאָס ערשטע מאָל האָב איך געזען, אַז דעם טאַטנס האַרב־

קייט קומט צוניץ. ביי אונז אין שטוב איז געווען אַן אַלטער ירושה־שופר, וואָס איז איבערגעגאַנגען בירושה פון דור צו דור. ווער ווייסט ביי וויפל זיידעס אין די הענט ער איז שוין געווען. ווי נאָר אַ קינד איז אונטערגעוואָקסן אין שטוב האָט דער טאַטע עס געגומען שפּאָרן דעם שופר אין מויל אַריין. אַזאַ טייערע ירושה מוז מען קענען באַנוצן. עס האָט גאָרנישט געהאָלפן ביי אים — און אויך איך האָב געמוזט קענען שופר־בלאָזן!

ווען איך האָב נאָר פאַרוואָרפן אַ וואָרט, אַז איך קען זיין בעל־תוקע איז ביי אַלע אידן אין דאָרף געוואָרן אַ שמחה. עס האָט זיי אַפילו נישט געאַרט, וואָס איך בין נאָכנישט קיין בר־מצווה. עטלעכע טעג פאַר יום־טוב האָב איך געבעטן חנהן זי זאָל מיר ברענגען אַ פּאָר הייזקעס און שיך פון מיין ברודער יאַנקל. באָרפיס און אָפּגעריסן האָב איך נישט געוואָלט גיין דאַווענען. חנה האָט זיי מיר געברענגט ממש ערב יום טוב — און דאָ האָט פּאַסירט אַ קאָמישע זאַך: מיין ברודער האָט מיר געשיקט אַ פּאָר הויזן לויט מיין מאָס, אָבער איצט האָבן זיי באין אופן נישט געקענט אַרויפגיין אויף מיר. דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן האָב איך אַזויפיל חדשים געלעבט אַזויווי אין אַ גן־עדן — און דעריבער האָב איך זיך אויסגעפּאַשעט... דערפאַר אָבער זיינען די שיך געווען פון אַ דערוואַקסענעם.

דער יום טוב איז אַוועק גאָר פריילעך. דאָס בלאָזן שופן איז מיר לייכט אָנגעקומען. מיך האָט נאָר פאַרדראָסן, וואָס מיין בעל הבית, דער בעל מוסף, האָט ביי מיר אַרויסגעכאַפּט דאָס זאָגן הויך „למנצח" און מיר נאָר איבערגעלאָזט ביי די הוילע תקיעות. איך האָב אָבער קיין ברירה נישט געהאַט. איינמאָל, איז ער דער בעל־הבית און צווייטנס האָט ער געהאַט אַ גערעכטע טענה: ער וויל נישט געטרויען אַזאַ הייליקע תפילה צו אַ אינגל פאַר בר מצוה... וואָס מען מוז — מוז מען! אָבער זאָגן „למנצח" קענען גרויסע אויך... דעם צווייטן טאָג ראש השנה האָב איך אָבער געהאַט אַ שטאַרקערן פאַרדרוס: די הייזקעס האָבן אויף מיר געפּלאַצט אין מיטן שופר־בלאָזן. עס איז נאָך געווען אַ נס וואָס איך בין דערביי געווען איינגעהילט אין אַ טלית. איך האָב שוין דעם טלית נישט

אויסגעטאָן נאָכן דאַווענען און בין אַוועק אַהיים איינגעהילט אין אים. קיינער האָט מיך רעכט נישט געפרעגט פאַרוואָס איך טו אַזוי. ווער ווייסט? אפשר פירן זיך אַנדערע אידן אַזוי אין שטאָט, וויבאַלד מען איז אַ בעל תוקע... די קינדישע נאַאיוויטעט פון דאָרפס־אידן האָט אויף אַלע פראַגן געהאַט אַ גוטמוטיקן ענטפער. אין דער היים האָב איך אי־בערגעטאָן די אַלטע שמאַטעס — און אויס יום טוב!

מיין בלאָזן שופר האָט מיך אויפגעהויבן אין די אויגן פון די געל־טשינער אידן און פאַרנדיק אין שטאָט אַריין, האָט עמעצער פון זיי אפילו זיך נישט געקענט איינהאַלטן און געלאָפן אָנזאָגן מיין פאָטער דעם נחת. מעשה שטן האָב איך אָבער אויך דאָסמאָל געמוזט צעשטערן מיין גוטן נאָמען מיט די אייגענע הענט. שבת שובה האָב איך נישט גע־דאַרפט היטן דעם סאָד, ווייל חנהס מאַן האָט עס געטאָן. בין איך אַרויס שפּאַצירן אויף דער לאָנקע, וואו די פערד האָבן זיך געפּאַשעט. גראָד האָבן זיך דאָרט געפונען עטלעכע אידישע אינגלעך פונעם דאָרף מיט אַ שייגעץ. די אינגלעך האָבן מיר שרעקלעך נישט פאַרגונען מיין בלאָזן שופר פאַר די גרויסע, ווייל די עלטערן האָבן מיך שטאַרק געלויבט דערפאַר. איינער פון די אינגלעך האָט מיך דערפאַר געוואָלט פאַר־שעמען: שופר מעג איך טאַקע קענען בלאָזן, אָבער אויף קיין פערד איבער דער לאָנקע וועל איך נישט קענען רייטן! דאָס האָט מיך אַרויס־געפירט פון געדולד און איך האָב פאַרגעסן וואו איך בין אין דער וועלט און וואָס פאַר אַ טאָג מיר האָבן היינט...

איך בין אַרויפגעשפּרונגען אויף אונזער בעל־הבית׳ס „פגירה” און גענומען רייטן... מער האָבן די אינגלעך נישט באַדאַרפט. זיי האָבן גענומען לויפן איבער דער לאָנקע און מאַכן קולות:

— דער שיינער בעל תקיעה רייט אויף אַ פערד!

— שבת שובה!

עס האָט לאַנג נישט געדאַרפט דויערן, ביז דאָס גאַנצע דאָרף האָט דערפון געוואוסט. איך האָב זיך געוואָלט באַגראָבן פאַר חרפה. דער עיקר האָט זיך געקאָכט מיין בעל־הבית׳טע, חנה: וואָס איז מיר אָנגע־קומען דער שגעון? עמעץ שטערט מיר דען צו נעמען דאָס פערד, ווען

איך וויל נאָר אַליין? טאָ פאַרוואָס איז מיך די תאווה באַפאַלן דווקא אין אַזאַ הייליקן שבת? נאָר עס שוין סיווי געווען פאַרפאַלן. אָבער דער־פאַר האָב איך באַקומען די הילף פון אַן אַנדער זייט: מיין פאָטער האָט מיר געשיקט אָנזאָגן, אַז אויף יום־כיפור מוז איך קומען אַהיים. אַן אַנדער מאָל וואָלט איך זיך שטאַרק געוואָקלט, אויב איך זאָל אים פאָלגן, נאָר דאָס מאָל האָב איך זיך אין זיין באַפעל אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט. עס האָט מיך בלויז געוואונדערט: וואָס עפּעס פלוצים? אפשר האָט ער זיך שוין אויך דערוואוסט פון דער מעשה מיטן רייטן אום שבת? אויב אַזוי, ווייס איך שוין סיווי דעם וועג צו אַנטלויפן... אין אַ באַ־האַלטן אָרט זיינען געלעגן די פּאָר רובל, וואָס איך האָב שטילערהייט אָפּגעשפּאָרט פונעם פאַרקויפן פלוימען די סאָלדאַטן. זיי האָבן מיך גע־וואַרעמט און צוגעגעבן מוט: איצט בין איך שוין נישט מיט קיין ליי־דיקע הענט! אפילו איך וועל דאַרפן לויפן, וועל איך מער נישט דאַרפן הונגערן די ערשטע פּאָר שעה. איך האָב זיך אויפגעזעצט אויפן וואָגן און פלוצים דערשפּירט אין זיך אַן אַנדער מין כח, פון וועלכן כ'האָב גאָר פריער נישט געוואוסט. דער געדאַנק האָט זיך ביי מיר נישט אויפגעהערט צו דרייען אַרום איין זאַך:

ער וועט מער נישט שלאָגן...

איך ווייס נישט פון וואַנעט עס האָט זיך צו מיר פלוצים גענומען די זיכערקייט, אַז די צייט פון שלאָגן מיך איז שוין פאַרביי. איך האָב זיך דערמאָנט, אַז איך פּאָר קיין לאָמזשע, דערמאָנט זיך אין דאָרטיקן רב'ס ווייב מיט זיינע טעכטער וואָס זיינען ערשט נישט לאַנג אַוועקגעפאָרן... אָ, איצט האָב איך שוין דאָרט עמעצן! זיי וועלן מיך נישט פאַרלאָזן!

דער אָפּגעלאָפענער זומער איז געווען דער שענסטער אין מיין לעבן. איך האָב דאָס ערשטע מאָל געלעבט אַ פּאָר חדשים אויף גאָטס פרייער וועלט און הנאה געהאַט פון די שיינע טעג. איך האָב אויך געגעסן בעסער און דערפילט די אייגענע חשיבות. דאָ האָט מען מיך נישט גע־שלאָגן, נאָר אָפּגעגעבן כבוד. דאָ האָב איך פלוצים דערשפּירט אַז איך לעב נישט אומזיסט און אַז איך קען עמעצן נוצלעך זיין. דאָס האָט מיר

אויסגעלייכט די געפילן און איך בין דערפאַר געפאָרן צוריק קיין לאָמ־זשע עפּעס אַזוי ווי נישט דער זעלבער.

אַ שטילער באַדויער האָט מיך באַגלייט, דערויף וואָס מיין אייגענער זומער דאָ איז אַזוי שנעל אַוועקגעלאָפן. איך בין אָבער צופרידן געווען, וואָס אין די קנאַפּע 3 חדשים האָב איך דערוואָרבן אַ היפּש ביסל וויסן סיי אין רוסיש און סיי אין פּויליש; לייענען, שרייבן, גראַמאַטיק און אפילו אין רעכענען, וואָס איך האָב זייער אָפּגעשאַצט.

אַ דין־תורה מיטן טאַטן

גייענדיק פון דער פור צום הויז האָב איך אַליין ניט געוואוסט פון וואָס צו קלערן: וויאַזוי וועט מען מיך דאָרט אויפנעמען? אָבער וויפל אַ מענטש זאָל נישט קלערן איז דיווירקלעכקייט סיווי אַן אַנדערע. ווען איך בין אַריינגעקומען אין שטוב, זיינען גאָר דער טאַטע מיט דער שטיפמאַמען געזעסן „שבעה". זעענדיק מיך האָט זי אָנגעהויבן יעמערלעך צו וויינען, אַזויווי זי וואָלט זיך געפילט שולדיק. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איינע פון די שוועסטערלעך — מרים, דוכט זיך, — איז געשטאָרבן, און די שטיפמאַמע האָט וויינענדיק מיר דערציילט, וויאַזוי דאָס קינד האָט מיך ליב געהאַט און ביז דער לעצטער מינוט גע־בענקט נאָך מיר... מיין פאָטער האָט וועגן דעם קיין וואָרט נישט געזאָגט. ער האָט מיך בלויז געהייסן אָוועקזעצן זיך שבעה גלייך מיט אַלעמען און זאָגן תהלים. זיין טאָן איז אָבער געווען אַ פרייַנטלעכער.

דעם צווייטן טאָג האָב איך זיך נישט געקענט איינהאַלטן און בין אַרונטער צו חנאָ שלייפער אין הויז. אַלע האָבן זיך שטאַרק דערפרייט מיט מיר און איך האָב די שטוב כמעט נישט דערקענט, אַזוי אויסגע־פוצט איז זי געווען. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז חנאָ האָט שוין נאָך אַ מלאָכה: ער איז שוין געוואָרן אַן אַספּאַלט־גיסער אויך... ער האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס איז פאַקטיש זיין שטענדיקע מלאָכה, נאָר ער האָט ביז איצט נישט געהאַט קיין געלט צו קויפן די מכשירים דערצו. איצט האָט ער זיך געקויפט צוויי קעסלען, וואָס זיינען געווען צוגעשמידט צו אַ צוויי־רעדערדיקן וואָגן און מיט אים פלעגט ער אַרומפאָרן אומעטום, וואו מען האָט געדאַרפט לייגן אַ שטיקל טראָטואַר. ער פלעגט קאָכן די סמאָלע, זי אויסגיסן פונעם עמער און זיין ווייב שאַשקע פלעגט אויס־

גלייכן מיט אַ ברעטל, באַשיטנדיק פריער דעם אַספאַלט מיט זאַמד. זייער עלטסטער זון האָט זיך געגרייט חתונה צו האָבן און רחל לאה האָט זיך זייער גוט געלערנט אין שקאָלע. בקיצור: ס׳איז געווען נחת...

מיין פאָטער האָט מיך שפּעטער בלויז געפרעגט, אויב איך ווייס, אַז בעת מען זיצט שבעה גייט מען נישט צוגאַסט. מער האָב איך נישט געדאַרפט. איך בין שוין נישט אַרויס פון שטוב ביז ערב יום כיפּור פאַרנאַכט. צו כל נדרי איז דער טאַטע געגאַנגען אין אַזאַ מנין, וואו ער איז געווען בעל תוקע. בכלל האָט ער נאָר געזוכט אַזעלכע ערטער, וואו ער וועט קענען נוצן זיין שופר. קיין געלט דערפאַר האָט ער טאָקע נישט באַקומען, אָבער ער האָט זיך דערפון געפילט חשיבותדיק. אַ שטיק עגמת־נפש האָט מיר פאַרשאַפט דער יום־כיפּורדיקער טאָג. מיין טאַטע האָט מיך געצוואונגען אויסצוטאָן די שיך גלייך מיט אַלעמען. אָבער ערשט דאַן האָב איך זיך דערמאָנט, אַז איך טראָג נישט קיין זאָקן... אַלע אינגלעך האָבן געלאַכט און איך בין אַרומגעגאַנגען באָרפיס.

נאָך יום־כיפּור האָט זיך אַלץ אומגעקערט צום אַלטן. די שרעק פאַרן גוטן קוויטל האָט נאָכגעלאָזט, צוזאַמען מיטן טרויער. דווקא די שטיפמאַמע האָט גענומען אַרויסווייזן עטוואָס מער פריינטלעכקייט. דערפאַר אָבער האָט דער טאַטע ווידער זיך גענומען בוהג זיין ווי פריער. איך האָב זיך דערמאָנט, אַז מיר קומט נאָך ביי חנה דער מילכיקערן מיין שכר פון צען רובל פאַרן זמן. איך האָב געמיינט, אַז ווען איך וועל זיי אָוועקגעבן אין דערהיים וועט מען מיך לייכטער באַהאַנדלען. אָבער חנה האָט לגמרי געלייקנט, אַז זי דאַרף מיר געבן געלט. אויסער דעם האָט זי געטענהט, אַז איך בין אַוועק אין מיטן זמן: איך האָב געדאַרפט זיין אין דאָרף איבער אַלע ימים־טובים! דערצו האָט זי מיר געקויפט שיך און הויזן...

באַין ברירה בין איך אַוועק צו מיין פאָטער און אים דערציילט, אַז חנה וויל מיר נישט באַצאָלן... אָבער דאָ איז געשען עפּעס אויסטער־לישעס פאַר מיר: אַנשטאָט צו גיין זיך קריגן מיט חנה׳ן האָט ער מיך אַרויסגערופן אין דרויסן און אָנגעהויבן צו ריידן, אַזויווי איבער דער

צייט וואָלט גאָרנישט אָפּגעלאָפן קיין גאַנצער זומער... ער האָט מיר געזאָגט:

— גיי צו יאַנקלען און זאָל ער דיר באַצאָלן די צען רובל... אויסער דעם זאָל ער דיר אָפּגעבן דעם ש״ס. אויב ער וועט דיר נישט באַצאָלן און נישט אָפּגעבן דעם ש״ס — זאָלסטו נישט צוריק קומען... כ׳האָב עס דיר שוין איינמאָל אָנגעזאָגט!

איך האָב זיך ווידער געפונען אויף דער גאַס אומגעריכט. מיך האָט שוין נישט אַזוי פאַרדראָסן דאָס אַרויסטרייבן מיך פון שטוב, ווי דאָס רופן מיך צוריק פון דאָרף ספּעציעל צוליב דעם. איך בין אַריין צו די שלייפערס, אָבער זיי האָב מיר ווייניק וואָס געקענט העלפן. זיי האָבן מיך געהייסן גיין צו די ברידער. שאָשקע איז דערביי געווען אַזוי שטאַרק אין כעס, אַז זי האָט דערקלערט: אויב מיינע ברידער וועלן גאָרנישט אויפטאָן, וועט זי פּשוט נישט דערלאָזן אַז דער טאַטע זאָל ביי איר בלייבן וואוינען. דערנאָך וועט זי מיך אַריינעמען צו זיך אין דער שטוב און מיך אויסלערנען אַ מלאָכה...

צו מיין ברודער יאַנקל בין איך באַלד נישט געגאַנגען, ווייל איך האָב געוואוסט, אַז ער קען מיר נישט העלפן. בין איך אַוועק צו משהן, דערציילט אים די גאַנצע מעשה. נאָר אויך ער האָט נישט געוואוסט וואָס מיר צו זאָגן. פּלוצים האָב איך מיך דערמאָנט אין דעם רב׳ס ווייב. זי אַליין האָט דאָך מיר געזאָגט, אַז טאָמער טרייבט ער מיך נאָכ־אַמאָל אַרויס פון הויז זאָל איך קומען צו איר... בין איך אַוועק צום רב אין הויז.

ווען די רביצין מיט די טעכטער האָבן מיך דערזען, האָבן זיי מיך אויסגעהערט און געהייסן מיך גיין ברענגען מיינע ברידער. איך האָב באַוויזן צו ברענגען משה׳ן און יאַנקלען. קומענדיק צום רב האָבן מיר געמוזט לאַנג וואַרטן, אָבער דערביי האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז דער רב האָט געשיקט נאָכן טאַטן. מיין פאָטער האָט דערזען דעם שמש און ער האָט נישט געקענט פאַרשטיין: וויאַזוי האָב איך אים געקענט רופן אויף אַ דין־תורה? האָט ער טאַקע נישט געוואָלט גיין. ערשט ווען דער הויפּט־שמש איז געקומען, האָט ער איינגעזען אַז די מעשה

איז נישט קיין געלעכטער . . . ווען ער איז אַריינגעקומען האָט ער אין מיין זייט אַפילו נישט געקוקט, נאָר באַלד אַריין צום רב אין חדר . . . איך בין דערווייל געזעסן צווישן יאַנקלען און משהן, וואָס האָבן געציטערט אַז דער טאַטע זאָל מיך נישט שלאָגן ביים רב אין שטוב. עס איז זיי נישט געגאַנגען אַזוי שטאַרק אין די קלעפּ, ווי אין די בושות והחרפות וואָס זיי האָבן דערביי געקענט איינגעמען פון דער רביצן מיט די טעכטער. זיי האָבן געוואָלט שוינען דעם טאַטנס כבוד און נישט געוואוסט וויאַזוי . . .

נאָך אַ לענגערער צייט איז דער טאַטע ענדלעך אַרויסגעקומען פון רבס צימער און זיך געלאָזט גלייך צו מיר. מיינע ברידער האָבן געמיינט, אַז דאָס לאָזט ער זיך צו געבן מיר קלעפּ און יאַנקל האָט מיך פאַר־שטעלט מיט זיין קערפּער. ער איז מיר אָבער בלויז געקומען זאָגן, אַז דער רב וואַרט אויף מיר. צום רב אין חדר בין איך אַריין אַ ציטער־דיקער. עס האָט געדויערט עטלעכע מינוטן, ביז דער רב האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן. דערנאָך האָט ער געציילט יעדעס וואָרט:

— דיין טאַטע זאָגט, אַז ער וויל דיך נישט האַלטן אין שטוב. דו ווילסט נישט לערנען און ביזט אַ צולהכעיס׳ניק. אויך די תלמידים זיינע לערנסטו שלעכטע מידות. אויב אָבער דו ווילסט זיין אַ גוט אינגל און באַגערן צו לערנען וועט דער טאַטע דיך ווידער אַריינגעמען און דיך געבן צו אַ בעל־מלאכה. איצט גיי אַהיים און טו וואָס מען הייסט . . .

איך האָב זיך נישט פאַרלוירן:

— רבי, ער שלאָגט מיך אומזיסט און . . .

דער רב האָט מיך נישט געלאָזט ענדיקן:

— זיי נישט קיין שייגאָץ! אַ טאַטע שלאָגט נישט אומזיסט. טאָמער כאַפּסטו אַמאָל אַ פּעטשל, וועט עס דיר גאָרנישט שאַטן . . . ביזט שוין באַלד בר מצווה . . . גיי — און ער וועט דיך מער נישט שלאָגן, אויב דו וועסט אים געהאָרכן . . .

איך האָב זיך הינטערווייליכץ גענומען שאַרן צו דער טיר און ערשט ווען איך האָב אָנגענומען די קליאַמקע, האָב איך געהערט ווי דער רב ענדיקט זיינע ווערטער:

— און אויב ער וועט דיך ווידער שלאָגן, זאָלסטו דאַן אַריבערקומען צו מיר . . .

זיין היימישער טאָן האָט אַ תל געמאַכט פון זיין גאַנצער, געמאַכטער שטרענגקייט. אַט זע איך אים נאָך אַזוי ווי איצט: אַ בלייכער, נישט קיין גרויער און פון נידעריקן וואוקס. גערעדט האָט ער מיט אַ שטיל קול און זיין הויכער שטערן האָט זיך עניוותדיק געקנייטשט. שפּעטער האָט מען דערציילט, אַז ער האָט געהאַט אַ באַזונדערע ליבשאַפט פאַר אינגלעך. אַליין האָט ער געהאַט בלויז טעכטער און ערשט אויף דער עלטער איז ביי אים געבוירן געוואָרן אַן איינציק אינגל . . .

אַרויסקומענדיק האָב איך מיינע ברידער איבערגעגעבן וואָס ביים רב איז פאָרגעקומען און זיי האָבן מיך געהייסן גיין אַהיים. אין דרויסן האָט שוין דער טאַטע געוואַרט אויף מיר און מיך געהייסן אַריינגיין דאַ־ווענען מנחה אינעם בית המדרש. נאָר דאָס אמתע חלק האָב איך ערשט באַקומען פון מיין שטיפמוטער. זי האָט זיך עס גאָרנישט געקענט שענ־קען: סטייטש, נעמען אַן אייגענעם טאַטן און אים רופן צום רב! . . . אַזאַ בזיון! אַלע אַמאָליקע קללות האָבן זיך ווידער אויפגעוועקט ביי איר אין זכרון — אָבער עפּעס האָט זיך דאָ פאַרט געענדערט: מיטאַמאָל האָבן אַלע געמוזט דערזען, אַז עס עקזיסטירט אויף דער וועלט אַזאַ באַשע־פעניש ווי איך . . . במילא האָט מען שוין אויך געמוזט טראַכטן וועגן אַ תכלית פאַר מיינעטוועגן.

איז טאַקע איינמאָל דער טאַטע געקומען און דערציילט, אַז ער האָט מיך אָפּגעגעבן צו אַ קאַמאַשן־שטעפער. דאָס איז געווען אַ גוטע מלאכה אין גאַנץ פוילן, אָבער וועלכע באַדינגונגען ער האָט דערביי אויסגענו־מען, איז ביי אים נישט מעגלעך געווען צו וויסן. איך האָב זיך בעיקר געפרייט דערמיט, וואָס אַ דאַנק דעם וועל איך זעלבסטשטענדיק. צי וועט שוין דערמיט אַמאָל ווערן שלום, צווישן מיר און זיי?

איך האָב עס נישט געקענט וויסן. אויף מיר האָט בלויז געוואַרט דער גורל פון אַ לערן־אינגל.

אַ לערן־ייִנג

דאָס וואָרט „לערן־יונג" מיינט גאָר עפּעס אַנדערש ווי אַ לערן־אינגל. ער איז נאָך ווייט פון לערנען די מלאָכה גופא. נאָר ער איז קודם כל פאַרדונגען צו זיין בעל הבית און ער מוז אים דינען עטלעכע יאָר. ערשט דערנאָך, ווען ער גייט שוין מכלומרשט „אַראָפּ פון דער לערע" הויבט ער ערשט אָן לערנען די מלאָכה.

דער אמת איז אַפילו, אַז דער לערן־יונג איז נישט אַזוי ווייט געווען, אין די עטלעכע יאָר אינעם רשות פון זיין בעל־הבית ווי פון דער בעל־הבית'טע. אויך זי אַליין האָט אים גאָר איבערגעגעבן אין די הענט פון אַ דינסט — און טאַקע יענע האָט איבער אים געוועלטיקט אַזויווי עס איז איר וואוילגעפעלן. ווען נאָר זי האָט עפּעס געהאַט אַ שווערע אָדער נישט־וואָזשנע מלאָכה, האָט זי עס אַרויפגעלייגט אויפן דאָזיקן לערן־יונג: ער האָט געדאַרפט אַכטונג געבן אויפן קינד, אַרויס־טראָגן דעם שמוציקן פּאָמישאַף (פּאָמוניצע), גיין אין מאַרק און צום קצב, לויפן אין געוועלבל, ברענגען וואַסער און נאָך אַזעלכע אַרבעטן וואָס האָבן מיט דער מלאָכה אַליין גאָרנישט קיין שייכות.

די עלטערן פון אַ לערן־אינגל פלעגן געוויינטלעך אויפגעבן זייערע אַלע רעכט אויף זייער קינד איבער דער צייט פון „לערנען זיך". דאָס אינגל איז געווען לגמרי אינעם רשות פון זיינע בעלי־בתים און טאָג ווי נאַכט געמוזט גרייט זיין אויף זייער באַפעל. אפילו ווען ער האָט געוואָלט גיין אַהיים, האָט ער געמוזט פרעגן דערלויבעניש.

אין דעם אָרט וואו עס האָבן אויך געאַרבעט געזעלנס, איז דער לערן־אינגל ביי זיי געווען אַ בלויזע שפּילצייג. זייער רעכט פון „גע־ענדיקטע" האָט זיי געגעבן די גאַנצע פרייהייט צו טאָן מיטן „יונג" וואָס נאָר זייער האַרץ האָט געגלוסט. דערביי איז כמעט נישט געווען קיין געזעלן, וואָס זאָל זיך באַציען צו אַ לערן־יונג מענטשלעך — ווייל דאָס

איז נישט געווען אין דער מאָדע און דערצו האָבן זיי אַליין געדאַרפט איבער עמעצן זיך אַרויסהייבן.

דער לערן־יונג האָט געדאַרפט באַזאָרגן דאָס אָנבייסן פאַר דער דינסט און פאַר אַלע געזעלנס. ער האָט אויך געדאַרפט פאַרזאָרגן אַלדאָס אַרומיקע וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו דער אַרבעט, ברענגען די רוי־מאַטעריאַלן און אָפּטראָגן די פאַרטיקע און אויסגעאַרבעטע; איינהייצן דעם אויוון, אויסקערן די פאַבריק און בכלל האַלטן אין איין לויפן ביז ניין אַזייגער ביינאַכט. ערשט נאָכדעם האָט ער געדאַרפט צוגרייטן אַלדאָס נייטיקע פאַר דער מאָרגנדיקער אַרבעט. יעדן אָוונט האָט עס געהייסן: אַרבעט ביז 12 ביינאַכט און דאָנערשטיק האָט עס געמיינט אַן אַרבעט אויף דער גאַנצער נאַכט. זעלטן־ווען אַ לערן־יונג האָט זוכה געווען צו אַ גוטן בעל־הבית און גוטע געזעלנס. די איינציקע מיט וועלכער ער האָט גיכער געקענט אויסקומען איז געווען די דינסט; פשוט דערפאַר, וואָס ביידע זיינען געווען דערשלאָגענע און מיט ביידע האָט מען זיך געשאָפּט צו אַלע מלאָכות בזויות...

עס האָט אויך געטראָפן, אַז אין וואַרשטאַט זיינען געווען עטלעכע לערן־אינגלעך. דאַן איז דער שפּעטער־געקומענער געווען אונטערגע־וואָרפן דעם פריערדיקן. זעט איר, די „העכערע לערן אינגלעך" זיינען שוין געווען אַ צרה, וואָס מען האָט זי קוים געקענט בייקומען... פון די אַלע זאַכן האָב איך שוין געוואוסט, אַביסל פון מיינע חברים און אַביסל פון מיין ברודער ראובן. אויך ביי אונז אין הויף איז געווען אַ קאַמאַשן־שטעפּער און איך האָב געזען וויאַזוי זיינע לערן־יונגען האָבן זיך „געלערנט"... דאָך האָט מיך דאָס אַלץ נישט אָפּגעשראָקן. ביי יענע באַדינגונגען אין דער היים, וואָלט איך אפילו גרייט געווען צו פאַרקויפן זיך ווי אַן אייביקער קנעכט. איך האָב דערפאַר אויפגענומען די בשורה מיט גרויס פרייד און באַשלאָסן „צוצולייגן קאָפּ" אַבי וואָס פריער צו קענען אַרבעטן פאַר זיך. מיין פאָטער האָט מיך אָפּגעגעבן אויף דריי און אַ האַלב יאָר אומזיסט, דערנאָך האָב איך געדאַרפט קריגן 5 רובל פאַרן לעצטן האַלב־יאָר. דאָס האָט געהייסן פאַקטיש פאַרקויפט זיין אויף גאַנצע פיר יאָר פאַר פינף רובל. דאָס אָנבייסן האָב איך געדאַרפט

עסן אין דערהיים, איבערבייסן און וועטשערע האָט שוין געדאַרפט געבן דער בעל הבית. שבת האָט שוין דער טאַטע פאַרלאַנגט, אַז איך זאָל זיין אין דער היים און מיין בעל הבית האָט נאָכגעגעבן.

אין דער צייט ווען איך בין געוואָרן אַ לערן־יונג איז מיין ברודער ראובן שוין געווען אַ האַלבער געזעלן. ער האָט אָבער געהאַט אַ באַזונדער מזל וואָס ער איז אַריינגעפאַלן צו לייבל דעם שניידער. זיין בעל הבית איז געווען איינער פון די בעסטע שניידער אין לאָמזשע, כאָטש ער האָט גע־וואוינט לעבן די דיבאָקעס. דערצו איז לייבל געווען אַ „בעזדיעטניק" און ראובן, וואָס איז געווען אַ באַחנ׳ט אינגל מיט אַ שיין שטימעלע האָט צו אים אין שטוב אַריינגעבערענגט אַ סך פריילעכקייט. דעם מייסטערס ווייב איז געווען אַ שיינע פרוי און זי האָט שטאַרק ליב געהאַט קינדער. צו ראובנען האָט זי אַרויסגעוויזן אַ באַזונדערע גוטסקייט, ווייל זי האָט געהאָפט אַז מיטן באַהאַנדלען גוט אַ יתום וועט גאָט איר אַליין אויך העלפן מיט אַ קדיש. אויך ראובן האָט שבת געמוזט זיין אין דער־היים, הגם שבת צו נאָכטס האָט ער שוין געהערט צו לייבלען. נאָר באַלד די ערשטע וואָכן איז געקומען צו אַ צוזאַמענשטויס צווישן טאַטן און ראובנס מייסטער. דער טאַטע האָט געהאַלטן, אַז ראובן ווערט „קאַליע" ביי לייבלען. עטלעכע מאָל האָט ער אַליין באַמערקט, ווי־אַזוי ראובן פאַרפעלט אַ מנחה אָדער מעריב. דער סוף איז געווען, אַז דער טאַטע האָט גערופן לייבלען אויף אַ דין תורה, פאַרוואָס ער נעמט צו ביי ראובנען דאָס פרומקייט. ערשט דער רב האָט זיי אויס־געגלייכט. ביסלעכווייז האָט אָבער לייבל אָנגעהויבן טענהן, אַז מען קען אַזאַ טאַטן נישט אָנטרויען קיין אינגל. ער האָט פּראָטעסטירט, פאַר־וואָס דער טאַטע מאַטערט אויס ראובנען: נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט שלעפּט ער אים צום דאַווענען מנחה ומעריב און שפּעטער ערשט צום לערנען ביז שפּעט ביינאַכט. ראובן פלעגט בעסער וועלן זיצן און אַר־בעטן, אַבי צו פאַרשפּאָרן דאָס לערנען אונטער דעם טאַטנס השגחה. דערפאַר פלעגט ער זיך אַרומדרייען אַן אויסגעמאַטערטער. לייבל האָט אים דערפאַר פאַרגעלייגט, אַז ער זאָל אויך קומען שלאָפן ביי

אים און ער וועט שוין באַפרייען דעם טאַטן פון אויסהאַלטן ראובנען אין די שבתים אָדער ימים טובים...

דערפון האָבן זיך אָנגעהויבן די מחלוקתן און איטלעכע פּאָר וואָכן זיינען זיי געלאָפן צום רב. ווען נישט דאָס, וואָס ראובן האָט געהאַט אַזוי־פיל חן ביי לייבלען, וואָלטן אים די לאָדענישן מיטן טאַטן וועגן ראובנען שוין לאַנג נמאס געוואָרן... סוף כל סוף האָט לייבל אויס־געפירט זיינס און ראובן איז געבליבן שלאָפן ביי אים. בלויז שבת און יום טוב פלעגט ער אַהיימקומען.

די לאָדענישן אַרום ראובנען האָט געמאַכט, אַז קיינער זאָל אויף מיר נישט זיין קיין בעלן. אַפילו לייבל האָט מיך מורא געהאַט צו נעמען, בכדי עס זאָל זיך ווידער נישט אָנהייבן די אַלטע מעשה. בלויז דער קאַמאַשן־מאַכער איטשע מאיר האָט דערפון נישט געוואוסט. דער־פאַר איז געווען לייכט מיט אים צו פאַרשטענדיקן זיך וועגן מיר.

אין יענער צייט איז שוין ראובן געווען אַ חתן און אויך אַרום דעם איז דאָ וואָס צו דערציילן:

איינמאָל אין אַ שבת צו נאַכטס, ווען מיר זיינען געזעסן ביי חנאַ שלייפער אין שטוב און מען האָט געזונגען לידער, איז אַריינגעקומען מיין ברודער משה. ער האָט אַ רוף געטאָן ראובנען און איך בין מיטגע־גאַנגען. אויפן וועג האָט ער געזאָגט ראובנען, אַז דער טאַטע וואַרט אויף אים ביי די ריבאַקעס. דערנאָך, ביים אַדורכגיין דעם פּלומפּ ביים אַלטן מאַרק, האָט ער מער נישט געקענט איינהאַלטן דעם סוד פאַר ראובנען:

— דו גייסט איצט שרייבן תנאים מיט רבקהן, כאַנטשעס שוועס־טער... מען גיט דיר נדן און קעסט...

איך האָב נאָך רעכט נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר, נאָר דאָס געלעכטער האָט געשטיקט אין האַלדז: „ראובן — אַ חתן״!... מיר זיינען באַלד געקומען צו מרים דער בעקערין — חיה׳ס שוועסטער — וואו עס זיינען געווען אַ סך מענטשן און באַלד האָט מען געשריבן תנאים. איך געדענק ווי רבקה האָט נעבעך געוויינט, ווען מען האָט זי גע־שטופּט צום קבלת־קנין. מיר איז געבליבן אין זכרון איר קינדיש־

דערשראָקן פֿנימל מיט די אַראָפּגעלאָזטע אויגן. עס האָט זיך מיר אויך געוואָרפֿן אין אויג דאָס וואָס זי האָט כמעט קיין האָר אויפֿן קאָפּ נישט געהאַט. זי איז דאַן אַלט געווען 13 מיט אַ האַלב יאָר און ראובן איז גע־ווען עלטער מיט אַ יאָר.

נאָכן ווערן אַ חתן איז שוין ראובן געוואָרן ביי זיך אַ תקיף. ער האָט ביסלעכווייז ליב געקראָגן זיין כלה׳לע און דאָס האָט געמאַכט, אַז ער זאָל זיך כמעט נישט ווייזן אין דער היים אפֿילו שבת. מיין פֿאָטער האָט עס נאַטירלעך נישט געשמעקט. ביז ער איז איינמאָל געוואויר געוואָרן, אַז ראובן נעכטיקט שבת ביי זיין כלה׳ס מוטער, דער מומע חיה, אין הויז. ער איז אַוועק אַהין שבת פֿאַרטאָג, אַרויסגעשלעפּט ראובנען אַ נאַקעטן אויפֿן הויף און אים שרעקלעך צעשלאָגן... אַלע האָבן זיך מורא געהאַט אַריינצומישן, סיי די כלה און סיי די מומע חיה. ביז ראובן איז געוואָרן פֿאַרצווייפֿלט פֿון יסורים און אַ שטויס געגעבן דעם טאַטן אויף צוריק. פֿאַרשטייט זיך, אַז ער האָט שוין דערפֿאַר באַקומען דאָס זייניקע.

יענעם גאַנצן שבת האָב איך געברענט פֿון אויפֿרעגונג און גע־וואָלט נקמה נעמען פֿאַר ראובנס עוולה. ביינאַכט, ווען איך בין קוים איינגעשלאָפֿן האָב איך געהערט ווי ראובן קלאַפּט אין דער טיר און בעט זיך:

— לאָז מיך אַריין... אַהין לאָזטו מיך נישט גיין און דאָ לאָזטו נישט אַריין...

מיין פֿאָטער האָט אים גאָרניט געענטפֿערט, כאָטש די שכנים האָבן עס געהערט. איך בין געלעגן וואַך און עס האָט מיך אונטערגעהויבן פֿון כעס, נישט אַזוי אויפֿן טאַטן ווי אויף ראובנען: פֿאַרוואָס ברעכט ער נישט אויס די שויבן? אָבער ראובן האָט נאָר געוויינט און געבעטן זיך. איך האָב זיך מער נישט געקענט באַהערשן און צוגעלאָפֿן צו דער טיר... איך האָב זי געעפֿנט מיט אַזאַ האַסטיקייט, אַז איך בין אַזש אַנידערגעפֿאַלן. מיין פֿאָטער האָט אויסגעשריגן: „מאַך צו די טיר!" נאָר איך האָב שוין ליגנדיק צודיקעגשריגן: „ניין"! מיין פֿאָטער האָט זיך נישט געגלוסט אויפֿצושטיין פֿון געלעגער און ער איז ווידער איינ־

געשלאָפן. איך געדענק שוין איצט נישט, אויב ראובן איז אַריינגעקומען שלאָפן אָדער ער האָט מורא געהאַט. דערפאַר אָבער בין איך נישט געשלאָפן אַ גאַנצע נאַכט און נאָס געמאַכט דאָס קישן מיט מיינע טרערן. ערשט ווען איך בין קוים איינגעשלאָפן, האָב איך דערשפּירט קלעפּ פון אַ רימען איבער אַלע מיינע אברים. אין שלאָף האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז עמעצער שניידט פון מיר שטיקער לעבעדיק פלייש. איך האָב זיך געוואָלט באַשיצן מיט דער קאָלדרע אָדער כאַטש מיטן שעניק, אָבער אַלצדינג איז מיר פאַרשוואונדן פון אונטער די הענט. איך בין אריין אין אַזאַ פאַרצווייפלטן כעס, אַז איך האָב זיך פאַרשלאָפענערהייט אויפגעשטעלט פון געלעגער און גרייט געווען צו ענטפערן מיט קלעפּ, ווער עס זאָל נאָר נישט זיין און מיט וואָס עס וועט מיר נאָר אונטערקומען. איך האָב אַ געשריי געגעבן מיטן גאַנצן כח:

— גענוג! איך וועל צעברעכן אַלצדינג אין שטוב!

מיין געשריי האָט אויפגעוועקט די גאַנצע שטוב און אפילו חנאַ שלייפערס פאַמיליע. איך בין שוין אַריין אין אַ משוגעת. איך האָב גענומען וואַרפן די טישן, די בענק און אויך אומגעוואָרפן די שלאָף־באַנק. דאָס שטרוי איז אַרויסגעפאַלן אויף דער פאָדלאָגע... דאַן האָב איך זיך צוגעלאָזט צום ספרים־שענקל און גענומען וואַרפן אין מיין פאָטערס זייט די סידורים, חומשים און מחזורים, וואָס זיינען דאָרט געלעגן... מיין פאָטער האָט פאַר גרויס איבערראַשונג אַראָפּגעלאָזט די הענט און בלייך געוואָרן. דערווייל האָט זיך שאַשקע אַריינגעריסן אין שטוב און גענומען אויף אים שרייען מיט באַנומענע קולות:

— מערדער, וואָס ווילט איר פונעם קינד?!

איך בין נאָך מער צעוואָרעמט געוואָרן און צוגעלאָפן גלייך צו אים. זיין האַנט האָט לויז געהאַלטן דעם רימען און ער האָט נישט געוואוסט, וואָס ווייטער צו טאָן. איך האָב דעם רימען אַרויסגעריסן פון זיינע הענט און זוכנדיק וואו אויסצולאָזן מיין צאָרן האָב איך גענומען בייסן דעם רימען מיט די ציין. מיין פאָטער איז אַביסל צו זיך געקומען און אויסגעשריגן:

— נעם אַלץ צונויף! אויב נישט וועט דאָ זיין דיין טויט...

דאָס האָט געווירקט. איך האָב זיך פאַרלוירן און גענומען מאַכן אָרדענונג, אָבער ער האָט זיך מער נישט גענומען שלאָגן. ער איז אַוועק דאַוונען און איך בין אַוועק צו מיין בעל־הבית. מיטאַמאָל האָבן מירביידע געשפּירט, אַז מיטן ווערן אַ לערן־יונג בין איך שוין מער נישט קיין הפקר־קינד. איך מעג זיך פאַרטיידיקן וויאַזוי איך קען.

אָפּגעזאָגט

פון שטעלע

באַך זיין דערפאַרונג מיט ראובנען און זיין בעל הבית האָט דער טאַטע געוואָלט ביי מיר באַוואָרענען זיין רשות. דערפאַר האָט ער אויס־געגומען מיט אים אַ בפירושן תנאי, אַז ער מוז מיך לאָזן צוויי מאָל אין טאָג גיין דאַווענען. איך האָב אַ חשד, אַז מיין טאַטע האָט ספּעציעל אויס־געזוכט אַ גאָר שטרענגען בעל הבית פאַר מיינעטוועגן, בכדי איך זאָל ביי אים נישט וועלן אָפּזיצן טאָג און נאַכט, אַזויווי ראובן. דערמיט וואָלט ער אויך אויף מיר פאַרלוירן זיין השפעה.

גראָד איז אויך ער געווען אַ בעזדיעטניק און זיין פרוי האָט זיך צו מיר באַצויגן סימפּאַטיש, דערפאַר איז ער אָבער געווען ווייט־באַקאַנט מיט זיין רשעות. ער איז געווען דער גבאי פון „השגחת יתומים" און די קינדער זיינען ביי אים פאַרפּייניקט געוואָרן. ער איז געווען אַ אַ הויכער, דאַרער איד מיט אַ שמאָלער, לאַנגער באָרד. די הענט זיינע זיינען געווען געלע און דאַרע און אַז זיי האָבן עמעצן באַרירט, האָט זיך אויסגעוויזן אַז דאָס זיינען צוואַנגען. צום גליק האָט ער ווייניק געשלאָגן מיט די הענט. זיין באַליבטער אופן פון שלאָגן איז געווען מיט אַ כאַלעווע. ער האָט אויך הנאה געהאַט צו שלאָגן דווקא ווען יענער ריכט זיך נישט און בלויז אינעם קאָפּ אָדער פּנים.

ער האָט קיין סך נישט גערעדט, בלויז אָנגעוויזן וואָס צו טאָן. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער זאָגט זיך נישט אָפּ פון געבן אַ נדבה און ער האַלט זיך פאַר אַ שטיקל אינטעליגענט. אָבער ווען איך בין צו אים אָנגעקומען אויף דער לער האָב איך כמעט פון אים נישט געהערט.

דאָס אָנקומען צו אים געדענקט זיך מיר דורך אַ קליינעם פּרט: ווי נאָר איך בין אַריינגעקומען דאָס ערשטע מאָל האָט מיר די בעל־

הביתטע צוגעטראָגן אַ גלאָז קוואַס מיט ברויט. דערנאָך האָט מיך צו־גערופן דער הויפּט־געזעלן און מיר מודיע געווען, אַז איך בין פּאַקטיש אין זיינע הענט. דערביי האָט ער מיר צוגעגעבן, אַז ער קען מיין ברודער יאַנקלען און אַז „יאַנקלס ברודער וועט שוין ביי מיר זיין אַ מענטש". דאָס האָט אים באַלד היימיש געמאַכט ביי מיר און פאַר גרויס דאַנק־באַרקייט בין איך געלאָפן פאַר אים קויפן אָנבייסן. אויך דאָ האָט זיך מיין אייפער באַלד נוקם געווען אין מיר:

ער האָט מיך געהייסן ברענגען דריי זעמל פאַר אַ קאָפּיקע, אַ קוואַ־טירל מילך און אַ שטיקל קעז (מען האָט עס גערופן „קראַנקע קעז") פאַר אַ דרייער. גראָד האָב איך געהאַט אין טאַש אויך מיין אייגענעם דרייער. האָב איך אים צוגעלייגט און געקויפט פאַר אים אַ גרויס שטיק קעז פאַר אַ זעקסער... ער האָט פאַרשטאַנען וואָס איך האָב דאָ געטאָן און געמאַכט זיך תמעוואַטע:

— דו קענסט אפשר קריגן נאָך אַ פאַר אַזעלכע קעזלעך?

איך האָב אים גאָרנישט חושד געווען און פעסטגעשטעלט:

— געוויס...

האָט ער מיך באַלד געשיקט קויפן נאָך 4 אַזעלכע קעזלעך. מיר איז פינסטער געוואָרן אין די אויגן, ווייל איך האָב מער קיין געלט ביי זיך נישט געהאַט. בין איך צוריקגעקומען און דערקלערט, אַז מען באַ־קומט זיי נישט מער... ערשט דאַן האָט דער געזעלן אויסגעבראָכן אין אַ געלעכטער און מיר געזאָגט, אַז דאָס האָט ער מיר נאָר געוואָלט ווייזן, ווי שלעכט עס איז ווען מען וויל זיין צו גוט... אויב איך וועל אַלעמאָל זיין אַ „גוטער" וועט עס מיך טייער קאָסטן... באַלד האָבן אַלע דערין פאַרגעסן און איך האָב דערוויל נושא חן געווען ביי די אַר־בעטער און איך האָב שיעור פאַרגעסן די פריערדיקע איבערלעבענישן.

ערשט מיטאַמאָל האָט מיר דער בעל הבית געמאָלדן, אַז איך זאָל מאָרגן נישט קומען צו דער אַרבעט... עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיין טאַטע האָט אויך אים אַרויסגערופן צו אַ דין תורה, באַשר ובכן איך קום נישט דאַווענען. מיט וואָס די דין תורה האָט זיך געענדיקט ווייס איך נישט, אָבער מער בין איך אַהין נישט געגאַנגען. איך האָב עטלעכע

מאָל אַליין געפּרוואווט אויסגעפינען אַ שטעלע, אָבער זיי זיינען גאָרנישט ווערט געווען און איך בין געבליבן אַ בראָדיאַגע. צו די שלייפערס האָט מיר דער טאַטע פאַרבאָטן אַריינצוגיין און די שטיפמאַמע האָט גאָר־נישט אויפגעהערט צו שילטן ביי יעדער ביסן וואָס כ'האָב גענומען אין מויל. איך האָב זיך געוואָלט כאָטש מיט עפּעס מאַכן נוצלעך און נישט געהאַט מיט וואָס. דערפון האָב איך שטאַרק געליטן און שוין אויסגע־קוקט, אַז עפּעס זאָל זיך דאָ ענדערן.

איינמאָל האָט דער טאַטע מיך אָוועקגערופן און מיר מודיע געווען:

— דו פאָרסט קיין סאָקאָלע אַרויסנעמען אַ שיין פּאָר מיין פּאַס־פּאָרט...

דאָס איז געווען מיין ערשטע, זעלבסטשטענדיקע רייזע וואָס האָט מיר צוריקגעגעבן דאָס געפיל פון זיכערקייט אין זיך. נאָכן זיין אַ לערן־יונג איז דאָס געוואָרן די צווייטע סטאַדיע פון מיין זעלבסטשטענדיקייט און איך האָב זיך אָוועקגעלאָזט אויף דער רייזע מיט אַ פריילעך האַרץ.

וויפל בין איך דאַן אַלט געווען? דאָס קען איך גענוי נישט געדענ־קען. בכל אופן האָב איך נאָך קיין תפילין נישט געלייגט, הגם איך בין געווען אַ יתום.

אין דער ראָלע
פֿון
טאַטנס שליח

מיטן טאַטנס פּאַספּאָרט איז געווען אַ גאַנצע געשיכטע: אַליין איז ער געווען געבוירן אין לאָמזשע, אָבער דערנאָך האָט ער זיך צוגעשריבן צו סאָקאָלע, בכדי ער זאָל דאָרט מעגן האַלטן אַ חדר. שפּעטער האָט ער געהאַט צרות פֿון דער פּאָליציי, וואו ער איז נאָר געקומען. אין די קלענערע שטעטלעך האָט ער זיך אָבער גיכער געקענט אַן עצה געבן און אויסנוצן פּראָטעקציע. ערשט אין לאָמזשע האָבן זיך אָנגעהויבן די אמתע צרות. די ערשטע צייטן פֿלעגט ער זיך כסדר אויסקויפֿן ביי די פּאָליציי־לייט מיט אַ קליינעם כאַבאַר, אַ גילדן אָדער אַ זילבערן פּערטעלע. באַלד איז אָבער אַרויס אַ גזירה וועגן נייע פּאַספּאָרטן, וועלכע האָבן געדאַרפֿט גילטיק זיין פֿאַר דער גאַנצער אימפּעריע. דערביי האָט מען געמוזט אָפּגעבן דעם פֿריערדיקן, בכדי צו באַקומען דעם נייעם. דאָ האָט שוין מיין פֿאָטער געמוזט האָבן אַ באַשטעטיקונג פֿון סאָקאָלע, אַנדערש וואָלט ער געבליבן אָן אַ פּאַספּאָרט. אַליין פֿאָרן האָט ער נישט געקענט אין מיטן זמן, דערפֿאַר איז די נסיעה אויסגעפֿאַלן אויף מיין גורל. דערביי האָב איך לגמרי נישט געוואוסט, וועגן וואָס עס האַנדלט זיך און וויאַזוי איך וועל דאָרט דאַרפֿן האַנדלען. אין איין וועגס האָב איך שוין געדאַרפֿט אַרויסנעמען אַ פּאַספּאָרטנע ביכל אויך פֿאַר ראובנען, ווייל ביז איצט איז ער געווען צוגעשריבן צום טאַטנס פּאַספּאָרט. ס'זאָגט זיך נאָר אַזוי לייכט, אַז איך בין „געפֿאָרן". פּאַקטיש האָט געדויערט עטלעכע וואָכן ביז איך האָב זיך אַוועקגעלאָזט אין וועג אַריין, ווען מען האָט שוין געמוזט. עס פֿאַרשטייט זיך, אַז קיין געלט אויף אַ באַן־בילעט האָב איך פֿון טאַטן נישט באַקומען. אין יענער צייט האָבן

אפילו דערוואָקסענע „געגנבט די באַן“, בפרט אַ קליינער צוציק וואָס קען פאַרקריכן אונטער דער באַנק... אין יענע צייטן האָבן אַמאָל גאַנצע משפחות, מאַן און ווייב מיט אַ קנאַפּן מנין קליינע קינדער, מיטגעמאַכט אַ וויטע רייזע אונטער דער באַנק. וואָס איינצושטעלן איז נישט געווען: האָט מען נישט געכאַפּט, און אוודאי גוט געווען. אלא, ווען יאָ? האָט מען אָדער גדאַרפט באַצאָלן פאַרן בילעט, אָדער דער קאָנדוקטאָר האָט אַרויסגעוואָרפן ביי דער נאָענטער סטאַציע. סיוויי האָט מען גאָרנישט פאַרלוירן. פאַרנדיק קיין סאָקאָלע האָט מיט מיר קיין זאַך נישט פאַסירט און איך בין אָדורך בשלום דעם גאַנצן וועג.

קומענדיק קיין סאָקאָלע בין איך באַלד אַוועק צו מיין גוטן מלמד ר׳ הערשל. זיין פרוי שרה איז שוין געווען לגמרי בלינד, אָבער זי האָט מיך נאָך אַלץ אויפגענומען ווי דעם בעסטן גאַסט. טאַקע הערשל האָט אויף זיך גענומען צו באַקומען די פּאָליצייסקע שיין פאַרן טאַטן. ער האָט אָבער כמעט נישט געקענט קיין פּויליש אָדער רוסיש, דערפאַר האָט ער געמוזט מיטנעמען דעם „קאַפּיטאַנסקן שניידער“. גערופן האָט מען אים „קאַפּיטאַן“, ווייל ער איז דער רוסישער אַרמיי געווען עפּעס אַ קליינער באַאַמטער און געהאַט אַ בענדל. דערצו איז ער געווען פון די גוטע שניידערס, וועלכע פלעגן נייען בלויז פאַר די אָפיצירן. ער האָט געבראַכט מיט זיך אַ גאַנץ היפּשע סומע געלד פון דער אַרמיי און פלעגט זיך רימען, אַז ער פלעגט „נייען פאַר קאַפּיטאַנען“. און אַזוי איז ער געבליבן ביים נאָמען „קאַפּיטאַנסקי שניידער“. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז אויך ער קען ווייניק פּויליש. הגם איך האָב נישט גענוי פאַרשטאַנען וואָס מיין פאָטער האָט געוואָלט, האָב איך פאָרט געקענט מער רוסיש פאַר זיי ביידע און איך האָב דערקלערט דעם „וואויט“, אַז מיין טאַטע און מיין ברודער ווילן האָבן „גוטע פּאַספּאָרטן“. דער „קאַפּיטאַנסקע שניידער“ האָט מיך דערנאָך באַוואונדערט: אָט בין איך קיינמאָל קיין סאָלדאַט נישט געווען און רעד בעסער פאַר אַ זעלנער!

עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז נאָך אַלע גליקן מוז מען וואַרטן אַ שטיק צייט און איך בין דערווייל געבליבן אין סאָקאָלע. איך האָב די גאַנצע צייט נישט געוואוסט ביי וועמען איך שלאָף און וואו איך עס.

אַלעמאָל האָט מיר עמעץ אַנדערש געגעבן אַן אָנבייסן און שלאָפן בין איך געגאַנגען אין בית המדרש אָדער צום שניידער. געצויגן האָט עס מיך גיכער צום בית המדרש, ווייל דאָרטן האָבן זיך געפונען אַ סך היימלאָזע אינגלעך און עס איז געווען פריילעך. דערצו האָבן זיי אויף מיר געקוקט ווי אויף אַ גרויסשטאָטישן און געהאַט פאַר מיר דרך ארץ. אָבער ביס־לעכווייז האָב איך געפילט, אַז קיינער וויל מיך צופיל נישט האָבן ביי קיין טיש און מיר איז איינגעפאַלן אַליין זיך צו פאַרדינגען ווי אַ לערן־אינגל צום „קאַפּיטאַנסקע" שניידער. סיווי מוז איך דאָך זיין אין סאָ־קאָלע ביז כ'וועל קריגן די פּאַפּירן!

דער שניידער אַליין האָט מסכים געווען, אָבער ער האָט גאָרנישט געוואָלט טאָן אָן מיין פאָטערס הסכמה. דערווייל האָב איך גענומען לער־נען זיין בחור שרייבן אידיש און רעכענען. אַנטקעגן אים בין איך מיט מיין ביסל פּויליש און רוסיש געווען אַ גאַנצער אינטעליגענט. ער האָט מיר דערפאַר צוגעזאָגט מיך צו לערנען באַצייטנס די שניידערישע מלאָכה. איך ווייס נישט וויפל ער פון מיר, נאָר איך פון אים האָב אַ סך גענאַשט, וואָס שייך שניידעריי. ער האָט אַ גאַנצע וואָך מיך געלערנט „האַלטן די נאָדל", דערנאָך האָט ער מיך גענומען לערנען „מאַכן דאָס אייזן". דאָס האָט געמיינט אַנלייגן דעם פּרעס־אייזן מיט קוילן און זיי צעבלאָזן מיטן גאַנצן כח. איך האָב שוין אויך געכאַפּט דעם פּאָרטל, וויאַזוי מען נעמט די שניידערישע שער אין דער האַנט אַריין. די דאָ־דיקע מלאָכות לערנט זיך אַ לערן־יונג די גאַנצע צייט אין משך פון עטלעכע יאָר. אָבער ביי מיר איז עס דאָ צוגעגאַנגען קורץ, צוליב מיין אָפּמאַך מיטן שניידערס בחור.

צו מיין מזל האָט מיך דער בחור געגרן באַקומען צוליב נאָך אַ סיבה: איך האָב אים צוגעהאָלפן אין זיינס אַ „ראָמאַן". ער האָט זיך גע־ליבט מיט אַ מיידל און עמעצער האָט געדאַרפט וועגן דעם שמועסן מיט איר מאַמען. האָט ער מיר איבערגעגעבן דאָס שטיקל אַרבעט. בכדי צו האָבן אַן אויסרייד, בין איך געגאַנגען אָפּגעבן אַ גרוס פון מיין פאָטער — און דאָס איז ביי איר געווען שטאַרק אָנגעלייגט: סטייטש, דער יאָב־לאָנקער מלמד זאָל אין איר געדענקען! ערשט דאַן האָב איך אָנגעהויבן

שמועסן וועגן דעם בחור אַזויווי ער האָט מיך געהייסן — און זי איז איינגעגאַנגען אויפן שידוך...

עס איז מיר שוין אפילו גאָר איינגעפאַלן צו בלייבן אין סאָקאָלע. איך בין יעדן טאָג געגאַנגען צו דער פּאָליציי פרעגן ווי עס האַלט — און דערביי האָב איך געבעטן גאָט, אַז די מעשה זאָל זיך נאָך ציִען און ציִען... אָבער מיין געבעט האָט לאַנג נישט געהאָלפן. איינמאָל, אין אַ פרייטיק האָט מען מיר דערלאַנגט דעם שיין און מען האָט מיר געמאָלדן, אַז במשך פון דריי טעג מוז ער אונטערגעשריבן ווערן אין וויסאָקע, פון דער דאָרטיקער פּאָליציי.

קיין געלט האָב איך נישט געהאַט און וויסאָקע איז געווען סך הכל 14 ווערסט פון סאָקאָלע. האָט מיר דער שכל אונטערגעזאָגט, אַז איז דאַרף גיין צופוס און אַז ביז פאַרנאַכט וועל איך דאָרטן זיין. עס איז מיר גאָרנישט איינגעפאַלן, אַז איך קען דאָרט פאַרשפעטיקן אויף שבת. איך האָב שפּאַצירט דורך וועלדלעך, אָבער די גרעסטע טייל האָב איך זיך געהאַלטן ביים שאָסיי. די פּויערים אויפן וועג האָבן זיך טיילמאָל לוסטיק געמאַכט איבער מיר און אָנגערייצט זייערע הינט, אָדער זיי האָבן מיר אָנגעוויזן אַ פאַרקערטן וועג. נאָר דאָס אַלץ וואָלט מיך נישט געאַרט. שלעכט איז געווען, ווען עטלעכע פּאַסטוכער אין אַ וועלדל זיי־נען מיך באַפאַלן און געוואָלט, אַז איך זאָל זיי געבן געלט, חלה און פּאַפּיראָסן. זיי האָבן מיר גוט אָנגעבראָכן די ביינער און מיר צעריסן דאָס היטל. נאָך גוט, וואָס מיר איז געבליבן אַ שטיקל היטל, בכדי צו מאַכן דערפון אַ יאַרמעלקע. אַז נישט — וויאַזוי וואָלט איך געקענט קומען אין אַזאַ אידישער שטאָט ווי וויסאָקע?

איך האָב זיך אַזוי געשלעפּט אַ גאַנצן טאָג ביז עס טונקל געוואָרן. איך בין געווען הונגעריק און מיד און דאָ בין איך אין מיטן וועג. וואָס טוט מען? איך האָב אָנגעהויבן צו וויינען און שרייען אויפן הויכן קול. אַ געדאַנק איז מיך אפילו באַפאַלן: אפשר גיי איך גאָר פאַרקערט? כ'האָב טאַקע גענומען גיין צוריק. צו מיין גליק איז אָנגעקומען אַ גרויסער וואָגן, וואָס האָט געפירט ביר פון סאָקאָלע קיין וויסאָקע. דער גוי האָט מיך אָפּגעשטעלט, אַרויפגענומען אויפן וואָגן און געטרייסט.

נאָך איידער איך האָב אים באַוויזן צו דערציילן מיינע צרות האָט זיך וויסאָקע באַוויזן פאַר די אויגן.

ס'איז שוין געווען נאָך ליכט־בענטשן, ביז איך האָב זיך דער־פרעגט צו אונזערס אַ וווייטן קרוב, אַ היטלמאַכער. מען האָט מיך דאָרט אויפגענומען מיטן שענסטן כבוד. איך בין דאָרט געווען עטלעכע טעג, ווייל דינסטיק האָב איך שוין געמוזט צוריקפאָרן קיין לאָמזשע. וויסאָקע האָט זיך מיר ספּעציעל איינגעקריצט אין זכרון, ווייל די בית־המדרש־אינגלעך האָבן מיט מיר געמאַכט אַ גאַנצן יום טוב: עפּעס אַ קליינ־קייט ? אַ בחור פון סאַמעראָדנע לאָמזשע — און דערצו גייט ער אַליין אי־בער וועלדער פון איין שטאָט צו דער צווייטער באַזאָרגן פּאַספּאָרטן ביי דער פּאָליציי! איך בין ביי זיי געוואָרן אַ גאַנצער העלד און דאָס איז שוין געווען אַ טרייסט פאַר מיינע אַלע צרות...

קיין לאָמזשע בין איך צוריקגעקומען פּונקט צו מיין יתום'דיקער בר־מצווה (אַ יתום הייבט אָן לייגן תפילין צו 12 יאָר אַנשטאָט צו 13...) אָבער די גאַנצע שטאָט האָט שוין געקאָכט מיט מיין בריהשאַפט: איך בין צוריקגעקומען מיט צוויי פּאַספּאָרטן אין דער האַנט און אפילו מיין פאָטער האָט זיך נישט געקענט באַהערשן און אַרומגעגאַנגען זיך באַ־רימען מיט מיר...

צו תכלית האָט עס אָבער נישט. איך האָב מיין פאָטער דערציילט וועגן מיין אָפּמאַך מיטן קאַפּיטאַנסקען שניידער אין סאָקאָלע און ער האָט דערצו באַלד מסכים געווען. ער האָט מיך אַפילו צוריק געשיקט קיין סאָקאָלע מיט אַ גאָלדענעם, פינף־רובלדיקן אין טאַש, אויסער אויף הוצאות. ביי זיך האָב איך שוין געהאַט באַשלאָסן, אַז סייווי וועל איך זיך קיין לאָמזשע מער נישט אומקערן... אָבער ווען איך בין געקומען קיין סאָקאָלע האָט דער קאַפּיטאַנסקע שניידער חרטה געהאַט אויף דער גאַנצער מעשה. קודם־כל האָט ער געוואָלט, אַז מיין פאָטער אַליין זאָל קומען מאַכן דאָס עסק. והשנית האָט ער געוואָלט מען זאָל אונטער־שרייבן ביים רב דאָס כתב און טאַקע אויף גאַנצע פיר יאָר. דריטנס האָט ער געוואָלט, מען זאָל מיך פריער אויסקליידן ווי געהעריק און

פערטנס האָט ער געוואָלט מען זאָל אים נאָך צוצאָלן גאַנצע 50 רובל — אַנדערש לוינט זיך אים נישט...

און דאָ איז עפּעס מיט מיר געשען, וואָס ביז היינט באַוואונדער איך זיך אַליין פאַר אַזאַ קינדערישן מוט:

ווי נאָר איך בין אַרויס פון זיין שטוב, האָב איך נישט געוואָלט קיינעם זען, ביי קיינעם נישט בעטן קיין עסן אָדער נאַכטלעגער. דעם שניידערס פאַרפירן מיך האָט ביי מיר אונטערגעגראָבן דעם גאַנצן צוטרוי און איך האָב זיך אפילו פאַר קיינעם נישט געוואָלט ווייזן אין סאָקאָלע... איך האָב נישט לאַנג געקלערט און זיך אַוועקגעלאָזט צום וואָקזאַל. אויף דער פראַגע „וואוהין?" האָב איך זיך אַליין געענטפערט מיט אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, גלייך ווי איך וואָלט דאָרט געווען אַן אַלטער תושב:

— קיין וואַרשע...

אויפן צוג האָב איך מער פון גאָרנישט געוואָלט קלערן. די ערשטע יאָרן מיינע ביז בר־מצווה זיינען נישט געווען מזל'דיק. וואָס צו האָפן אויפן טאַטן, האָב איך נישט. איז בעסער פריער צו נעמען דעם גורל אין די הענט אַריין, איידער שפּעטער. באַלד אָבער האָב איך זיך דערמאָנט אין ראובנ'ען און איך האָב זיך צעוויינט פון בענקשאַפט.

ער איז געווען דער איינציקער פון דער משפחה, פון וועמען איך האָב יענע לאַנגע נאַכט געדענקט און עס האָט מיר ווי געטאָן דאָס האַרץ אויף אים: ווען וועל איך אים נאָך קענען זען?

וואַרשע

איך דערציילן אַזוי לייכט וועגן מיין אַריינגיין אין באַן, קען מען מיינען, אַז דאָס איז געווען אַ שפּילעכל. דער אמת איז אָבער געווען, אַז אויך דאָס איז אָנגעקומען מיט מרורים. די באַן קיין וואַרשע פלעגט זיך אָפּשטעלן אין סאָקאָלע בלויז איינמאָל אין מעת־לעת. ווען איך בין אָנגעקומען צום וואָקזאַל האָט מען מיר געזאָגט, אַז די באַן איז נאָר־וואָס אָפּגעגאַנגען און אַז איך דאַרף, בכן, וואַרטן, 24 שעה. וואו האָב איך געהאַט צו גיין? צו מיין גליק איז דאָרט געווען נאָך אַ גאַנצע משפּחה וואָס האָט פאַרשפּעטיקט די באַן און אויך זיי האָבן נישט געהאַט קיין חשק און נישט געהאַלטן פאַר מזלדיק זיך אומצוקערן אין שטאָט. זיינען מיר געבליבן אויפן וואָקזאַל ביז די באַן איז אָנגעקומען.

אין וואַגאָן בין איך גלייך פאַרקראָכן אונטער דער באַנק און איינגעשלאָפן. איך האָב אפילו פאַרגעסן צו בעטן עטלעכע אידן, אַז זיי זאָלן מיך פאַרשטעלן מיט זייערע פיס. מסתמא דערפאַר האָט מיך דער קאָנדוקטאָר אַזוי גיך דערשמעקט און אַרויסגעשלעפּט פון מיין באַהעלטעניש. קיין געלט האָב איך נישט געהאַט פאַר אים און במילא שוין געמיינט אַז ער וואַרפט מיך אַרויס פון באַן. איך האָב זיך ביי אים געבעטן רחמים, אַז ער זאָל עס נישט טאָן. עפּעס אַ איד מיט גאָט אין האַרץ האָט אָבער געהאַט אַ בעסער מיטל. ער האָט דעם קאָנדוקטאָר אריינגעקוועטשט צוואַנציק קאָפּיקעס אין דער האַנט אַריין און יענער איז באַלד געוואָרן אַן אַנדער מענטש. דאָס האָט מיך שוין באַפרייט פונעם שרעק־געפיל און מעשה לעגאַלער פּאַסאַזשיר בין איך אַרויפגעקראָכן אויף דער סאַמע אויבערשטער באַנק. ערשט דאָרט האָב איך נישט געוואוסט וויאַזוי מען איז זיך נוהג און זיך באַלד צעבלוטיקט די הענט ביים „עפּענען" די באַנק. עטלעכע סטאַציעס פאַר וואַרשע בין איך אַרונטער אויף אַ רגע און דערנאָך פאַרגעסן אין וועלכן וואַגאָן

איך האָב מיין פּעקל, וואו עס זיינען געלעגן מיינע תפילין און צוויי צע־ריסענע העמדלעך. בין איך אַרומגעקראָכן איבער אַלע וואַגאָנעס זוכן מיין פאַרמעגן און דערווייל האָבן שוין אַלע פּאַסאַזשירן געהאַט אַ געלעגנהייט צו וואונדערן זיך, וויאַזוי אַזאַ קליין אינגעלע פאָרט אַליין קיין וואַרשע. עטלעכע פּוילישע אידן האָבן אַפילו באַלד געהאַט אַ פאַר־טיקן תירוץ, אַז אויף אַ ליטוואַק קען מען קיין שאלות נישט פרעגן...

איך ווייס נישט פאַרוואָס פלוצים, נאָר ווען איך האָב שוין דערזען דעם פּעטערבורגער וואָקזאַל אין וואַרשע האָט מיר גענומען באַנג טאָן, הלמאי איך האָב זיך נישט געזעגנט מיט מיינע חברים אין לאָמזשע און זיי וויסן זיכער נישט וואו איך בין נעלם געוואָרן. און אַפילו גע־בענקט זיך צו געזעגענען מיט מיין פאָטער און חיה'ן — באַזונדערס מיט חוה'ן און די אַנדערע קינדער און שטאַרק פאַרדראָסן האָט מיך וואָס כ'האָב זיך ניט געזעגנט מיט חנה שלייפערס משפחה און רחל לאה'ן צו וועלכע ס'האָט מיך גענומען ציען.

איך האָב פריער נישט דערציילט, אַז לעצטנס האָט זיך אויך אין לאָמזשע געשאַפן אַן אָרגאַניזאַציע „תפארת בחורים", וואָס האָט דער־צויגן אַרבעטער־יוגנטלעכע אין אידישקייט. די רעליגיעזע אָרגאַני־זאַציעס „תפאַרת בחורים" זיינען דאַן געווען צעשפּרייט איבער אַ סך שטעט פון ליטע. פרומע אַרבעטער־בחורים פלעגן זיך צונויפקומען פרייטיק צונאַכטס און שבת אין דער פרי. זיי האָבן צוזאַמען געדאַווענט און געלערנט לייכטע לימודים, אגדות, משניות, דינים און טיילמאָל אויך אַ בלאַט גמרא מיט אַ גוטן רבין. אין לאָמזשע האָבן צו דער „תפארת בחורים" געהערט עטלעכע הונדערט אינגלעך און איך בין דאָרט גע־וואָרן אַ גאַנצער מאַכער.

די אָרגאַניזאַציע איז פאַר מיר געווען אַ גן־עדן. אַלע מיינע צרות האָבן דאָרט געפונען אַ טרייסט, בפרט נאָך ווען אפילו דער טאַטע האָט מיך לעצטנס געלאָזט דאָרט פאַרברענגען דעם גאַנצן, שבתדיקן טאָג. די בחורים האָבן זיך געהאַלטן חבריש און געטריי צווישן זיך און איך האָב דאָס ערשטע מאָל מער געפילט ווי פאַרשטאַנען, אַז דאָס קאָלעק־טיווע אָרגאַניזירן זיך (הגם דאָרט איז עס נאָר געווען צוליב פרומע

צוועקן און אַזאַ גאון ווי דער „חפץ חיים“ איז געווען איינער פון די, וואָס האָבן דערמוטיקט די „תפארת בחורים“ באַוועגונג אין דער ליטע), ברענגט אַ סך נוצן. אין מיין איילעניש אַוועקצופאָרן האָב איך כמעט אַזוי ווי פאַרגעסן אין איר עקזיסטענץ. ערשט ווען איך האָב ממש דערזען וואַרשע פאַר די אויגן האָט מיר דאָס האַרץ פאַרקלעמט: וואו וועל איך אין אַזאַ גרויסער וואַרשע טרעפן אַזאַ אָרגאַניזאַציע?

אָבער די גרויסע שטאָט האָט מיך באַלד אַרויסגעשלאָגן פון די געדאַנקען. די הויכע הייזער מיט די אייזערנע טויערן, די ברייטע און לאַנגע גאַסן מיט זייער געפילדער האָבן מיך פאַרכאַפּט און גע־שראָקן. אין זכרון האָב איך געהאַט אַן אַדרעס וואו צו פרעגן זיך, אָבער וויאַזוי געפינט מען אויס אין אַזאַ ריזיקן כרך וואו עס איז וואָ־לינסקי 15? עמעצער האָט מיר אָנגעוויזן אויפן טראַמוויי און איך האָב פשוט ניט געוואוסט, וויאַזוי מען גייט אַריין אין אַזאַ לוקסוס־וואַגאָן. היינט־צו־טאָג לאַך איך צו זיך אַליין: די וואַרשעווער טראַמווייען זיינען נאָך דאַן געשלעפּט געוואָרן פון צוויי פערד און טאָמער איז דער וואָגן פול געווען מיט מענטשן האָט ער זיך געשלעפּט אַן אויפהער. טיילמאָל האָט מען אין מיטן וועג געמוזט צושפּאַנען נאָך אַ פּאָר פערד, בכדי אים אַרויסצושלעפּן פון אַ צרה... אָבער איך האָב זיך פאָרט דערשלאָגן ביז צו דער דירה פון מיין וואַרשעווער ברודער.

טאָקע ביי וואָלינסקי 15 איז מיין פחד פאַר וואַרשע קלענער גע־וואָרן. פריער האָב איך געמיינט, אַז גאַנץ וואַרשע באַשטייט פון אויס־געפּוצטע הייזער וואָס זיינען גאָר אַנדערש פון לאָמזשע. מען דאַרף וויסן, וויאַזוי אין זיי אַריינצוגיין און וויאַזוי דאָרט צו זיצן אָדער ליגן. ערשט ביי וואָלינסקי גאָס האָב איך מיטאַמאָל דערזען, אַז אויך וואַרשע האָט אַזעלכע הייזער און אַזעלכע גאַסן ווי לאָמזשע. דאָס איז אָבער גלייכצייטיק געווען פאַר מיר אַן איבערראַשונג. הייסט עס אַז אומעטום איז די זעלבע וועלט? נאָכמער איבערראַשט בין איך געווען, ווען איך בין אַריינגעקומען צו מיין ברודער אין דער דירה: געוואַלט און גע־שריגן, וואו איז דאָ נעלם געוואָרן דער צויבער פון דעם שיינעם נאָמען וואַרשע?!

מיין ברודער האָט געוואוינט צוזאַמען מיט זיין ווייבס עלטערן און גרויסער משפחה. אַלע צוזאַמען האָבן פאַרנומען צוויי און אַ האַלב צי־מערן און איך קען זיך איצט באין אופן נישט פאָרשטעלן, וויאַזוי זיי האָבן דאָרט געקענט אויסקומען. מיין ברודער כאַצקעל האָט פאַרשטאַנען, אַז איך בין אַנטלאָפן פון דער היים און ער האָט מיך אויפגענומען ווי אַ גוטן גאַסט. איך האָב אפילו באַלד געקענט באַקומען אַרבעט, אָבער דאָ האָט זיך שוין ווידער אַריינגעמישט וואַרשע... ווייל אין וואַרשע האָט מען געדאַרפט האָבן אַ פּאַספּאָרט און איך בין די גאַנצע צייט אפילו נישט פאַרשריבן געוואָרן. נאָך אַ נס וואָס פּאָליציי האָט זיך אויף מיר נישט אומגעקוקט, אַז נישט וואָלט זיך אַרויסגעוויזן אַז איך עק־זיסטיר גאָרנישט אויף דער וועלט און ס׳וואָלט געווען דאָס אמת׳ע פעקל. נאָר איך בין ברוך השם נישט געווען דער איינציקער.

נישט האָבנדיק קיין פּאַספּאָרט, האָט מען מיך נישט געקענט איינ־מעלדן אין הויז און איך האָב זיך פּשוט געמוזט אַלעמאָל אַריינגנבענען צו מיין ברודער, אַז דער סטרוזש זאָל מיך נישט באַמערקן. איך האָב זיך אויך גענומען שרעקן צו באַווייזן אין גאַס און קיין „מייסטער" האָט מיך נישט געוואָלט צונעמען צו דער אַרבעט. איך געדענק, אַז אפילו ווען איך האָב שוין געאַרבעט האָב איך זיך אָפּטמאָל געמוזט אָפּ־דרייען גאַנצע שעהן אין דרויסן און וואַרטן ביז דער סטרוזש ביים טויער וועט אוועקגיין. ערשט דאַן האָב איך זיך געקענט אַריינכאַפּן אין ברו־דערס שטוב. דאָס האָט מיר פאַרשאַפט מוראדיקע צרות.

בלית ברירה האָב איך געמוזט אַוועקשרייבן צום טאַטן, אַז ער זאָל מיר זען צו מאַכן אַ פּאַספּאָרט. איך האָב אים געשילדערט וויאַזוי דער קאַפּיטאַנסקע שניידער האָט חרטה געהאַט אויפן שידוך און מיך געהייסן פאָרן קיין וואַרשע. איצט בין איך שוין סיווי דאָ און קען אָן אַ פּאַספּאָרט נישט אויסקומען. דערפון האָבן זיך אָנגעהויבן נייע צרות און אַ לאַנגע קאָרעספּאָנדענץ מיטן טאַטן וואָס האָט זיך געצויגן חדשים. ראשית כל האָט ער געשריבן, אַז ער וועט מיר קיין פּאַספּאָרט נישט שיקן. והשנית, האָט ער פאַרלאַנגט איך זאָל אים אָפּשיקן די פינף קערבלעך וואָס ער האָט מיר מיטגעגעבן קיין סאָקאָלקע, ווייל „אין

וואַרשע קען איך זיין אָן געלט". עס איז דערגאַנגען דערצו, אַז איך האָב געזאָגט מיין ברודער: איך פאָר צוריק קיין לאָמזשע און דאָרט וועל איך אָנטאָן דעם טאַטן אַזעלכע צרות, ביז מען וועט אים פאַר־שליסן דאָס חדר. מיין ברודער האָט עס אָוועקגעשריבן אַהיים און דער טאַטע האָט געגלויבט, אַז ביי מיר קען מען עס פועלן...

אין עטלעכע טעג שפּעטער איז פאַר מיר אָנגעקומען אַ פּאַספּאָרט.

מײַנע מײַסטערס

מײַן ברודער כאַצקל האָט מיך געוואָלט פאַרזאָרגן מיט אַ גוטן פאַך אין דער האַנט. דערפאַר האָט ער זיך נישט געאײַלט און בעסער אויסגעפאָרשט בײַ מענטשן וואָס פאַר מיר קען גוט זײַן. איך האָב געוואוסט, אַז זײַן אייגענע לאַגע איז נישט קיין פֿויגלדיקע, אָבער סײַ ער און סײַ די גאַנצע משפּחה פונעם ווײַב האָבן אַלץ געטאָן, אַז איך זאָל זיך חלילה נישט פילן שלעכט בײַ זײ. דאָס האָט מיר געגעבן אויסדויער און אויך כאַצקל אַליין האָט געהאַט מער מעגלעכקייטן זיך אַרומצוקוקן וועגן מײַן תכלית.

וואַרשע איז דאַן פאַרכאַפּט געווען פון אַ נײַער מאָדע: קינסטלערישע פּרויען־פּאַסקעס פון לעדער. דער אָנהייב פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האָט אין דער פּוילישער הויפּט־שטאָט געשאַפן דעם אידעאַל פון פּרויען־שײנקייט אין דער פאָרם פון אַ שמאָלער, גראַציעזער טאַליע, בכדי אונטערצושטרײַכן די מיידלעריש־פּרויאישע גראַציע האָט מען גענומען אויסאַרבעטן ספּעציעלע גאַרטלען פון לעדער, וואָס האָבן געדאַרפט רעפלעקטירן אויפן חן פון דער פרוי׳ס גאַנצער קליידונג. די גאַנצע פּראָדוקציע פון אַזעלכע פּאַסקעס איז געלעגן אין אידישע הענט און זי האָט זיך באַלד אַנטוויקלט ווי אַ קינסטלערישע מלאָכה, צו וועלכער מען האָט געדאַרפט באַנוצן מער פאַנטאַזיע ווי פּשוטע אַרבעט. גאָר באַזונדערס האָבן זיך דערין אויסגעצייכנט די רוסישע אידן, וואָס מען האָט דאַן באַצייכנט ווי „ליטוואַקעס", אויב אפילו זײ זײַנען געקומען פון מאָסקווע. זייערע געשעפטן זײַנען ראַש אויסגעוואַקסן און די פּוילישע אידן האָבן זײ גאַרנישט געקענט נאָכאײַלן. די אַרבעט האָט באַלד באַקומען אַ באָמען „פּאַסעק־מאַכער".

מײַן ברודער האָט אויסגעזוכט אונזערס אַ לאַנדסמאַן פון סאָקאָלע, וואָס איז געווען מײַן טאַטנס אַ תלמיד, וועלכער איז געווען אין דעם

פאַך. טאַקע ער האָט ער מיר געשאַפן אַ שטעלע ווי אַ לערן־אינגל ביי אַזאַ מייסטער פון מאָסקווע. מיין בעל הבית איז געווען אַ מאָדנער טיפּ. ער איז געווען פון די מאָסקווער אַרויסגעטריבענע און אין וואַרשע האָט ער געלעבט אַ קורצע צייט. מיר האָבן קיינס נישט געוואוסט, אויב ער האָט אַ פאַמיליע און וואו ער וואוינט. ער פלעגט קומען אין פאַבריק פּינקטלעך 8.45, נישט מיט קיין מינוט פריער אָדער אַ מינוט שפּעטער. ער איז גלייך אַריין צו זיך אין צימערל, וואו עס איז געווען אַן אָפן פענסטערל דורך וועלכן ער האָט געקענט אָבסערווירן וואָס עס טוט זיך אין פאַבריק. טיילמאָל האָט ער עס פאַרהאַנגען מיט אַ פירהענגל און דאַן האָבן מיר געוואוסט, אַז דאָרט קומט עפּעס פאָר. אידיש האָט ער זייער שלעכט געקענט און אויב ער האָט שוין אַמאָל עפּעס געזאָגט — וואָס דאָס איז געווען אַ זעלטנהייט — זיינען אויסגעפאַלן דריי רוסישע ווערטער אויף איין אידישן. מען האָט אים נישט געטאָרט רופן מיטן סקאַרבאָוון וואָרט „באַלעבאָס" אָדער מיטן היימיש־וואַרשאַווער אויס־דרוק „מייסטער" — נאָר „גאָספּאָדין". אפילו דעם פאַמיליע־נאָמען האָט קיינער נישט דערמאָנט.

ער האָט געהאַט אַ ספּעציעלע שנאה צו פּוילישע אידן, הגם צו אַנדערע האָט ער זיך באַצויגן העפלעך. ער האָט אויך נישט אָנערקענט דעם טיפּ „לערן־אינגלעך", לויטן שטייגער פון אַנדערע פאַבריקלעך איבער גאַנץ פּוילן. ביי אים האָט אַ לערן־אינגל באַלד געמוזט אַרבעטן און צוגעלאָזט ווערן צו דער מאַשין. זייער עובדא, ווי לערן־אינגלעך ספּעציעל, האָט זיך נאָר אויסגעדריקט דערין וואָס זיי האָבן געדאַרפט גיין קויפן אָנבייסן פאַר די געזעלן. זיי האָבן אויך געמוזט צוגרייטן טיי פאַר די אַרבעטער נאָכמיטאָג. ער האָט געהאַלטן 5 אַזעלכע לערן־אינג־לעך אויסער מיר און צו זיי אַרויסגעוויזן אַ מענטשלעכע באַציאונג. ער האָט אויך איינגעפירט אַ נייעס דערמיט, וואָס ער האָט אויך די לערן־אינגלעך צוגעזאָגט צו צאָלן. דער פּרייז איז געווען זעקס גילדן אַ וואָך — אויסער אַ ספּעציעלן גילדן פאַרן אַרבעטן אַ נאַכט. טאַקע גלייך די ערשטע וואָך האָב איך פאַרדינט אַזאַ עקסטרע גילדן פאַרן אַרבעטן די

נאכט פון דאנערשטיק. פאר די זיבן גילדן האב איך זיך געדארפט אויסהאלטן.

די ארבעט האט געדויערט פון 7 פרי ביז 8 ביינאכט. אבער איך האב דארט געהאט צרות מיטן דאווענען. ווי נאר איך האב זיך געשטעלט דאווענען מנחה האבן מיך די געזעלן אויסגעלאכט און מיר געווארפן אין קאפ אריין, וואס עס איז זיי געקומען אין די הענט. נאר דא האט זיך דער בעל־הבית אליין אריינגעמישט. צוליב מיין לאמזשער אויס־שפראך האט ער מיך נישט געהאלטן פאר קיין פוילישן נאר א „ליט־וואק". דערפאר, האט ער געטענה'ט, מעג איך טאן ווי איך וויל — ווייל „א ליטוואק מעג אפילו דאווענען אויך". דאס האט ביסלעכווייז אזוי געווירקט, אז נאך צוויי געזעלנס האבן אויך גענומען דאווענען.

איך בין פשוט באצויבערט געווארן פון דער פאבריק. דאס ערשטע מאל אין מיין לעבן האב איך געזען אזויפיל מאשינען און איך האב געגאפט דערויף, וויאזוי די שרויפן דרייען זיך און קעסטעלעך באוועגן זיך ממש ווי זיי וואלטן געווען לעבעדיקע באשעפענישן. דאס איז פאקטיש געווען די סאמע מאדערנסטע פאבריק פון דעם מין אין ווארשע. ליידער האט ער באלד געמוזט פארקלענערן דעם שטאב פון ארבעטער. ער האט אפגעזאגט דריי לערן־אינגלעך און איך בין געווען צווישן זיי. דאס איז פאר מיר געווען א שרעקלעכע טראגעדיע און איך האב לאנגע יארן געבענקט נאך יענער צייטביים „מאסקווער גאס־פאדין" אין דער פאבריק.

אייגנטלעך האט ער מיך געהייסן קומען אין עטלעכע וואכן ארום און ער וועט מיך ווידער צונעמען. איך וואלט זיכער געווען געווארט, אבער מיין ברודער האט זיך נישט געוואלט פארלאזן אויף אזעלכע הבטחות און תיכף גענומען זוכן פאר מיר א נייע שטעלע. מיין מזל האט געוואלט, אז איך זאל אריינפאלן פונקט צו א פארקערטן טיפ ווי מיין מאסקווער בעל הבית: איך בין אנגעקומען צו א איד, וואס מען האט אומעטום גערופן „דער חסידישער מייסטער".

דאס איז געווען א מאדנער טיפ איד, וואס האט פשוט געהאט א קרענקלעכע תאווה מען זאל אים חנפענען. ער האט דאס מין קיינמאל

נישט גענוג געהאַט. ער איז געווען גאָר אַ שיינער און אין פּריוואַטן לעבן דווקא נישט קיין חסיד. ער איז געווען אַ הויכער און ברייטבייני־קער. דאָס פּנים איז שטענדיק געווען פאַרצויגן מיט אַ ליכטיקן שמייכל, פון וועלכן עס האָבן אַרויסגעשיינט אַ פּאָר בלויע אויגן און אַ בלאָנד בערדל. זיין הלבשה איז געווען אַ פּויליש־חסידישע: אַ קליין, שוואַרץ־טוכן היטעלע און אַ „געהאַקטע" קאַפּאָטע מיט אַ שפּאַלט פון הינטן. ער פלעגט דאַווענען אין אַ חסידיש „שטיבל" און נישט אין קיין בית המדרש. אָבער שטילערהייט האָט ער זיך געשאַרט צו יענע חסידישע יונגעלייט וואָס האָבן זייער חסידישע קליידונג אַביסל צוגעפּוצט און פון דער טראַדיציאָנעלער טראַכט געשאַפן עפּעס אַ ממזריש־וואוילערישע מאָדע. אַזעלכע יונגעלייט האָט מען דערקענט לויטן אופן, וויאַזוי זיי האָבן דאָס היטעלע געטראָגן אַביסל זייטיק און די קאַפּאָטע איז עטוואָס געקירצט געוואָרן, אַזויווי אויפן מיטן וועג צו דער „קורצער" הלבשה פון די ליטוואַקעס.

מען האָט געוואוסט, אַז ער שערט זיך אַביסל אונטער באָרד און פּיאות, גייט אַפילו טיילמאָל שטילערהייט אין אידישן טעאַטער און שרעקט זיך נישט צופיל פאַר קיין פרעמדער פרוי. נאָר דווקא דערפאַר האָט ער עס געוואָלט צודעקן מיט זיין איפּער פּאַר פרומקייט און אין „שטיבל" האָט ער זיך געלאָזט קאָסטן אַ סך געלט ביי יעדער געלעגנהייט. ווען ער האָט נאָר געקענט, האָט ער מיטגעשלעפּט צו די חסידים און טאָמער איז עס אים געלונגען האָט ער געשטראַלט פון שמחה.

בטבע איז ער געווען אַ גוטער. טאָמער האָט אים אָנגעכאַפּט די גוטע מינוט, איז גאָר קיין גרענעץ נישט געווען צו זיין גוטסקייט — שוין איבער אַלע מאָסן. ער איז פּשוט געוואָרן משוגע אויף גוטסקייט. דערפאַר אָבער איז ער געווען אַ שרעקלעכער כעסן און אַז ער איז אַריינגעפאַלן אין צאָרן האָט ער לגמרי געקענט פאַרלירן דעם קאָנטראָל איבער זיך. אין אַזעלכע מאָמענטן איז ער קאַפּאַבל געווען אָפּצוטאָן די ערגסטע געמיינהייטן, מעג עס זיין קעגן אַ פרעמדן אָדער זיין אייגענער פרוי.

מיט זיין גאַנצער חסידות איז ער געווען אַ גרויסער עם־הארץ און קוים געקענט דאַווענען. פון קיין געשריבן וואָרט האָט ער נישט אָנגעהויבן צו וויסן. אָבער אפשר דערפאַר האָט ער אַזוי ליב געהאַט צו שיטן מיט תורה־ווערטלעך, וואָס ער האָט ערגעץ אויפגעכאַפּט — און ביז ער האָט געהאַט אַ געלעגנהייט זיי נאָכצוזאָגן זיינען זיי ביי אים צעהרגעט געוואָרן און אַרויסגעקומען קאַפּויער.

דאָס קענען חנפענען אים האָט געדאַרפט זיין אַ ספּעציעלע קונסט. מען האָט געדאַרפט האָבן אַן אייזערנעם קאָפּ, וויאַזוי פּאַר אים אויסצו־קלערן די אויסטערלישסטע שבחים. דערפאַר אָבער איז נישט געווען קיין גרענעץ צו דער גוטסקייט וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן אַזעלכע, וואָס האָבן אים צוגעטראָפן. צו זיין פרוי און קינדער איז ער געווען איבער־געגעבן אויף זיין שטייגער. זי איז געווען דאָס פאַרקערטע פון אים: אַ דאַרע, אַ קרענקלעכע און נידערגעשלאָגענע. זי האָט זיך געהאַלטן אין איין גרויסן מיט איר יחוס, כאָטש קיינער האָט נישט געקענט דערגיין קיין טאָלק אין וואָס ער באַשטייט. זעט אויס, אַז דער גאַנצער שידוך צווישן זיי איז גיכער געווען געבויט אויף יחוס איידער אויף פּשוטער ליבשאַפט. זי האָט אויף אים געקוקט מיט ביטול און ער האָט זי גאָר שטאַרק רעספּעקטירט, איר נאָכגעגעבן אַלע קאַפּריזן. נאָר צו אַ זייטיק פלירטל, וואָס ער האָט בריה׳ש באַוויזן צו פאַרבינדן דאָ און דאָרט, איז עס נישט געקומען . . .

אויף ווי ווייט איך דערמאָן זיך, האָט זי בכלל קיין סך נישט פאַר־לאַנגט. יעדעס יאָר איז זי געלעגן געוואָרן מיט אַ קינד און דערפאַר געווען צוגעבונדן צום הויז. זיי האָבן געהאַלטן ביי זיך איר מוטער, וואָס מיר אַלע האָבן גערופן „באָבעשי" — און זי איז געווען די פּאַק־טישע הערשערין איבער אַלעמען. טאַקע די באָבעשי האָט זיך מיר אַזוי שטאַרק איינגעקריצט אין די ביינער.

זי איז געווען אַ פּיצינקע, דאַרינקע אידענע ביי וועמען מען האָט קוים אַרויסגעזען אַ צייכן פון אַ פּנימל. מען האָט קיינמאָל נישט גע־וואוסט וואָס זי וויל אייגנטלעך און מסתמא האָט זי אַליין אויך נישט געוואוסט. זי האָט שוין פאַרלוירן אַלע מענטשלעכע פאַרלאַנגען און עס

האָט זיך ביי איר בלויז אָפּגעשטעלט עפּעס אַ רשעותדיקער האַס צו אַלע וואָס לעבן נאָך און לויפן אַרום אויף יונגע פיס. דערצו איז זי געווען שרעקלעך פאַרגרעבט און זי האָט גאָר קיינמאָל נישט געוואוסט פון קיין צורת אות אָדער אַ לייטיש וואָרט. אַ געבוירענע אויף קראָכמאַלנע גאַס האָט זי דאָרט אָפּגעלעבט אַלע יאָרן ביז איר מאַן איז געשטאָרבן. ווען זי איז אָנגעקומען צו דער טאָכטער, האָט זי מער ווי דעם אייגענעם הויף נישט געקענט און דאָס איז פאַר איר גענוג געווען. מען האָט געשמועסט, אַז דעם אייגענעם מאַן האָט זי פריצייטיק פאַרטריבן פון דער וועלט. אָבער וויאַזוי זי האָט דאָס געמאַכט ווייס איך נישט. איך בין דערביי נישט געשטאַנען. איך האָב עס אָבער געקענט פילן לויט דעם ווי זי איז מיר אַליין דערגאַנגען די יאָרן.

זי האָט זיך אַליין קיינמאָל נישט פאַרגינען קיין פרייע מינוט און דאָס האָט זי אויך נישט געקענט פאַרגינען קיין אַנדערן. מען מוז אָבער צוגעבן, אַז זי האָט פאַרמאָגט ראַפינירטע פעאיקייטן צו פאַרשאַפן צרות. ווער שמועסט אויפן געביט פון קענען שעלטן איז זי געווען אַ וועלט־קינסטלערין. אירע קללות האָט זי פיינט געהאַט צו באָרגן ביי אַנדערע און זיך געשאַפן אייגענע לויט איר ספּעציעלן געשמאַק. זיי זיינען געווען די מערקווירדיקסטע וואָס איך האָב אַמאָל געהערט אין מיין לעבן. זי האָט זיך אַזוי לאַנג איינגעאיבט אין איר קונסט, ביז עס איז געקומען דערצו אַז יעדעס וואָרט — אַפילו דאָס אומשולדיקסטע — איז ביי איר אין מויל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ האַרבער קללה. עס איז אויסגעקומען ווי אַ מזמור פון זיך אַליין. ביז היינט באַדויער איך, וואָס איך האָב דאַן קיין שכל נישט געהאַט צו פאַרצייכענען יעדעס וואָרט אירס. דאָס וואָלט זיכער געווען די אינטערעסאַנטסטע קאָלעקציע וואָס די וועלט האָט אַמאָל געזען.

טאָקע זי האָט עס געהאַט די השגחה איבער דער „דינסטמויד אין די יאָרן" און איבער מיר, דעם קליינעם „ליטוואַק, וואָס וועט נאָך ביי מיר גיין אין קייטן, וועט ער נאָך". נאַטירלעך, אַז עס איז מיך נישט געווען מיט וואָס מקנא צו זיין.

איך בין אָנגעקומען אויף דריי יאָר לערן־אינגל. די ערשטע צוויי

יאָר האָב איך געדאַרפט באַקומען בלויז עסן און שלאָפן. דאָס דריטע יאָר האָט ער מיך אויך געדאַרפט באַקליידן. אויך דאָס האָב איך געהאַט צו פאַרדאַנקען מיינס אַ לאַנדסמאַן, וואָס איז דאָרט געווען דער הויפּט־געזעלן. די גאַנצע „פאַבריק" איז געווען כאַאָטיש געפירט און וואו מען האָט זיך געגעבן אַ קער האָט אַרויסגעשריגן דאָס שנאָרערישע און צע־וואָרפענע לעבן. אַ פאַרגלייך מיט דער „מאָסקוועער" פאַבריק! עס האָט אויסגעזען, אַזויווי ספּעציעל באַשאַפן פאַר מיר, בכדי איך זאָל וויסן דעם פולן טעם פון זיין אַ לערן־יונג. בכדי צו האָבן אַ באַגריף וועגן יענע יאָרן מיינע מוז איך געבן דאָס בילד פון מיינס אַ טאָג:

איך בין אויפגעשטאַנען 6 פאַרטאָג און תיכף געמוזט אויסרייניקן די פאַבריק און טיילמאָל אויך די שטוב. דערנאָך האָב איך געמוזט גיין מיט דער באַבעשי אָדער מיט דער דינסט איינקויפן עסן. דער טאָג, וואָס די באַבעשי איז מיט מיר געגאַנגען, איז געווען אַ גהינם. זי האָט געהאַט אַ טבע אויסצוטאַפּן אַלע זעמל מיט די הענט און עס האָט אַלעמאָל גע־מוזט קומען צו אַ קריגעריי מיט דער קרעמערין. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב זיך נישט געמישט. אָבער דעם גאַנצן כעס און דאָס רעשטל קללות, וואָס איר איז געבליבן פון געוועלבל, האָט זי סיווי אויסגעלאָזט צו מיר. ענטפערן איר אָדער אויפקלערן האָט קיין זין נישט געהאַט.

נאָכן ברענגען אָנבייסן פאַר דער משפחה האָב איך געמוזט גיין איינקויפן איבערבייס פאַר די געזעלן. יעדער איינער האָט געוואָלט עפּעס אַנדערש. דערצו האָט מען געדאַרפט אַ קאַפּ פון אַ מיניסטער. איינער האָט געוואָלט פאַר אַ קאָפּיקע שווייצער קעז, דער צווייטער פאַר אַ גראָשן הערינג — און דווקא דעם קאָפּ, בעת אַ דריטער האָט שוין דווקא גע־וואָלט דעם הערינגס עק. אַ פערטער האָט געוואָלט אַ פערטל מילך אָדער אַ האַלב פערטל סמעטענע, בעת אַ פינפטן האָט זיך גאָר פאַר־גלוסט צוואַרעכטס מיט סמעטענע . . . איצט ווייטער אַ סעריע מיט זעמל: איינער האָט געוואָלט ווייסע, בעת דער אַנדערער האָט גאָר גע־וואָלט פונקט האַלב ברוינע . . . דער האָט געוואָלט גוט אויסגעבאַקענע און יענער האָט גאָר געוואָלט ראָגאַלעס פאַר דריי קאָפּיקעס — „אָבער וויכע". עס האָבן אויך נישט געפעלט אַנדערע קאַפּריזן: דער וואָס

עסט אַלע טאָג זעמל, האָט גאָר איינמאָל באַשלאָסן צו נעמען פּאָר אַ קאָפּיקע געבייטלט ברויט אָדער אַ ווייך פּלעצל, מיט אַ סך ציבעלעס פון אויבן" . . .

און אַז איך בין שוין פּאַרטיק געווען מיט דער גאַנצער קראָם אכילה האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה מיטן טרינקען, וואָס איך האָב גע־דאַרפט אויפקאָכן. וויל איינער מילך, דאַרף דער צווייטער וועלן קאַווע אָדער שאָקאָלאַד; וויל איינער בלאַסע טיי, האָט גאָר דער צווייטער חשק צו שוואַרצער „ווי טינט" אָדער עפּעס „אַריינצושיטן" אין דער מילך. צוליב די אַלע קאַפּריזן האָב איך געמוזט לעבן בשלום מיט דער דינסט, ווייל ווען נישט איר הילף וואָלט איך פאַרלוירן דעם קאָפּ דערביי . . .

אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיטן עסן, האָב איך ערשט געמוזט אויפרוימען פון יעדן איינעם דאָס מיסט און ערשט דאַן האָב איך אַליין געקענט גיין אין קיך אַריין אָנבייסן, וואָס די באָבעשי האָט מיר צוגעטיילט. איך האָב געדאַרפט באַקומען 3 זעמל מיט קאַווע, אָבער עס איז נישט מעגלעך צו שילדערן וואָס פאַר אַ פּנים די זעמל האָבן געהאַט נאָך איר אָפּקלייב. עס האָט מיך טאַקע אַלעמאָל געוואונדערט וויאַזוי זי באַווייזט עס: אין קרעמל האָט זי אויסגעטאַפּט אַלע זעמל ביז זי האָט איינעם אויס־געקליבן — און דאָך האָב איך אַלעמאָל באַקומען עטלעכע שטיקלעך צעקנייטשטן טייג . . . אמתער כישוף!

זי איז געווען אַ קרענקלעך קאַרגע, אָבער נישט פאַר זיך. די גע־שמאַקסטע זעמל האָט זי אָפּגעקליבן פאַר זיך און דאַן האָט זי זיי באַ־האַלטן אויף אַן אָרט, אַז מיט טויזנט קעפּ וואָלט מען זיי נישט געפונען. איך געדענק, אַז מיר האָבן זיך עטלעכע מאָל געוועט, ווער עס וועט זיי קענען אויסגעפינען — נאָר קיינער האָט אַזאַ געוועט נישט געוואונען. זי האָט אויך געהאַט אַ מאַניע צו מיאוסן זיך פון אַנדערעס הענט, הגם זי אַליין איז געווען שרעקלעך אומרייַן. אַפילו פון דער אייגענער טאָכ־טער האָט עס זי געאיבלט.

נאָכן פאַרזאָרגן זיך אַליין, האָט זי די בעסערע זעמל אָפּגעקליבן פאַרן אײדעם. ערשט אויפן דריטן פּלאַץ איז געקומען די טאָכטער מיט די אייניקלעך; ערשט נאָך דער משפחה איז געקומען די דינסט און די

לערן־יונגען. איך בין שוין אָנגעקומען אין דער ריי נאָך אַלעמען. פאַר־שטייט זיך, אַז איך האָב זיך געמוזט אַרויסהעלפן מיט גנבענען פון קיך. אָבער הונגעריק בין איך סיזוי געבליבן.

וואָס שייך די טעפּלעך, אין וועלכע זי האָט אויסגעטיילט קאַווע און צוגעגעבן איין שטיקל צוקער, קען איך ביז היינט נישט פאַרשטיין: וועלכע פאַבריק האָט עס אויסגעאַרבעט אַזעלכע פּיצינקע טעפּעלעך? סיידן פאַר ליליפּוטן. איך האָב היינט אַ באַגער, אַז מען זאָל אַמאָל אויס־געפינען אַזאַ טעפּעלע. דאָס וואָלט געווען איינס פון די גרעסטע וואונדער.

אָפּגעגעסן — האָט זיך אָנגעהויבן מיין דערלעדיקן גאַנגען פאַר דער פאַבריק. איך האָב געדאַרפט איינקויפן פּאַפּ, שטיפטן און פעלן. דערנאָך האָט עס געהאַלטן פאַר מיטאָג און איך האָב געמוזט גיין מיט דער דינסט אָדער דער בעל הביתטע איינקויפן אין מאַרק, נאָכצוטראָגן דאָס קײשל. דערנאָך האָב איך געדאַרפט מאַכן טיי, אָדער פאָלגן אַ גאַנג פון די געזעלנס. בקיצור: נאָך אַרום 9 ביינאַכט האָב איך געדאַרפט גיין באַזאָרגן די באָבעשי מיט וועטשערע . . . זי האָט געהאַט אַ באַזונדערע תאווה צו קוואַס מיט ברויט און קעז. דאָס ערשטע מאָל ביים קויפן קוואַס בין איך שטאַרק געלאָפן מיטן פלעשל. דערפון האָט זיך עס אינעווייניק צעברויזט און ביים עפענען האָט אַרויסגעשאָסן אַ זודיקער שוים. דאָס האָט איר געגעבן אַ געלעגנהייט צו שאַפן אַ נייע סעריע קללות, ווי אַשטייגער: „ס'זאָל פון דיר אַזוי אַרויסזעצן דורכן האַלז" אָדער „דיין בלוט זאָל אַזוי שיטער ווערן ווי דער קוואַס" און „זאָלסט אַזוי זען נחת, ווי דו זעסט וואָס מען גיט דיר דאָרט"...

אַרום עלף ביינאַכט בין איך פריי געוואָרן און זיך גענומען עפּעס לערנען אָדער לייענען. דערביי האָט מיר דער מייסטער און זיין געהילף מיטן צונאָמען „משה גאָפּ" — ווייל ער איז געווען אַ תם — אָנגעזאָגט, אַז איך קען בלויז לייענען ווען אַלע שלאָפן. איך בין געשלאָפן אין פאַבריקל, וואָס האָט זיך געפונען אויף דזשיקע 20, דריטער שטאָק. מיין געלעגער איז געווען אויפן קאַסטן וואו מען האָט ווינטער געהאַלטן די קוילן און אַ גאַנץ יאָר זיינען דאָרט געלעגן די קויטיקע וועש. דער קאַסטן איז געווען די העלפט פון מיין גרויס און איך האָב זיך געמוזט

איינקורטשען בכדי איינצושלאָפן. קיין קישן אָדער קאָלדרע האָב איך באַלד נישט געוואָגט צו פאַרלאַנגען. איך האָב בלויז באַקומען אַ זאַק און אָנגעפּילט מיט שטרוי. באַלד אין דער פרי האָב איך אים געמוזט פאַרשטעקן צווישן דעם קאַסטן און דער וואַנט. וויאַזוי די היגיענע האָט דאָרט אויסגעזען פאַרשפּאָר איך צו דערציילן. צוגעדעקט האָב איך זיך מיטן מאַנטל און יעדן פרימאָרגן האָב איך קוים געקענט שטיין אויף די פיס. סיקוי האָט זיך מיר נישט געגלוסט אָוועקצולייגן אויפן סדום־„בעטל" און איך בין בעסער געזעסן ביז 2 אַזייגער און געלייענט. גע־לייענט האָב איך מעשה־ביכלעך — די קאָפּיקע ביכלעך וואָס פלעגן אַרויסגעגעבן ווערן פון לידעקיס פאַרלאַג מיט פאַרזעצונגען אַלע פרייטיק פאַרנאַכט. איך געדענק אַ לאַנגען ראָמאַן, וואו ס׳איז געשיל־דערט געוואָרן דאָס לעבן פון דעם אַמעריקאַנעם פרייערי לעבן אין דער ווילדער וועסט מיט די אינדיאַנער. דאָס פלעגט האַלטן מיין פאַנטאַזיע געשפּאַנט ביז שפּעט ביינאַכט. באַזונדערס שבת ווען איך פלעג האָבן צייט צו טראַכטן און באַוואונדערן דעם הויפּט־העלד. אויב איך מאַך נישט קיין טעות האָט דער ראָמאַן געהייסן „די ווילדע מענטשן־פרעסער" פון אינדיאַנאַ. אָבער 6 פאַרטאָג האָב איך שוין געמוזט אויפשטיין. די ערגסטע יסורים האָב איך געהאַט, ווען מען האָט געדאַרפט אַרבעטן אַ גאַנצע נאַכט. דאָס האָט נישט זעלטן פּאַסירט צוויי מאָל אַ וואָך.

איז נישט קיין וואונדער, אַז איך האָב געוואַרט אויפן פרייטיק צו־נאַכטס ווי אויף משיחן. אויך פרייטיק האָט מען אַריינגעאַרבעט ביז אַ שטאָך אינם שבת אַריין. דערנאָך האָב איך נאָך געדאַרפט אָפּטראָגן די אַרבעט, נאָר שפּעטער בין איך געגאַנגען דאַווענען מיטן מייסטער אין חסידישן שטיבל אַריין. דאָס ערשטע מאָל איז מיר דאָס דאַווענען דאָרט אויסגעקומען זייער פרעמד. ער איז געווען שטאַרק צופרידן, וואָס ער האָט פאַרשלעפּט אַ ליטוואַקל צווישן זיינע חסידים, נאָר איך האָב דאָס ערשטע מאָל געזען דאַווענען מיט אַזאַ ברען און התלהבות. דער־נאָך האָט עס מיך געצויגן אַהין און דערפאַר בין איך כמעט געוואָרן אַ הייסער חסיד.

סיי פרייטיק צו־נאַכטס און סיי שבת האָט זיך דאָס דאַווענען פאַר־צויגן ביז שפּעט. דערפאַר אָבער האָט מיין בעל הבית צוגעגרייט אַ טיש אַזויוואָ ביי די גאָר גרויסע גבירים. שבת האָבן אַלע געמוזט זיצן ביים טיש — פונעם בעל הבית ביז צו דער דינסט און דאָס לערן־אינגל. די באָבע האָט צוליב דעם געהאַט אַ פאַרשטערטן שבת, נאָר עס האָט איר ביי דעם פאַל גאָרנישט געהאָלפן. דאָסמאָל האָט שוין די בעל הביתטע אויסגעטיילט די פיש, אָבער אינסטינקטיוו האָט זי זיך געפירט ווי די מוטער. איך האָב עס גוט דערקענט לויט מיין חלק, וואָס איך האָב באַקומען דער לעצטער. זי האָט געהאַט אַ סיסטעם אין טיילן די פיש. דעם קאָפּ פון העכט פאַר דעם באַלעבאָס און די אַנדערע טיילן פאַר די קינדער און פאַר די געזעלן און לערן־אינגלעך לויט זייער חשיבות. מיר איז אויסגעקומען צו קריגן דעם עק פון פיש. אַזוי ווי דעם עק האָט מען נישט אָנגעפּילט איז עס געווען פול מיט ביינער. עסנדיק און זעענדיק צום ערשטן מאָל קאַרפּן־פיש האָב איך זיך צו־געכאַפּט צום עק וואָס איז געווען פול מיט ביינער און דעם גאַנצן שבת האָב איך זיך געמוטשעט מיט אַ ביינדל וועלכעס איז מיר געבליבן שטעקן אין האַלדז און נישט געקאָנט פון דעם פּטור ווערן. ביז משה גאָפּ (דער עלטסטער לערן אינגל) האָט מיר געהייסן שלינגען גרויסע שטיקער פאַרדאַרטע ברויט, פון דעם מין איז געווען גענוג ביי דער דינסט און אַזוי בין איך פּטור געוואָרן פונעם ביינדל. פון דאַן אָן אָבער איז מיר געבליבן אַ האַס צו קאַרפּ בפרט נישט קיין געפּילטע. ערשט דאָרט האָב איך דערזען, אַז נישט בלויז די באָבעשי נאָר די גאַנצע משפחה האָט געהאַט אַ ליידנשאַפט צום זויערלעכן קוואַס. גאַנצע פלעשער האָב איך געמוזט אָנטראָגן און נאָך יעדן ביסן האָט מען געטרונקען. פאַר־שטייט זיך, אַז די באָבעשי האָט געהאַט פאַר זיך גאַנצע פלעשער, דער באַלעבאָס עטלעכע גלעזער — און אַזעלכע יחסנים ווי איך מיט דער דינסט האָבן זיך געמוזט צופרידנשטעלן מיט קידוש־בעכערלעך... ס'האָט אויסגעזען, אַז בכדי דאָס זיצן פון אַלעמען ביים טיש זאָל נישט שעדיקן דעם יחוס, האָט מען אים אויסגעדריקט דורכן קוואַס — און זאָלן די גאָרנישטן זען ווער עס איז דאָ עלטער... דאָך האָט דער שבת פאַר

מיר געהאַט טויזנט טעם און איך האָב אַליין נישט געוואוסט וואָס צו טאָן פאַר גרויס שמחה, מיטן האָבן אַ גאַנצן טאָג פאַר זיך אַליין.

שבת בין איך נישט געשלאָפן אויפן קאַסטן, נאָר איך פלעג אַרויס־רוקן עטלעכע בענק ביי דער ניי־מאַשין און זיך אויסבעטן אויף דער ערד. ווער קען דען היינט וויסן דעם תענוג, פון קענען אויסציען דעם גאַנצן קערפּער אין שלאָף? טעם גן עדן! איך האָב זיך אַפילו אויסגע־לערנט ווינטער־צייט אַרויסצושלעפן די שמוציקע וועש פונם קאַסטן און זיך צודעקן. מיט דער צייט בין איך געוואָרן אַזוי פּריווילּיגירט, אַז איך האָב געקענט צולייגן מיינע צוויי העמדלעך צו דער וועש, וואָס די דינסט האָט אויסגעוואַשן. אויך דאָ האָבן נישט געפעלט קיין טראַגי־קאָמישע מאָמענטן. איינמאָל האָב איך געוואָלט באַווייזן אַז איך האָב גאַנצע וועש און זיי געפּרואווט פאַרלאַטען. האָב איך דערביי פאַרגעסן אַ נאָדל אינם העמדל... אַ צווייט מאָל האָב איך צוגענייט אַ לאַך מיט קאָלירטן פאָדעם און די פאַרב האָט געלאָזט דווקא אויף דער בעל הביתטעס העמדער. נו, קיין צרות האָבן מיר נישט געפעלט — אָבער אַביסל האָט זיך דאָ אַריינגעמישט מיין בעל הבית.

אים האָט שטאַרק הנאה געטאָן וואָס ער האָט באַוויזן צו מאַכן אַ ליטוואַקל פאַר אַ חסיד. זיין באַגייסטערונג איז אַזוי גרויס געווען, אַז ער האָט מיר איינמאָל געקויפט אַן עליה, כהן, פאַר אַ גאַנצן גילדן — און זאָל מען זען וואָס פאַר אַ לערן־אינגל ער האַלט ביי זיך! דאָס האָט זיך אויסגעווירקט אויף די אַנדערע לערן־אינגלעך און געזעלנס. אויך זיי האָבן זיך גענומען באַציען צו מיר פריינטלעך, ביז איך האָב געהאַט דעם מוט זיי פאַרצולייגן אַז אויך מיר זאָלן דאָ גרינדן אַ „תפארת בחורים” אַזויווי אין לאָמזשע. איך בין געוואָרן דער גבאי און באַלד האָבן מיר שוין געהאַט אַן אייגענעם מנין . . . נאָר די בזיונות פון אַ גאַנצער וואָך זיינען מיר נאָך אַלץ געפאַלן שווער אויפן געמיט, הגם איך האָב אַלץ געטאָן ווי געהעריק און קיינער האָט צו מיר נישט גע־קענט האָבן קיין טענות. אָבער ווי עס ווייזט אויס, איז מיר נישט באַ־שערט געווען צו האָבן אויך דאָס ביסל פאַרגעניגן.

מײַן פֿרומער
בעל הבית
מאַכט מיך „קאַליע״

איך האָב זיך פּלוצים אַרומגעזען, אַז מײַן מײַסטער האָט טאַקע פּאַר מיר אַביסל דרך ארץ. דערפֿאַר אָבער האָט ער מיך שרעקלעך פֿײַנט. די סיבה איז מיר ביסלעכווײַז קלאָר געוואָרן: אַלע געזעלן האָבן אַרויפֿגעקוקט צום מײַסטער ווי צום העכסטן וואָס עקזיסטירט אויף גאָטס וועלט. אין זייערע געשפּרעכן, אַפֿילו צווישן זיך, האָט מען כסדר געקענט הערן:

— דער מײַסטער אַליין האָט אַזוי געטאָן ...

— דער מײַסטער וויל, אַז מען זאָל אַזוי זאָגן ...

— דאָס וועט זיכער געפֿעלן דעם מײַסטער ...

זייער גאַנצער געדאַנק איז נאָר געווען אָנגעשטעלט אין איין ריכ־טונג: וויאַזוי צו געפֿעלן אין זײַנע אויגן. זיי האָבן צו אים גערעדט מיט אַזאַ הינטישער הכנעה, אַז איך האָב עס נישט געקענט אויסהאַלטן. דערצו זײַנען אַלע געווען געריבענע חברה פֿון וואַרשע, וואָס האָבן געוואוסט וויאַזוי צו שפּילן אויף זײַן תאווה צו חניפֿה. איך וואָלט סײַווי געמוזט בלײַבן הינטערשטעליק אין דער מלאכה. זיי האָבן אַלעמאָל גערעדט צו אים אין דירעקט דריטער פּערזאָן: „זאָל דער מײַסטער זאָגן, וואָס איך דאַרף מאַכן ...״

בלויז מײַן לאַנדסמאַן האָט זיך געפֿירט אַביסל אַנדערש, דערפֿאַר איז צווישן זיי אַלעמאָל געווען אַן אָנגעצויגנקייט. וואָס שייך מיר, האָב איך בכלל מער געשוויגן ווי עפּעס געזאָגט. אדרבא, ער האָט גאָר צו מיר גערעדט און בלויז אויסגעפּרוּווט איבער מיר זײַנע נײַע „תורה״־ווערטלעך וואָס ער האָט ערגעצוואו געכאַפּט. די בעל הביתטע ווידער האָט זיך אַלעמאָל אַרומגעטראָגן מיט אירע נידערגעשלאָגענע תרעומתן

און מיך האָט זי לגמרי נישט באַמערקט. אַלע האָבן אַפּילו אָנגענומען פּאַר נאַטירלעך, אַז איך דאַרף גאָרנישט אַרויסווייזן קיין נטיות פון אַ לעבעדיקן מענטש מיט אַן אייגענעם ווילן.

בין איך אָבער געשטראָפט געוואָרן מיט אַ חשק צו גריבלען זיך. עס האָט טיילמאָל געטראָפן, אַז איך האָב לאַנגע שעהן אַריינגעטראַכט אין הויכע ענינים, וואָס איך האָב וועגן זיי קיין שום ידיעה נישט געהאַט. איך האָב אויסגעגראָבן פּראָבלעמען און געפּרוואווט זיך אַליין געבן אַן ענטפער אויף זיי, הגם אין די ביכער זיינען זיכער פאַראַן בעסערע תירוצים אויף זיי. די דאָזיקע נאַטור מיינע האָט מיך געשטויסן צו באַטראַכטן אויך מיין אייגענעם גלויבן און טאַקע אַדורכלופטערן אין מיין געדאַנק אַלע טענות וואָס מיר זיינען איינגעפאַלן פּאַר און קעגן. דאָס וואָס איך האָב געקענט טראַכטן אין זיך האָט זייער שטאַרק צופרידנגעשטעלט מיין אַמביציע און מיך געטרייסט אין די שווערע טעג. בכלל האָב איך אַלעמאָל געזוכט צו פאַרמאָגן אין זיך עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל מיר אַליין באַווייזן אַז איך בין עפּעס ווערט. וואָס מער איך בין דערנידעריקט געוואָרן און געפּייניקט געוואָרן פון גורל, אַלץ מער האָט דאָס דאָזיקע געפיל מיינס זיך געשטאַרקט אין מיר. ווי אויף צו להכעיס איז צו מיר אויסגעוואַקסן אַ האַס סיי פון מייסטער, סיי פון זיין ווייב, ווייל איך פלעג פאַר דער דינסט שרייבן בריוו צו אירע עלטערן און צו איר חתן אין אַ קליין שטעטל. געשריבן האָב איך עס פון אַ „בריוונשטעלער“ און צוגעגעבן מיינע באַפּוצונגען — און ווען זיי האָבן נאָך געזען אַז איך שרייב אַליין די אַדרעסן אין רוסיש, האָבן זיי גאָר צו זיך נישט געקאָנט קומען פון איפּערזוכט — אַז דער „ליטוואַק“ קאָן אַלץ. ס'האָט נישט גענומען לאַנג און נאָך אַ פּאָר דינסטן פלעגן קומען שפּעט ביינאַכט, איך זאָל פאַר זיי שרייבן בריוו. איך פלעג זיי פרעגן וועגן וואָס זיי ווילן שרייבן. זיי פלעגן מיר בלויז זאָגן צו וועמען זיי ווילן שרייבן, צו דער מאַמען אָדער אַ ברודער אין אַמעריקע אָדער צו אַנדערע חבר'טאָרינס און איך פלעג שוין די רעשט פאַרענדיקן.

אייגנטלעך האָב איך עס נאָך געהאַט אין זיך אין די גאָר־קינדערישע יאָרן. איך דערמאָן זיך, אַז ווי נאָר מיר זיינען אַריבערגעפאָרן

פון סאָקאָלע קיין לאָמזשע האָבן זיך חברה אינגלעך צונויפגענומען אין חברה תהלים און יעדער איינער האָט געוואָלט באַווייזן אויסטערלישע קונצן. איך האָב גאָרנישט געהאַט קיין אויסערגעוויינטלעכס און דערפאַר האָב איך זיך דערמאָנט: איינמאָל, בעת מען האָט געפירט חתן־כלה צו דער חופה האָט אַ איד געטראָגן די שטורקאַצן און בשעת מעשה געשפּריצט מיט נאַפט אויפן פייער. דערפון האָבן גענומען פאַלן שטי־קער פלאַם און דאָס האָט צוגעגעבן דער איינגעשלאָפענער גאַס אַ באַ־זונדער פייערלעכקייט. האָב איך באַשלאָסן צו ווייזן די אינגלעך, אַז אויך איך בין נישט אַבי ווער. ווי שטאַרק מיך האָט נישט געעקלט פונם נאַפט, האָב איך עס פאַרט באַוויזן פאַר זיי און דאָס האָט מיך אַרויסגע־הויבן אין זייערע אויגן. נאָר אַז דער טאַטע מיינער איז דערפון געוואויר געוואָרן און אַז איך האָב דערנאָך באַקומען מיין פּסק, פאַרשפּאַר איך דאָ צו דערציילן . . .

אין יענע קינדער־יאָרן בין איך געווען פרום ביז גאָר . . . און אויב איך האָב אַמאָל פאַרפעלט אַ דאַווענען אָדער צוגערעדט אַנדערע אינגלעך צו רעליגיעזע רשעותן, איז עס נאָר געווען אַ מין צולהכעיס מיין שטרענגן טאַטן. איך האָב דעם איינדרוק, אַז ווען נישט מיין פאַ־טערס בייזקייט וואָלט איך אפשר געווען געבליבן אַ פרומער איד אַזויווי ער אַליין האָט עס געוואָלט. אַ סימן דערצו איז מיין רעליגיעזקייט, זייענדיק אין וואַרשע אונטער מיין אייגענעם רשות.

פון דער נאַטור בין איך דווקא רעליגיעז און אויך מיין וועג אין וואַרשע וואָלט זיכער געווען אַן אַנדערער, ווען נישט מיין מייסטערס איפּער צו מאַכן פון מיר אַ חסיד איבער נאַכט. איך האָב זיך צוגעג־קוקט צו זיין אייגענער התנהגות און באַלד זיינען מיך ווידער באַפאַלן ספיקות: לעבט טאַקע אַזוי־אַרום דער פרומער איד וואָס ווערט אַ חסיד? די פראַגע האָט מיך שרעקלעך געמאַטערט און איך האָב נישט געהאַט ביי וועמען צו פרעגן.

דערצו האָט איינמאָל עפּעס פּאַסירט: איינמאָל האָב איך נישט באַ־מערקט, אַז דער לאָמפּ אין פאַבריקל נעמט מאַכן קונצן מיטן פלאַם. מיינע תפילין האָבן געהאַנגען איבערן לאָמפּ און דער פלאַם האָט זיי

פּאַרכאַפּט. איידער איך האָב זיך אומגעקוקט איז אַ האַלבער של ראש פּאַרברענט געוואָרן. דער של יד איז דווקא געבליבן גאַנץ, אָבער די רצועה איז אויך אָפּגעזענקט געוואָרן. וואָס טוט מען? איך בין געווען אַזוי דערשראָקן, אַז אַ גאַנצע נאַכט האָב איך זיך געוואָרפן אויפן קאַסטן פאַר אימה: וויאַזוי וועל איך מאָרגן דאַוונען? בייזע הוריות זיינען מיר געקומען אין קאָפּ אַריין. איך האָב שוין געזען מיין האַרבע שטראָף פאַר די אויגן: די הענט וועלן מיר זיכער איינדאַרן און בייזע, טויטע הענט האָבן זיך געשטרעקט צו מיר פון אַלע זייטן . . . אַט־אַט און זיי דערשטיקן מיך. איך האָב באַשלאָסן צו פאַסטן דריי טעג און דערמיט אויסקויפן מיינע זינד.

אָבער פאַרטאָג, ווען איך בין אויפגעשטאַנען און גענומען דאַוונען איז פּלוצים דער גאַנצער פּחד פון מיר אָפּגעפאַלן. איך האָב צונויפגעלייגט די שטיקלעך תפילין און אַ מאָדנע רו איז אויפגעקומען אין מיר. מיין שכל האָט מיר בלויז אונטערגעזאָגט, אַז מיט פאַרברענטע תפילין קען מען אויך דאַוונען: בעסער ווי גאָרנישט . . . דעם נדר צו פאַסטן דריי טעג האָב איך באַלד זיך מתיר געווען.

ביז איינמאָל האָט מיין מייסטער באַמערקט מיך דאַוונען אין די פאַרברענטע תפילין. ער איז אַזש בלאַס געוואָרן פאַר אויפרעגונג און מיך געפרעגט אויב איך ווייס, וואָס מען טוט מיט אַ פאַרברענטער ספר תורה. איך האָב אים רואיק אָפּגעענטפערט, אַז אַלץ איז נאָך בעסער ווי גאָרנישט. דאָס האָט אים אַריינגעוואָרפן אין אַזאַ כעס, אַז ער האָט בלויז אויסגעשריגן צו מיר: „ליטוואַק חזיר!" און ער איז אַרויסגעלאָפן פונעם פאַבריקל.

דעם שפּעטערדיקן שבת האָט מיך דער הויפּט־געזעלן, מיין לאַנדס־מאַן געשיקט קויפן פאַר אים שיך־פּאַסטע אין אַ גויישן געוועלב. איך האָב זיך אָפּגעזאָגט מיטן תירוץ, אַז איך וויל נישט נעמען אויף זיך אַזאַ עבירה. דאָס האָט גראָד אונטערגעהערט דער מייסטער. איך האָב געמיינט, אַז ער וועט זיך שטעלן אויף מיין זייט, אָבער אים האָט עס גאָר פאַרדראָסן. ער האָט אַ זאָג געגעבן צו זיין פרוי, אַז אַלע זאָלן הערן:

— וואָס זאָגסטו נישט צו אונזער צדיק? אין פאַרבערענטע תפילין דאַוונט ער, אָבער אַביסל שוואוואַקס אין שבת וויל ער נישט ברענגען... דאָס קען נאָר אַזאַ צלם־קאָפּ, וואָס וויל נאַרן די וועלט . . .

איך בין אַזוי צעטומלט געוואָרן דערפון, אַז איך האָב אַ כאָפּ געגעבן דאָס געלט און געלאָפן קויפן די שיך־פּאַסטע. דאָס איז געוואָרן דער גרויסער איבערברוך אין מיין לעבן. איך האָב אָנגעהויבן פאַרלירן דעם חשבון צווישן דעם וואָס „מען מעג" און וואָס „מען טאָר נישט". דערביי האָב איך געגומען האַסן מיין מייסטער, אַזויווי ער וואָלט מיר דאָ חרוב געמאַכט מיין אינערלעכע וועלט. מיינע קלערענישן האָבן מיך שוין גענומען מאַטערן כסדר און עס האָט געדויערט לאַנג ביז איך האָב געפונען מיין אינערלעכע רו. איך האָב נאָך ווייטער געלייגט די פאַרברענטע תפילין, אַזויווי אויף להכעיס אים און שבת בין איך נאָך ווייטער געגאַנגען דאַוונען. אָבער איך האָב שוין מער נישט געהאַט קיין טעם דערין, ווייל איך בין נישט זיכער געווען אויב מיינע אַנדערע עבירות מאַכן נישט קיין תל פון די פּאָר צוגעברענטע מצוות מיינע . . . אַפילו אין „תפארת בחורים" האָב איך אויפגעהערט צו גיין און מער נישט געוואָלט מען זאָל מיר געבן אַן עליה צו דער ספר תורה. קיין היפּאָקריט האָב איך נישט געוואָלט זיין.

די רעוואָלוציע
וויל צו אונז
אין פֿאַבריק
נישט קומען . . .

אין יענע צייטן, עטלעכע יאָר פֿאַר דער רעוואָלוציע פֿון 1905, זייַ־נען די פֿאַרמאַליטעטן צווישן „אַרבעט און קאַפּיטאַל" — דאָס מיינט צווישן די קליינע בעלי בתים און זייערע אַרבעטער — געווען זייער פּרימיטיוו. דער געזעלן פֿלעגט אָנקומען צום בעל הבית אויף אַ גאַנצן זמן, וואָס טיילמאָל האָט עס אויך געמיינט אַ גאַנץ יאָר. קיינמאָל האָט זיך אַ געזעלן נישט פֿאַרגעלייגט צו אַ נייעם בעל הבית, נאָר דער מייסטער פֿלעגט אים אויסקלויבן אויף דער „בירזשע" (דוכט זיך מיר, אַז אין מיין צייט איז זי געווען אין קראַשינסקיס גאָרטן) אָדער דער געזעלן פֿלעגט אים שיקן אַ מין אַרבעטער־שדכן. איך זאָג בכיוון „שדכן" ווייל דער טיטל האָט אַזעלכן בעסער געפּאַסט ווי דאָס וואָרט „מעקלער". וויבאַלד מען איז אַדורכגעקומען מיטן פּרייז, האָט מען מקבל קנין געווען און דער געזעלן האָט טיילמאָל געגעבן אַ משכון זיינע תפילין, אַז ער וועט נישט חרטה האָבן . . . פֿאַרשטייט זיך, אַז איך דערצייל דאָ בלויז וועגן די פֿאַבריקלעך וואָס איך האָב געקענט — ענלעך צו מיינעם. אין אַנדערע ערטער זיינען שוין אַריינגעדרונגען די נייע שטי־מונגען און איך האָב אַפֿילו געהערט אַז אויסערגעוויינטלעכע זאַך: אַז מען אַרבעט דאָרט אויף אַ וועכנטלעכן געהאַלט...

ביי מיין בעל הבית איז אַלץ צוגעגאַנגען ווי פֿריער. זיינע אַרבע־טער האָבן גאָרנישט געוואוסט, אַז די צייט בייט זיך און אויך איך בין געווען באַוווירקט פֿון די שקלאַפֿישע באַדינגונגען. איך האָב אַפֿילו גע־האַסט די פּאָר אינגלעך, וואָס זיינען טיילמאָל געקומען „אויפֿהעצן"

קעגן די בעלי בתים. צוזאַמען מיט די אַנדערע געזעלן האָב איך אָנגע־הויבן גלויבן, אַז דער באַגריף בעל הבית, ווי מיר פאַרשטייען, לאָזט זיך גאָרנישט ענדערן. עפּעס אַזויווי צולהכעיס בין איך אַליין אויך געוואָרן געטרייער דעם מייסטער.

מיר האָבן געלעבט אין זעלבן וואַרשע און דערפאַר האָבן מיר אויך געהערט, אַז אין אַנדערע פאַבריקן קומען פאָר שטרייקן. אַביסל האָבן מיר טאַקע מקנא געווען יענע אַרבעטער, וואָס קענען עס פועלן ביי זיך. אָבער ווי נאָר מיר האָבן געהערט, אַז די פּאָליציי האָט זיך אַריינגע־מישט און אַרעסטירט די שטרייקער האָבן מיר זיך געפרייט. דאָס האָט אונז באַוויזן, אַז מיר האָבן מער שכל פאַר יענע און דערפאַר האָבן מיר נישט אַזעלכע צרות.

איך דערמאָן זיך אין אַ פּאָליטישער דעמאָנסטראַציע שבת בייטאָג, נישט ווייט פון זאַקסישן גאָרטן. קאָזאַקן האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אויף זייערע פערד בכדי צו צעטרייבן די דעמאָנסטראַנטן און דערביי צע־שלאָגן ווועמען זיי האָבן אָנגעטראָפן. מיין מייסטערס פרוי האָט געוואָלט וויסן, וואָס עס קומט דאָרט פאָר און דערפאַר מיך געשיקט אין גאָס אַריין. בין איך געשטאַנען און געוואַרט ביז איך וועל האָבן וואָס מער גוטע נייעס פאַר איר, וואָס זאָל איר געפעלן. איך האָב זיך נישט אומ־געקערט אין שטוב אַריין, ביז איך האָב נישט געהערט אַז מען האָט צעשלאָגן די „פּאָליטישע" און זיי אַרעסטירט. ערשט דערנאָך בין איך געלאָפן איר אָנזאָגן די בשורה.

דאָס וואָלט נאָך לאַנג געווען אָנגעהאַלטן, ווען נישט דער נייער הויפּט־געזעלן בנימין פון אַ שטעטל נישט ווייט פון וואַרשע. ער איז געווען די סאַמע פאַרקערפּערונג פונעם ערגסטן וואָס אַ געזעלן האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט. די מאַכט איבער קלענערע פון אים, אין דעם פאַל לערן־אינגלעך, האָט אים ממש שכור געמאַכט. ער האָט פּשוט נישט געוואוסט, וויאַזוי ער זאָל זיי אַלץ באַווייזן זיין העכערקייט איבער זיי. אין חניפה צום מייסטער האָט ער אַלעמען איבערגעשטיגן. פּונקט ווי ער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ חיה, ווען ער איז געווען צווישן די לערן־אינגלעך, אַזוי איז ער פּשוט געווען אַ הילפלאָזער וואָרעם אין

אָנבליק פונעם בעל הבית. דערצו האָט ער געהאַט אַ מעלה, וואָס האָט אים שיעור געטריבן צו משוגעת: ער איז געווען ממש אַ קינסטלער אינעם פאַך. ער האָט געאַרבעט גלאָסן, אָבער דערפאַר האָט געשמעקט פון זיינס אַ שטיקל אַרבעט. גראָד אויף דעם געביט איז זיין חוש געווען אַזוי אויסגעאײדלט, אַז זיינע פינגער האָבן אַזוויווי אינסטינקטיוו דער־שפירט דאָס מינדסטע קנייטשעלע אין דער לעדער. די זעלבע מייס־טערשאַפט האָט ער פאַרלאַנגט אויך פון די אַנדערע אַרבעטער. מיט זיי האָט ער זיך אָבער געמוזט רעכענען, בעת איבער די לערן־אינגלעך האָט ער געוועלטיקט וויפל אים איז נאָר ווואילגעפעלן. איבערהויפּט האָט ער זיך גענומען צו מיר, דעם ליטוואַק וועמענס אויסשפּראַך ער האָט פּשוט נישט געקענט פאַרטראָגן.

נאָך זיין אָפּאַרבעטן צוויי חדשים אין פאַבריק האָבן גענומען אָנ־קומען גרויסע באַשטעלונגען און דאָס געשעפט איז פאַרגרעסערט גע־וואָרן. בנימין האָט זיך גענומען באַרימען, אַז דאָס איז צו פאַרדאַנקען זיינע מאָדעלן — און ער איז טיילווייז גערעכט געווען. אויך דער מייס־טער האָט באַקומען גרעסערע אַמביציעס. אויך מיין לאַנדסמאַן, דוד, דער פריערדיקער געזעלן האָט געהאַט זיין באַזונדערע מעלה: ער איז געווען גאָר אַ פלינקער אַרבעטער, ווייל ער האָט זיך נישט געמישט צו די לערן־אינגלעך און בלויז געטאָן זיין אַרבעט. דער מייסטער האָט געוואָלט אים און בנימינען מאַכן פאַר די הויפּט־אויפזעער פון זיין פאַבריק, אָבער דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ רוגז צווישן אים און בנימינען, ווייל ביידע האָבן געוואָלט האָבן די גאַנצע ממשלה. היות מיין לאַנדס־מאַן דוד איז געווען אַ פינקטלעכער און צוליב אים האָט קיין באַשטע־לונג נישט פאַרשפּעטיקט, איז ער געוואָרן דער גאַנצער מושל. דאָס האָט בנימינען שרעקלעך פאַרדראָסן און עס האָט געהאַלטן דערביי, אַז ער זאָל אַוועק פון דער אַרבעט. דערפאַר האָט דער מייסטער נאָכגעגעבן בנימינען זיין פאַרלאַנג: ער זאָל ווערן דער אויפזעער אויף זעקס וואָכן און באַווייזן וואָס ער קען. ער האָט דערפאַר באַקומען דריטהאַלבן רובל אַ וואָך.

ער האָט גענומען אַרבעטן ביז שפּעט אין דער נאַכט, בכדי אַרויס־

צואוויַיזן זיַין געטריישאַפט און מיר, די לערן־איַינגלעך, האָבן געמוזט אויף־זיַין גליַיך מיט אים. באַזונדערס האָט ער מיך נישט געלאָזט רוען און איך בין געוואָרן שרעקלעך אויסגעמאַטערט. איך פלעג אַרומגיין שלעפּערדיק און נישט געוואוסט אויף וועלכער וועלט איך בין. דאָס האָט בנימינען פאַרדראָסן און ער האָט געהאַלטן אַז דאָס איינציקע מיטל צו מיר איז — שלאָגן. אויך אויף דעם געביט איז ער געווען אַ קינסט־לער. ער האָט אַלעמאָל געשלאָגן מיט אַ „שפּיצל״, נישט גלאַט אַזוי אָן טעם און אָן פּאַכמענישע איינפאַלן. ער האָט געשטאָכן מיטן אָל, געקנייפּט מיטן צווענגל, געקלאַפּט מיטן העמערל אָדער אַ שער געטאָן מיטן שערעלע דעם שפּיץ פונעם אויער . . .

איך געדענק, אַז איינמאָל בין איך אַריין אין קלאָזעט און דאָרט אַוועקגעפאַלן פון גרויס אויסגעמאַטערטקייט. ווי לאַנג איך בין דאָרט געלעגן געדענק איך נישט, נאָר איך האָב זיך אויפגעכאַפּט פון אַ טרובע אין אויער און געזען ווי אַרום מיר ברענט אַ פייער. דאָס האָט בנימין מיט זיינע געהילפן געלייגט פּאַפּירן אַרום מיר און אָנגעצונדן. איך האָב זיך אויפגעהויבן אַזוי ווי נישט מיך מיינט מען עס. נאָר ווען איך האָב זיך צוגעקנעפּלט, האָב איך אַ כאַפּ געטאָן אַ הויפן ברענענדיק פּאַפּיר און געשליידערט אויף בנימינען; נאָר ער איז גאָר פאַרפלויגן צו „משה גאַפּ״, וועמען איך האָב גאָרנישט געמיינט און אים צעברענט די הענט . . . אַלע האָבן אָנגענומען פאַר נאַטירלעך וואָס איך האָב עס געוואָרפן משהן, ווייל קיינער האָט זיך גאָרנישט פאַרגעשטעלט, אַז איך קען מיינען בנימינען. נאָר סיַיווי האָט בנימין נישט געהאַלטן ביים שענקען מיר די שטראָף.

ער האָט ספּעציעל אויסגעאַרבעט אַ שטריק, געפלאָכטן פון דינע דרעטלעך מיט שטיקער האַרטע לעדער. מען האָט טאַקע געדאַרפט זיין אַ מייסטער דאָס צו מאַכן. דער שטריק איז געווען אַריינגעלייגט אין אַ שמאָלער און לאַנגער ראַם. ביים אָנרירן דאָס הענטל האָט זיך דאָס רעמל צעשפּרייט און דער שטריק איז אַרויסגעפאַלן. דאָס רעמל האָט ער איינגעפּאַסט אויפן אָרט וואו איך פלעג דאַרפן זיצן און ווי נאָר איך האָב באַוויזן צו דרימלען ביינאַכט האָט ער אַ דריק געגעבן

אויפן רעמל און דער שטריק האָט גענומען שמייסן מיטן גאַנצן כח. ס׳איז געווען פון די אמתע תענוגים. איך האָב אָבער פאַרביסן די ליפּן און קיינעם נישט דערציילט, אַפילו נישט מיין ברודער. איך בין שוין דאַן געווען אָפּגעריסן און נאַקעט, אייביק הונגעריק און נידערגעשלאָגן. איז מיר נישט געלעגן אין קאָפּ צו גיין קלאָגן זיך. דערצו האָב איך געציטערט פאַר נאָך אַ זאַך: ווי גרויס רשע דער בנימין איז געווען, האָט ער אָבער געהאַט איין מעלה: ער האָט מיך געלערנט דאָס פאַך. אים איז געגאַנגען אין לעבן, אַז איך זאָל באַלד קענען מאַכן פאַראַנט־וואָרטלעכע אַרבעט . . . און דאָס האָט ביי מיר אַ סך געמיינט, כאָטש איך בין געווען הונגעריק און אויסגעמאַטערט.

ווען די זעקס וואָכן האָבן זיך געענדיקט, האָט דער מייסטער באַ־שלאָסן אַז ער לאָזט בנימינען פאַרן הויפּט־געזעלן. דאָס האָט בנימינען געמאַכט פאַר נאָך גאווה׳דיקער און ער האָט זיך נאָך שטאַרקער גע־פלייסט. צוליב דעם האָט ער דעם שטריק נאָך אָפטער באַנוצט איבער מיר און איך האָב מער געטראַכט דערפון וויאַזוי אויסצומיידן דעם קלאַפּ איידער פון דער אַרבעט . . .

אין יענער צייט איז אויך מיין ברודער ראובן געקומען צולויפן קיין וואַרשע. עס איז אים מיטאָמאָל נמאס געוואָרן דאָס זיין אַ חתן און דעם טאַטנס כעס. ער איז געקומען דורך אַלערליי שוועריקייטן און זייענדיק אַ גוטער בעל מלאכה האָט ער באַלד באַקומען אַרבעט. האָב איך מער נישט געקענט אויסהאַלטן און אים פאַרטרויט דעם סוד מיט בנימינס שטריק. דאָס האָט ראובנען אַזוי אויפגערעגט, אַז ער האָט געוואָלט אַרויף אין פאַבריק און אָנמאַכן אַ חורבן. איך האָב אים קוים צוריקגעהאַלטן מיט גרויס געוויין. אַזויווי אָבער ער האָט שוין געזען מיין לייב, וואָס איז געווען בלוי־צעביילט פון קלעפּ, איז ער אַוועק צו כאַצקלען און מיט גרויס אויפרעגונג אים דערציילט די מעשה.

אין עטלעכע טעג שפּעטער זיינען טאַקע אַרויפגעקומען כאַצקל מיט מיין לאַנדסמאַן דוד אין פאַבריק אַריין. זיי האָבן מיך אַריינגערופן צום מייסטער און אים באַוויזן די בלויע צייכנס אויף מיין קערפּער.

דער מייסטער האָט זיך דערשראָקן און געבעטן דודן, אַז ער זאָל מאַכן אַ שוויג. ער וועט עס שוין זען צו באַוואָרענען . . .

בנימין האָט דערשפּירט אַזויווי פון דער בלויזער לופט, אַז עפּעס איז דאָ פאָרגעקומען קעגן אים. עס האָט לאַנג נישט געדויערט ביז ער האָט אויסגעפונען אין וואָס דאָ גייט. ער האָט שוין אויך געוואוסט, אַז דוד האָט זיך דאָ אַריינגעמישט אינעם ענין און ער האָט דרך ארץ געהאַט פאַר דודן, אַזויווי פאַרן שנעלסטן אַרבעטער אינעם פאַך. ער האָט זיך דערפאַר געוואָלט ריינוואַשן אין זיינע אויגן און אויסגעקלערט אויף מיר אַ בלבול: ער האָט אונטערגעוואָרפן צו מיר אין אָפענעם קיישעלע אַ ביליק פאַסעקל און דערנאָך געזאָגט, אַז איך בין אַ גנב.

דער פאַרהער איז פאָרגעקומען ביינאַכט נאָך דער אַרבעט, ביים בייזיין פון מיין ברודער כאַצקל. דוד האָט נישט געוואָלט קומען צום פאַרהער, ווייל ער האָט געטענהט: אויב איך בין אַ גנב דאַרף מען מיך אָפּזאָגן, אָבער נישט פּייניקן! נאָר בנימין איז פון דער גאַנצער געשיכטע אַרויס אַ נידערגעשלאָגענער. אַלע האָבן געזען זיין כוונה, ווייל דאָס אונטערגעוואָרפענע פאַסעקל איז קיין גראָשן נישט ווערט געווען. ער האָט זיך גענומען שעמען פאַר אַנדערע, ווייל ביים פאַרהער האָב איך שוין אויך דערציילט וועגן זיינע אַנדערע סאַדיסטישע מעשים. דערנאָך האָט מיר שוין גענומען באַנג טאָן, פאַרוואָס איך האָב אים אַזוי פאַרשעמט, אָבער זיין שנאה צו מיר איז שוין סיווי געוואָקסן. האָב איך נאָר באַהאַלטן דעם קונציקן שמייס־שטריק מיטן אונטערגעוואָרפענעם פאַסעקל — און ביי יעדער געלעגנהייט האָב איך עס אַלעמען געוויזן.

איך ווייס נישט, אויב דאָס איז געווען צוליב מיין שולד — נאָר מיט אַ צייט שפּעטער איז בנימין געוואָרן אויס הויפּט־געזעלן און איך האָב פלוצים דערשפּירט דעם זיסן טעם פון נצחון נאָך אַ קאַמף. עס זיינען מיר דערביי קלאָר געוואָרן אַ סך זאַכן וועגן די שטרייקערס, וועלכע איך האָב פריער נישט באַנומען.

מיינע אויגן האָבן זיך אָנגעהויבן צו עפענען . . .

דער טאַטע
קומט קיין וואַרשע

באַכן אָפּאַרבעטן אַ יאָר צייט אין יענעד פאַבריק האָב איך כמעט אַזוי־זוי פאַרגעסן אינעם טאַטן. ער האָט פּשוט אויפגעהערט צו שפּילן אַ ראָלע אין מיין לעבן. דאָך איז ביי מיר געבליבן אַ באַהאַלטענער דרך ארץ צו אים, וואָס אַלע ביטערע זכרונות האָבן נישט געקענט פאַרלעשן.

ווען כאַצקל איז מיר געקומען אָנזאָגן, אַז דער טאַטע קומט צו זיין ערשטן קינדס ברית, בין איך אַזויוי צעמישט געוואָרן. איך האָב זיך גאָרנישט געקענט פאָרשטעלן, אַז דער טאַטע זאָל קומען גערן — אַפילו אויף אַן אייגענער שמחה . . . ובפרט נאָך צו פאָרן אַזש קיין וואַרשע. דאָך בין איך שטילערהייט געווען צופרידן פון זיין קומען. עפּעס האָט זיך מיר פּשוט געוואָלט באַווייזן מיין מייסטער, אַז אויך איך האָב אַ טאַטן — און נאָך דערצו אַזעלכן, פאַר וועמען אַלע מעגן האָבן דרך ארץ. נאַטירלעך איז אויך מיין מייסטער איינגעלאַדן געוואָרן צום ברית. איך געדענק, אַז ווען איך האָב דערציילט די נייעס אין פאַבריק האָט עס ביי אַלעמען אויסגעזען וואונדערלעך, גלייך ווי זיי וואָלטן דאָס ערשטע מאָל דערהערט אַז אויך איך בין „אַ טאַטנס אַ קינד". איך האָב דערקענט, אַז דער מייסטער גופא איז פול מיט שפּאַנונג, ווייל ער האָט אַ זאָג געטאָן צום ווייב:

— כ'על גיין אַ קיק געבן אָפן ליטוואַקס פוטער . . .

דער טאַטע איז אָנגעקומען אין אַ דאָנערשטיק בייטאָג און דער מייסטער האָט מיר נישט דערלויבט צו גיין אים זען ביזן אָוונט. דערפאַר אָבער איז ער אַליין באַלד געלאָפן אים באַגעגענען און דערנאָך צוריק־געקומען אַ צערודערטער. ער האָט זיך אָנדערציילט וואונדער פון דעם טאַטנס אויסזען און וויאַזוי ער האָט זיך גענומען צום לערנען תנ"ך גלייך

נאָכן אָנקומען. ער האָט דערנאָך גאַנצע וואָכן געהאַט וואָס צו דערציילן; ער זעט דאָך אויס ווי אַן אמתער איד!

מיין פאָטער האָט אויך שטאַרק אויסגענומען ביים בעל הבית פון מיין ברודער, דעם בוכבינדער קאַמענעוו, וועלכער איז באַקאַנט געווען אין די ליטעראַרישע קרייזן און ביי וואַרשעווער פאַרלעגער. אויפן ברית האָט ער געשמועסט אין לערנען מיטן טאַטן און דערנאָך אים אַרויסגעוויזן גרויס רעספעקט פאַר אַלעמענס אויגן. מיט קאַמענעווס מיינונג האָט מען זיך אַ סך גערעכנט און אויך מיין בעל הבית האָט געגאַפּט דערפון. ער האָט צומערשט מיך נישט געלאָזט גיין זען דעם טאַטן ביז ביינאַכט, נאָר ווען ער איז צוריקגעקומען האָט ער אויך מיר אַרויסגעוויזן זיין דרך ארץ און מיך באַלד באַפרייט פון דער אַרבעט.

אַריינקומענדיק אין שטוב איז מיר דער טאַטע אַנטקעגנגעגאַנגען און מיר אָפּגעגעבן אַ ברייטן שלום עליכם. דערנאָך האָט ער מיך געהייסן מאַכן אַ „שהחיינו". איך האָב נישט געוואוסט וואָס ער מיינט דערמיט, אָבער ער האָט מיר באַפוילן: „אַז מען הייסט דיך מאַכן אַ שהחיינו, מעגסטו מאַכן". איך האָב געמאַכט די ברכה און פּלוצים האָבן מיר ביידע געשפּירט, אַז מיר האָבן מער נישט וועגן וואָס צו ריידן. לאַנג האָט די שטילקייט אָבער נישט אָנגעהאַלטן. צו מיין גרויסער איבעראַשונג האָט ער באַלד אַרויסגענומען אַ חומש'ל, אויפגעמישט די סדרה „משפטים" און מיך געהייסן זאָגן . . . אַ שווייס איז מיך באַפאַלן. דאָס איז פאַר מיר אַלעמאָל געווען די שווערסטע סדרה און קיינמאָל האָב איך זיך דאָרט נישט געקענט פונאַנדערקלייבן אין די חשבונות, וואָס דאָרט ווערט אויסגערעכנט; וויפל מען דאַרף צאָלן פאַר אַ גניבה אָדער גזילה און פאַר וועלכער. דערצו האָב איך שוין איבער דעם יאָר היפּשלעך פאַרגעסן. איך האָב אָנגעהויבן זאָגן מיט אַן אומנאַטירלעך און נישט צופרידן קול און דער טאַטע האָט מיך באַלד אָפּגעשטעלט. ער האָט מיך בלויז געפרעגט, אויב איך קוק נאָך אַמאָל אַריין אין אַ ספר, אָדער איך בין שוין לגמרי אַוועק אויף די וואָוליוונגערישע וועגן... אַ גאַנצע שעה האָט ער מיך אויסגעפרעגט און אַריינגעטענהט, אָבער מיר האָט עס אויסגעזען ווי אַ גאַנצער מעת לעת. זיינע שאלות האָבן

מיר געמאַכט אַזוי שווער דאָס האַרץ, אַז איך האָב אים מער נישט גע־וואָלט גיין זען. איך האָב זיך אַפּילו נישט געזעגנט מיט אים.

די פּאָר טעג וואָס איך האָב אים דערוואַרט האָט זיך מיר אויס־געוויזן, אַז עס מוז שוין איצט זיין גאָר אַן אַנדער טאַטע — אָבער איצט האָב איך נאָכאַמאָל דערזען, אַז ער איז געבליבן דער זעלבער. קיין האָר האָט ער זיך נישט געענדערט. דאָס האָט מיר אַזוי טרויעריק געמאַכט, אַז איך האָב געזוכט עפּעס אַ ווינקל, וואו איך זאָל זיך קענען אויס־וויינען.

די ערשטע
„אַגיטאַציע"

כמעט יעדן פרייטיק צו נאַכטס נאָכן עסן בין איך געגאַנגען צו מיין ברודער כאַצקל. איינמאָל האָב איך דאָרט פלוצים דערזען אַ שיין־געבונדן בוך, אויף וועלכן קיינער האָט זיך ניט אומגעקוקט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס האָט אים כאַצקל אַהיימגעבראַכט צוליב דער שיינער איינבאַנד. דערצו האָט ער געזען, אַז ער איז געשריבן אין אידיש און ער האָט עס געבראַכט פאַר מיין ברודער ראובן, וועלכער איז געווען גוט באַקאַנט מיט דער דאַמאָלסטיקער ליטעראַטור.

ווען איך האָב גענומען לייענען דאָס ערשטע זייטל האָב איך כמעט קיין איין וואָרט נישט פאַרשטאַנען. דאָרט האָבן זיך אַדורכגעוואָרפן אַזעלכע ווערטער ווי: „זאַמלבוך", „רעדאַקטירט", „מיטאַרבעטער־שאַפט" און עפּעס אַ נאָמען, וואָס איך האָב קיינמאָל נישט געהערט: י. ל. פּרץ... אַזוי ווי דאָס בוך האָט מיך נישט אינטערעסירט, האָב איך עס אַוועקגעשאַרט פון זיך, אַזוי ווי אַלע אין שטוב. כאַצקל האָט עס באַמערקט און מיר אַ זאָג געטאָן:

— דו ווערסט שוין 13 יאָר און עס איז שוין די העכסטע צייט, אַז דו זאָלסט אָנהייבן עפּעס צו לעזן...

זיין זאָג האָט געטראָפן אין פּינטל. איבערהויפּט, געדענק איך, האָט צו מיר אַפּעלירט אַזאַ שיין וואָרט ווי „לעזן". איך האָב דערפאַר אַ כאַפּ געטון דאָס בוך און אָנגעהויבן צו לייענען. הגם איך האָב דאָרט וויניק־וואָס פאַרשטאַנען. אָבער דאָס איז בלויז געווען מיט די אַרטיקלען. ווען עס איז געקומען צו די דערציילונגען בין איך גאָר נתפּעל געוואָרן. זיי האָבן געגעדעט צו מיין געמיט און איך האָב שוין דעם זאַמלבוך מיטגע־שלעפּט אין פאַבריק אַריין. דאָרט האָב איך עס געגעבן צו לייענען הערשלען, אַן אונטער־געזעלן פון אונזער פאַבריק. ביז דאַן האָב איך

נאָר געלייענט לערן־ביכער, וועלכע מיינע פאַרשידענע לערער פלעגן מיר געבן אין רוסיש און אין פויליש — אידיש פלעג איך לייענען בלויז מעשיות, מערסטנס, פון לידסקי׳ס אויסגאַבן.

דאָס בוך איז באַלד געוואָרן אַ גרויסע געשעעניש אינעם פאַבריקס־לעבן. דער 21 יאָריקער הערשל איז מיט מיר באַלד חבר געוואָרן — און ער האָט זיך געשניטן אויף אַן אויבער־געזעלן. דאָס האָט אימפּאָנירט די אַנדערע לערן־אינגלעך און זיי האָבן אויף מיר גענומען קוקן מיט אַנדערע אויגן. איינמאָל, אין אַ פּרייטיק צונאַכטס, האָט מיך הערשל אפילו אַוועקגעצויגן אין אַ ווינקל און איינגערוימט אַ סוד:

— סוכער (איך האָב נאָך אַ נאָמען „יששכר״), קום מאָרגן אויף דער בירזשע... דוס׳ט קריגן אַן אַגיטאַציע...

איך האָב זיך געשעמט צו פרעגן וואָס דאָס מיינט אַזוינס און בלויז צוגעזאָגט צו קומען. עפּעס האָב איך זיך פאָרגעשטעלט, אַז איך וועל דאָרט באַקומען גאָר אַ וויכטיקע זאַך, וואָס מען רופט „אַגיטאַציע״. אָבער וואָס פאַר אַ סוד שטעקט דערין? אַ גאַנצע נאַכט האָב איך נישט געקענט שלאָפן פון גרויס דערוואַרטונג. שבת, גלייך נאָכן עסן, בין איך אַוועק אין גאַס און געוואַרט אויף הערשלען. דערנאָך ערשט האָב איך זיך דערוואוסט, אַז מיט דעם הערשלען איז געווען פאַרבונדן אַ גאַנצע געשיכטע:

מיין מייסטער האָט געהאַט אַ שוועסטער, אַ שיין אָבער פּוסט מיידל. צו איר האָבן זיך געצויגן אַ סך חסידישע בחורים „מיט די היטעלעך״ אָבער זי האָט אין זיי נישט „גוסטירט״. עס האָט זי גאָר געצויגן צו די „היינטוועלטיקע״ בחורים און זי האָט אפילו געשמאַק אַרומשפּאַצירט מיט שקצים. דאָס האָט שרעקלעך געקרענקט מיין מייסטראָווע — און עס איז איר שוין בעסער ניחא געווען, אַז זי זאָל זיך חברן מיט די פּאָר אידישע אינגלעך אין פאַבריק. אין אַ צייט אַרום האָט זיך אונזער הערשל שרעקלעך פאַרליבט אין איר און זי אין אים. דאָס איז אין אַ געוויסער מאָס געווען אַ רעזולטאַט דערפון, וואָס הערשל האָט פאַר איר געשפּילט די ראָלע פון אַ „גרויסן אינטעליגענט״ — און ער האָט עס געדאַרפט באַווייזן. קיין שום זאַך האָט איר נאַטירלעך נישט געקענט אימפּאָנירן

אַזוי שטאַרק, ווי דאָס וואָס ער איז אַ „רעוואָלוציאָנער" און אַז ער איז אויסגעקאָכט אין די טריפה'נע ביכלעך...

ווען מיין מייסטער האָט זיך דערוואוסט פון דעם ראָמאַן, האָט עס אים שטאַרק אויפגעקאָכט: הערשלס יחוס איז אים גאָרנישט געפעלן. ער וועט זיך גיין משדך זיין מיט אַן אייגענעם געזעלן? ער האָט דערפאַר מיט אַלע כוחות געוואָלט שטערן זייער ליבע און דאָס איז געווען, אַז הערשל זאָל טראָגן אַ „רעוואָלוציאָנער האַרץ" אויף אַלע מייסטערס... עס איז אים פּלוצים קלאָר געוואָרן אַז נאָר „די אַרבעטאָרער" וועלן פאַר אים קענען אויסקעמפן זיינע „הייליקע רעכט". דער בעסטער וועג דערצו איז געווען דאָס „אָרגאַניזירן" די אַרבעטער פון מיין מייסטער — און זאָל ער אַליין זען וואָס הערשל קען!

האָט ער געמאַכט דעם אָנהייב מיט מיר... דעם אמת געזאָגט, האָט טאַקע הערשל אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקן רושם: אַ מענטש וואָס האָט צו טון מיט „אַגיטאַציע" מוז זיין אַ געוואַלטיקער חכם, וואָס די וועלט האָט נאָך נישט געזען! נאָר ווען איך האָב אים געוואָלט פרעגן וואָס עס מיינט אַזוינס „בירזשע" האָט ער אָנגעהויבן שטאַמלען און מיר צוגעזאָגט אַז „דער פאַרשטייער וועט דיר שוין אַלצדינג דער־קלערן"... טאַקע הערשל האָט מיך צוגעפירט צו דער דזשיקע גאַס, וואָס גרענעצט זיך מיט דער שמאָלער מילע. געווען איז עס — ווי איך האָב שפּעטער אויסגעפונען — אַ בירזשע פאַר יוגנטלעכע „בונדיסטן".

דאָרט האָב איך דערזען אַ סך יונגע בחורימלעך מיט שטעקעלעך אין די הענט. די גרעסטע טייל האָט געטראָגן שוואַרצע בלוזעס מיט שפּילקעלעך, אין וועלכע עס זיינען געווען איינגעראָמט די בילדער פון קאַרל מאַרקס, לאַסאַל, קראָפּאָטקין און נאָך אַנדערע, פון וועלכע איך האָב דאָס ערשטע מאָל געהערט. די פּנימער מיט לאַנגע האָר, וואָס האָבן זיך געטראָגן אומרואיק אַהין און אַהער האָבן אויף מיר אָנגעוואָרפן אַ נייגעריקן פּחד. כ'בין פּלוצים שטיין געבליבן אין אַן אַנדער וועלט און דאָס האַרץ האָט מיר געוואָלט קלאַפּן. אַ געדאַנק איז מיר אַדורכגעלאָפן: וואָס טו איך, ווען דאָ באַווייזט זיך מיין ברודער אָדער גאָר דער מייס־טער? און וואָס וועט זיין, אַז עס וועט דאָ אָנטראָגן אַ סטראַזשניק?

אָבער נאָך איידער איך האָב זיך באַוויזן קלאָר צו מאַכן מיין לאַגע איז צו מיר צוגעקומען אַ הויך און דאַר בחורל.

ער האָט מיר דערלאַנגט די האַנט, אָן אויסצורײדן אַ וואָרט. אָבער זיינע לאַנגע האָר און ציכטיקע קליידונג האָבן געוואונען מיין צוטרוי און עפּעס אַ געפיל פון חשיבות איז מיך באַפאַלן דערויף, וואָס ער נעמט מיך אונטערן אָרעם און פירט מיך ווי זיינס גליכן. דאָס פּחד־געפיל האָט מיך אָבער פאָרט נישט אָפּגעלאָזט. וואָס ווייטער ער האָט מיך געפירט, אַלץ מאָדנער האָט מיר אויסגעזען די ניי־אַנטדעקטע וועלט. עפּעס האָב איך דאָרט דערזען אויסטערלישע מיידלעך: אַ סך פון זיי זיינען שוין געווען עלטערע, מיט אויסגעדאַרטע פּנימער און שוואַרצע קאַפּעלושן. געשטאַנען זיינען זיי אין גרופּקעס, צו 5־6 און געשמועסט צווישן זיך גאָר פאַרטיפט — אַזוי ווי זיי וואָלטן דאָ באַשלאָסן דעם גורל פון דער וועלט...

דער בחור האָט מיך אַרויסגעריסן פון מיינע טראַכטעניש. דאָס האָט ער מיך געפרעגט וויאַזוי איך הייס און אויב איך בין דאָס ערשטע מאָל אויף דער בירזשע. דערנאָך האָט ער מיך גענומען באַשיטן מיט פראַגעס: ביי וואָס אַרבעט איך? וויפל שעה? פאַרוואָס זיינען מיינע שיך צעריסן? און שפּעטער האָט ער אָנגעהויבן ריידן מיט אַזויפיל שיינע ווערטער, וואָס זיינען מיר שטאַרק געפעלן: אַרבייטער לאַגע... פּראָלעטאַריער... בורזשוי... קאַמף... איך האָב אים געקוקט אין מויל מיט טיפער שפּאַנונג. איך וויל אים עפּעס פרעגן? אַדרבא! צי איז אמת אז „זיי" גלויבן נישט אין גאָט? אַז „זיי" ווילן נישט מען זאָל דאַווענען? פאַרוואָס?

ער האָט אַלץ מיר פאַרענטפערט: אויב איך וויל דאַווענען — מעג איך, אָבער דאָס וועט מיר שטערן צום קאַמף. וועגן גאָט? אַך, דערויף וועט מיר שוין ענטפערן אַ צווייטער! דאָס אַנדערע מאָל וועט מיך שוין יענער אויפקלערן. די בירזשע איז שוין געווען געשלאָסן, אָבער איך בין פול געווען ווי אַ פויק מיט נייע רייד, נייע שאלות און נייע באַגריפן. גלייך פון דאָרט בין איך אַוועק צו כאַצקלען, וואו איך האָב אויך גע־טראָפן מיין ברודער ראובן. איך בין געווען שרעקלעך אויפגערעגט אויף זיך אַליין: פאַרוואָס טאַקע אַרבעט איך אַזוי שווער? פאַרוואָס האָב

איך אַ צעפּליקטן מאַנטל און די שיך זיינען ביי מיר צעריסן? און ווי־אַזוי קום איך צו דער פּולער פּאַמעניצע? און ווער האָט עס באַשטימט די באָבעשי, אַז זי זאָל שאַלטן און וואַלטן איבער מיין לייב און לעבן?

ווען איך האָב אויסגעפּויקט פאַר ראובנען מיין איבערלעבונג, האָט ער זיך גאָר שטאַרק דערשראָקן און מיך געזומען וואָרענען:

— דו טאָרסט מער נישט גיין אַהין... מען וועט דיך אַרעסטירן און איינזעצן אויף אייביק...

אָבער באַלד איז אויך אים באַפאַלן דער חשק זיך אויסצופּיינען פאַר מיר און ער האָט מיר דערציילט, אַז ער קומט שוין לאַנג אויף דער בירזשע... זיינס אַ חבר מיטן נאָמען „דער בערדיטשעווער בלינדער" איז שוין אפילו „פּונעם קאָמיטעט". דערביי האָט ער מיר באַוויזן צוויי ביכלעך וואָס ער האָט „דאָרטן" באַקומען און אפילו שוין איבערגע־לייענט...

פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט זיי מיר געבאָרגט בתנאי, איך זאָל זיי נישט האַלטן אין פאַבריק און בכלל זאָל איך זיך מיט זיי היטן. איינס פון זיי איז געווען „די מעשה מיט פיר ברידער" און איך האָב עס פּשוט געשלונגען. דערנאָך האָב איך זיך אַרומגעדרייט אַזויווי אין אַ וואונדערלעכן חלום. הערשל האָט עס באַמערקט און פון מיר גאָר אָנגעקוואָלן. טאַקע ער האָט מיך צוגערעדט, אַז איך זאָל דאָנערשטיק אויסזוכן עפּעס אַ תירוץ און ביינאַכט ווידער גיין צו דער בירזשע. איך בין אַוועק אַהין און געהערט אַ לעקציע וועגן דעם, אַז מען דאַרף גיין דינען אין מיליטער. ווער עס איז באַוואוסטזיניק, קען אויפקלערן די סאָלדאַטן אַז זיי זאָלן נישט דינען דעם צאַר. עס האָט גערעדט אַ געלער, געשטופּלטער יונגערמאַן וועמען אַלע האָבן אַרומגערינגלט. זיין קול איז געווען שטיל און האַרציק, אַז עס האָט פאַרקלעמט ביים האַרץ... אייגנט־לעך האָב איך נישט אַלץ פאַרשטאַנען, אָבער איך בין שטאָלץ געווען ווייל איך האָב געהערט, אַז דאָס איז אַ „פּאָליטישע רעדע" — און די ווער־טער האָבן מיך פאַרכישופט.

פּלוצים האָט עמעצער אַ געשריי געטון:

— פּאָליציי!

אַלע זיינען זיך צעלאָפן ווי פאַרסמטע, אָבער איך בין געבליבן שטיין ווי אַ צוגעבונדענער. דער רויש אין קאָפּ איז מיר נאָך געבליבן און איך האָב פּשוט נישט געוואוסט וואוהין צו לויפן. מיטאַמאָל האָב איך דערזען אַז איך בין דאָ איינער אַליין נישט ווייט פונעם רעדנער. איך האָב זיך דערשראָקן. מיין פּחד איז נישט געווען צוליב דער פּאָליציי, ווי צוליב בושה. איך האָב מורא געהאַט טאָמער פרעגט ער מיך עפּעס און איך וועל נישט וויסן וואָס צו ענטפערן. דאַן וועט ער זען, ווי גרויס עם־הארץ איך בין אין „פּאָליטישע פראַגן״... וואו וועל איך זיך אַהינטון פאַר שאַנד?

ער האָט מיך געפרעגט אויב איך וויל גיין מיט אים און ער האָט מיך באַלד גענומען פירן. ער האָט גערעדט מיט אַזאַ מילדקייט, אַז ס'איז מיר גלייך אַריין אין הארץ. ער האָט מיך געפרעגט פאַרוואָס איך זע אויס אַזוי בלאַס: אַ קנאַפּע 14־יאָריקער בחור האָט שוין געמעגט זיין אַביסל גרעסער! און פאַרוואָס גיי איך אָנגעטאָן אַזוי צעשויבערט. מיט אַזעלכע צעריסענע קאַמאַשן? די אַלע ווערטער האָבן מיר שרעק־לעך צומישט און כ'האָב געקראָגן גרויס צוטרוי צו אים. קיין פּאָליציי איז נישט געקומען. עמעץ האָט זיך אומזיסט דערשראָקן און מיין באַגלייטער האָט מיר געקענט געבן אַ רואיקע „אַגיטאַציע״. באַלד האָבן די אַנטלאָפענע גענומען צוריקקומען, אָבער יענער האָט מיך שוין נישט אָפּגעלאָזט. איך האָב אפילו באַוויזן צו זען, וויאַזוי טייל בעמען קוקן אויף מיר מיט קנאה. באַלד האָב איך זיך געכאַפּט, אַז דאָס איז דערפאַר, וואָס איך גיי מיטן סאַמעראָדנעם „אַגיטאַטאָר״ און איך בין דערפון גאָר שטאָלץ געוואָרן. אין דער מינוט בין איך גרייט געווען צו לאָזן זיך אַרעסטירן מיטן שענסטן פאַרגעניגן, אַבי צו גיין מיט אים נאָך אַ פּאָר מינוט. די בירזשע האָט זיך אָבער געשלאָסן אַ סך שנעלער ווי איך האָב עס דערוואַרט.

מיין באַגלייטער האָט מיך בלויז צוגעפירט צו אַן עלטער מיידל, אַ הויכע און דאַרע, אַ מיאוסע און מיט קורצע האָר פאַרקעמט אין אַ שרונט. אויף זי האָט געטראָגן אַ שוואַרצע בלוזע, פאַרקנעפּלט ביזן

האלדז — און זי האָט אויסגעזען ווי אַ מאַנאַשקע. ער האָט מיך פאַר איר פאַרגעשטעלט און קורץ אַ זאָג געטאָן צו מיר:

— דאָס איז באַשע.

ער האָט איר אָנגעזאָגט, אַז אויף מיר דאַרף מען אַכטונג געבן און איז אַוועק. זי האָט מיר געגעבן אַן אַדרעס צו קומען נעמען ביכער און פאַרזעצן דאָס לערנען פויליש און רוסיש. ביז היינט קען איך נישט פאַרגעסן דאָס געשטאַלט פון באַשען. קיין מאָמע קען נישט אַרויסווייזן אַזויפיל געטריישאַפט און צערטלעכקייט ווי זי האָט מיר אַרויסגעוויזן. די גוטסקייט אירע לאָזט זיך גאָרנישט אויסדערציילן און מיך האָט פשוט געוואונדערט, וויאַזוי מען קען האָבן אַזויפיל האַרץ פאַר אַ פרעמד אינגל, וואָס געהער זיך מיט איר גאָרנישט אָן. דאָס האָט אויף מיר שטאַרק געווירקט. איך האָב זיך פאַר איר געוואָלט אויספּיינען, באַווייזן אַז איך בין ווערט איר גוטסקייט און דערפאַר זיך גענומען לערנען און לייענען מיט גרויס איפער. אָבער דאָ האָב איך פּלוצים אויך דערזען ווי ווייט עס קען אויך זיין די פאַלשקייט ביי מענטשן.

איינמאָל האָט מיך מיין מייסטער באַגעגענט אויף דער בירזשע. דאָס איז פאַר אים געווען אַ גרויסע איבעראַשונג און ער האָט מיך שפּעטער גענומען אויספרעגן, וויאַזוי איך קום אַהין. הערשל האָט זיך געוואָלט אונטערהנפנען צו אים און ער האָט מיך גאָר גענומען אויפן פאַרהער. ער האָט מיר פאַרגעוואָרפן, אַז איך וויל אומגליקלעך מאַכן דעם מייסטער און לאָ די וואָס איך וויל אים שאָדן טאָן, קען איך נאָך ברענגען פאַרבאָטענע פּראָקלאַמאַציעס אין הויז און אים דערפירן צו קאַטאָרגע...

הערשלס ענדערן דעם טאָן האָט מיך לגמרי צעטומלט. איך האָב נישט געוואוסט ביי וואָס אָנצוהויבן. דערביי איז מיך אָבער באַפאַלן אַ שרעקלעך רחמנות-געפיל צו אים און צו זיין אופן פון אונטערלעקן דעם בעל הבית... איך האָב שוין געוואוסט, אַז מען מוז זיין קאָנספּי-ראַטיוו און מען טאָר נישט „פאַרשיטן" קיין חבר. האָב איך דערפאַר אים נישט פאַרמסרט, הגם ער האָט געדראָט מיך אַרויסצוואוואַרפן פון פאַבריקל, אויב איך וועל נאָכאַמאָל זיך ווייזן אויף דער בירזשע:

— דער מייסטער דאַרף לערן־אינגלעך און נישט קיין בירזשע־אַרבעטאָרער!

דער מייסטער האָט גאָר שטאַרק אָנגעקוואָלן פון הערשלס דיבורים און מיך האָט שרעקלעך געקרענקט, פאַרוואָס אַזאַ בחור דאַרף זיך אַזוי דערנידעריקן...

איין מעלה האָט אָבער דער דאָזיקער עפּיזאָד יאָ געהאַט: ער האָט געהויבן הערשלס פּרעסטיזש אין מייסטערס אויגן. מיין ערשטע אַגי־טאַציע האָט דערפירט צום שידוך צווישן הערשלען און דעם מייסטערס שוועסטער... ביידע זיינען גליקלעך געווען און איך האָב אים דערפאַר אַלץ מוחל געווען. יעדער ראַטעוועט זיך וויאַזוי ער קען. דערפאַר בין איך אַליין אויך צופרידן געווען, וואָס איך האָב שוין שכל אַריינצודרינ־גען אין אַזעלכע סודות פונעם לעבן: עפּעס אַ קלייניקייט? כ׳בין אַ בחור וואָס האַלט שוין נאָך די ערשטע אַגיטאַציעס!

צו גאַסט
אין דער היים

אַ מאָדנע זאַך: וואָס מער איך האָב גענומען פּאַרקערן אין די אַר־בעטער־קרייזלעך און לייענען ביכער, אַלץ מער האָב איך אָנ־געהויבן נענטער ווערן צו מיין פאָטער אין געדאַנק. זינט מיין ערשטער אַגיטאַציע האָב איך אָנגעהויבן מיט אים צו פירן אַ קאָרעספּאָנדענץ. דאָס איז אין אַ געוויסער מאָס אויך געווען פאַרשטענדלעך: אין יענע קרייזן האָב איך באַמערקט אַ הונגער צו וויסן, מיט וועלכן אויך איך האָב זיך „אָנגעשטעקט״. דער דרך ארץ צו אַזעלכע יונגעליט מיט אינ־טעליגענץ איז גאָר גרויס געווען און דערפאַר האָב איך זיך ראַפּטום דערמאָנט, אַז אויך מיין פאָטער איז אייגנטלעך אַ מין אינטעליגענט אין זיין וועלט.

אין די בריוו צו אים האָב איך אַלעמאָל זיך באַמיט צו ציטירן אַ פּסוק פון תנ״ך און אים אַרומרינגלען מיט אַלע שיינע ווערטער וואָס איך האָב אויפגעכאַפּט אַרום זיך. אויך צו חנא שליפּערס משפחה האָב איך גענומען שרייבן אָפטער. מיין פאָטער האָט מיר פּינקטלעך געענט־פערט, אָנהייבנדיק מיט אַ לאַנג־אויסגעצויגענעם אַריינפיר אין העברע־איש און ענדיקנדיק אין אידיש. בעיקר האָט ער געשריבן וועגן דער וויכטיקייט פון אָפּהיטן אידישקייט, לייגן תפילין, היטן שבת וכדומה. ער האָט מיך אויך געוואָרענט פאַר די רייצן פון דער גרויסער שטאָט.

אויך פון אַבראַמען, חנאַ שלייפערס זון האָב איך אָנגעהויבן באַ־קומען בריוו. ער האָט שוין געוואָלט וויזן, אַז ער געהער צו דער נייער וועלט. דערפאַר האָט ער כסדר דערציילט וועגן דער „נאַטור״, וועגן דער לאַגע פון די אָרעמעלייט אין לאָמזשע און צוזאַמען מיט די הויכע ווער־טער האָט ער מיר אויך געשריבן היימישע נייעס וואָס האָבן מיך שטאַרק אינטערעסירט. די דאָזיקע בריוו פון ביידע האָב איך דערנאָך אויפגע־

היטן לאַנגע יאָרן. אַביסל האָט מיך געוואונדערט מיין פּאָטערס אויס־פּירלעכע קאָרעספּאָנדענץ, ווייל פריער האָט ער בלויז געשריבן קורצע קאָרטלעך צו מיין ברודער כאַצקל און פּאַר מיר האָט ער קוים אָפּ־געשפּאָרט אַ גרוס אין עטלעכע ווערטער „וגם לבני יששכר”... אָבער פון זיינע ווערטער האָב איך אַרויסגעשפּירט אַ מין נידערגעשלאָגנקייט; גלייך ווי ער וואָלט געזוכט אויסצובעסערן די אַמאָליקע עוולות קעגן מיר.

קיין כעס קעגן אים האָב איך שוין לאַנג נישט געשפּירט. איך האָב בלויז נאָך אַלץ געפילט אַ פּיזישע מורא פאַר אים און דערפאַר האָב איך יעדן בריוו זיינעם באַטראַכט מיט געמישטע געפילן — גלייך ווי זיי וואָלטן געקומען פון עפּעס אַ פרעמדן מענטש. אפשר דערפאַר איז מיך פּלוצים באַפאַלן אַזאַ חשק צו פאָרן אַהיים און אים זען נאָכאַמאָל; גלייך ווי איך וואָלט זיך אַליין געוואָלט איבערצייגן, אַז דאָס איז ער טאַקע דער זעלבער.

עס האָט אויסגעזען, אַז ער האָט פון דערוויטנס דערשפּירט מיין בענקשאַפט, ווייל ער האָט מיר געשריבן, אַז איך זאָל קומען אַהיים אויף פּסח. כאַצקל האָט זיך גאָרנישט געקענט אָפּוואונדערן פון דעם פאַקט. איך האָב זיך גענומען גרייטן אַזויווי צו אַ חתונה. מיין שוועגערין האָט מיר געקויפט אַ נייעם אָנצוג פאַר דריי רובל און דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן האָב איך אָנגעטאָן אויף זיך אַ שפּאָגל־נייעם מלבוש. אויך דאָס קויפן איז נישט צוגעגאַנגען אַזוי גלאַטיק. מיר האָבן זיך גע־מוזט פאַרזוימען אַ האַלבן טאָג אויף דער באַרימטער וואַרשעווער „וואָ־לווקע” ביז מיר האָבן אויסגעדונגען דאָס גרויע רעקל מיטן וועסטל און הויזן. דערנאָך, ווען איך האָב דאָס פּעקל געברענגט צו מיין ברודער אין שטוב, האָט די גאַנצע שטוב אויסגעזען יום־טובדיק און מיין שמחה איז נאָך גרעסער געוואָרן, בעת איך האָב די מלבושי־כבוד אָנגעמאָסטן אויף זיך... איך בין אפילו רויט געוואָרן איבער די אויערן, ווען מיין שווע־גערינס אינגערע שוועסטער האָט מיר אַ זאָג געטאָן:

— נו, סוכער... וועסט שוין באַלד דאַרפן אַ כלה! ס'איז נאָר אַ שאָד וואָס איך בין עלטער פון דיר...

איר דאָזיקע באַמערקונג האָט אין מיר הייטער געזונגען אַ גאַנצן

טאָג. מיין שמחה איז נאָר אַביסל צעשטערט געוואָרן פון מיין מייסטערס אונטערברומען. עס האָט אים פאַרדראָסן פאַרוואָס איך האָב זיך געקויפט קורצע קליידער מעשה „דאַטש“ און די חסידים אין „שטיבל“ וועלן בייז זיין דערויף. צום ווייב זיינעם האָט ער נאָך איראָניש צוגעגעבן:

— נו, האָט געלוינט צו געבן אים געלט דערויף?

כאָטש דאָס געלט האָט ער נישט געגעבן, נאָר איך האָב עס באַקומען „ביר־געלט“ פון די קליענטן צו וועלכע איך האָב אָפּגעטראָגן די אַרבעט. אָבער איך האָב אים געמוזט צופרידנשטעלן און דערפאַר זיך געקויפט אַ חסידיש היטעלע, וואָס איך האָב אַגב דערמיט געוואָלט נושא חן זיין אויך ביי מיין פאָטער.

ערב פסח בין איך אַריינגעפאָרן קיין לאָמזשע און געהאַט גאָר אַ וואַזשנע קבלת פנים. מיין שטיפמוטער האָט מיך אויפגענומען גאָר פריינטלעך און זיך אויסגעפרעגט וועגן אַלעמען. די קליינוואַרג האָט געהאַט אַ גרויסע שמחה מיט מיר און מיך באַטראַכט ווי אַן אויס־טערליש באַשעפעניש פון אַן אַנדער וועלט. מיין שטיפשוועסטערל חוה איז שוין אַלט געווען 9 יאָר, אָבער זי האָט שוין אויסגעזען ווי אַן אַלט מיידל מיט אַן ערנסט־נידערגעשלאָגענער מינע. איך האָב זיך גאָרנישט געוואָלט גלויבן, אַז דאָס האָב איך זי נישט לאַנג צוריק געטראָגן אויף די הענט... זעט אויס, אַז איצט האָט זי געשפּירט אויף זיך דעם טאַטנס מרה שחורהדיקע האַנט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער טאַטע האָט זי אָפּגעגעבן פאַר אַ דינסטמיידל און זי האָט שטאַרק נישט געוואָלט גיין אַהין. זי איז געווען זייער אַ פילבאַרע און ער האָט עס גאָרנישט געקאָנט פאַרשטיין. ווען מיר האָבן זיך אָנגעקוקט האָט זי זיך שטאַרק צעוויינט און איך האָב מיטגעוויינט. אָבער וואָס האָב איך געקענט העלפן? איך האָב זיך בלויז געבעטן ביי מיין שטיפמוטער:

— חיה, איך בעט דיך: לאָז זי נישט גיין דינען! איך וועל פאַר איר שיקן געלט פון וואַרשע...

וואו איך וועל נעמען געלט „אין וואַרשע“ האָב איך אַליין נישט געוואוסט. אָבער אין יענער מינוט בין איך געווען גרייט צו גנב׳ענען,

אָבי דעם קינד מיט עפּעס צו העלפן. מיין פאָטער האָט אָבער באַלד אויפגעכאַפּט מיינע רייד און זיך ברוגז אַריינגעמישט:

— נישקשה, זי מעג דינען. עס וועט איר גאָרנישט שאטן. זי איז אַ אידיש מיידל און טאָר נישט צעלאָזן ווערן. אויב דו ביזט אַזוי רייך, מעגסטו סיוּוי שיקן דאָס געלט. האָסט אונז גענוג געקאָסט...

איך האָב ווידער איינגעזען, אַז די ווערטער זיינען אומזיסט. איך האָב זיך מער נישט געקענט איינהאַלטן אין שטוב און האָב זיך בלויז געוויזן צום עסן. מיין פאָטער האָט זיך אויסגעהיטן מיך צו רייצן. אפילו לערנען אָדער דאַווענען האָט ער מיך מורא געהאַט צו הייסן. עס איז מיר פּשוט געוואָרן אומהיימלעך פון זיין דאָזיקער צוריקגע־האַלטנקייט. דערפאַר האָב איך זיך גענומען דרייען צווישן די לאַמזשער ארבייטער און אפילו אנטייל גענומען אין עטלעכע פאַרזאַמלונגען וואָס זיינען פאָרגעקומען אין וואַלד. דאָס איז ביי מיר געווען אַ יום־טוב.

אויך צו די שלייפערס בין איך אַריינגעגאַנגען און בכדי זיך אויסצופּיינען האָב איך דערציילט גאָלדענע גליקן פון וואַרשע: אַך, ווי מיר „קעמפן" דאָרט! וואַרשיינלעך האָבן זיי מיר נישט געגלויבט, אָבער זיי האָבן מיר נישט געוואָלט צעשטערן מיין אילוזיע. אַבראַמעק איז געוואָרן צוגעבונדן צו מיר און דאָס ערשטע מאָל האָב איך באַמערקט רחל־לאהן, ווי אַ מיידל צו וועלכער עס ציט מיך שטאַרק. איך האָב זיך אַליין געכאַפּט ביי דער האַנט, וויאַזוי איך באַמי זיך איר צו וואוילגע־פעלן. דוכט זיך, אַז אויך זי האָט געוואָלט דאָס זעלבע — נאָר זי האָט עס נישט אַרויסגעוויזן אַזוי שטאַרק ווי איך.

דאָס אַלץ האָט מיך פּלוצים געמאַכט פאַר אַ דערוואַקסענעם. דעם טאַטנס איינגעשלאָסנקייט אין זיך האָט דאָס מאָל נישט געווירקט אויף מיר אָפּשטויסנדיק. דערפאַר אָבער האָב איך רואיק פעסטגעשטעלט פאַר זיך אַליין, אַז מיר וועלן שוין מער קיינמאָל זיך נישט קענען דער־נענטערן: צוויי וועלטן — און פאַרטיק! איך האָב אים פּלוצים דערזען ווי אַ פאַרגאַנגענע וועלט צו וועלכער עס וועט מיך שוין מער נישט רופן, נישט ציען... דאָס צוריקפאָרן קיין וואַרשע איז מיר דערפאַר אָנגע־קומען אָן צער און אָן האַרצרייסנדיקער בענקשאַפט.

איך „פּיר אָן"
מיט אַ שטרייק

עס זיינען אַוועק נאָענט צו צוויי יאָר זינט איך בין אָנגעקומען צו מיין מייסטער. ער האָט אָבער נישט אָנגעהויבן צו טראַכטן אַפילו וועגן מאַכן מיך פאַר אויס לערן־יונג. איבער דער צייט האָבן זיך בײדע צדדים אין דער אַרבעטער־וועלט גענומען בעסער אָרגאַניזירן אין פּראָ־פעסיאָנעלע פאַראיינען (פּאַרטייאישע טרייד־יוניאָנס, אָנגעפירט פון „בונד"). אַרום דעם פונקט „פּראָפעסיאָנעל־פּאַרטייאישע פאַראיינען, אָדער אומפּאַרטייאישע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען?" איז אָנגעגאַנגען אַ קאַמף פון אַלע פּאַרטייען מיטן „בונד". דער בונד, זייענדיק די גרעסטע אידישע אַרבעטער פּאַרטיי, האָט דווקא געוואָלט האָבן פּאַרטייאישע פאַראיינען — די אַנדערע פּאַרטייען זיינען געווען קעגן דעם.

אין אונזער פאַך, פּאַסעק־מאַכער, האָבן פריער געהערשט פּרימי־טיווע באַדינגונגען. די בעלי בתים האָבן געפירט אַ ווילדע קאָנקורענץ צווישן זיך און אַפילו אָפּגעטאָן איינער דעם צווייטן כל המינים שפּיצ־לעך. אָבער ווי נאָר עס האָבן זיך געהערט קלאַנגען וועגן שטרייקן, האָבן זיי זיך צונויפגערעדט וויאַזוי צו פאַרהיטן זיך פונעם „אומגליק". צווישן די קלענערע פאַבריקאַנטלעך פון מיין מייסטערס שניט איז דערצו געווען איין עצה: זיי האָבן אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט יעדן איינעם, אויף וועלכן זיי האָבן געהאַט אַ חשד אַז ער „געהערט צו די אַרבעטאָרער". די איינצלנע אַרבעטער האָבן קיין ווידערשטאַנד כמעט נישט געשטעלט, ווייל מען האָט געשמועסט אַז בקרוב וועט מען שטרייקן ביי אַלע פּאַסעק־מאַכער.

זינט מיין מפּלה דורך הערשלען, האָב איך אָנגעהויבן צו זיין פאַר־זיכטיק. איך האָב זיך נישט אַזוי שטאַרק געשראָקן פאַר מיין שטעלע, ווי איך האָב נישט געוואָלט אָנטאָן צרות מיין ברודער כאַצקל. ער וואָלט

דערפון געהאַט גרויס עגמת־נפש. איך האָב דעריבער געשפּילט די ראָלע פון אַן אונטערטעניקן לערן־יונג, וואָס האָט מער נישט קיין שייכות מיט דער „בירזשע". אָבער אויך דאָס איז מיין מייסטער נישט איבעריק געפעלן און ער האָט כסדר אַריינגעקלערט פאַרוואָס דער „ליטוואַק" איז פּלוצים געוואָרן אַזאַ גרויסער צדיק. בעיקר בין איך געוואָרן פאַרדעכטיק ביי דער „באָבעשי" און איר זון — אויך אַ פּאַסעק־מאַכער...

איינמאָל איז דער באָבעשיס זון געקומען צוגאַסט און איך האָט אונ־טערגעהערט, וויאַזוי מען קריגט זיך ביי די בעלי בתים אין צימער. פון קיין טאַקט האָב איך נאָך דאַן נישט געוואוסט און מיין מייסטער האָט אויך דערפון ווייניק־וואָס געהאַלטן. דערפאַר האָב איך געעפנט די טיר און צוזאַמען מיט דער דינסט זיינען מיר אַריין אַהין, זען וואָס עס קומט פאָר. ווי נאָר איך האָב געעפנט די טיר איז מיין בעל הבית שטיל געוואָרן. דערפאַר אָבער האָט זיין שוואָגער מיך אַזויווי נישט באַמערקט און פאַרענדיקט זיינע ווערטער:

— וועסט חרטה האָבן, אויב דו וועסט מיך נישט פאָלגן... גיב אַ קוק וויאַזוי די אויגן ברענען ביי אים... דאָס וואַקסט נישט קיין גוטס!

איך האָב באַלד פאַרשטאַנען, אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן מיר און איך האָב זיך נישט געקענט באַהערשן:

— אויב איך בין נאָר נישט ביי אייך, וועל איך שוין דווקא יאָ אויסוואַקסן אַ לייט...

מיין מייסטער איז בלייך געוואָרן און דער געלער שוואָגער זיינער האָט טריאומפירט:

— נו, איצט זעסטו שוין!?

גלייך ווי ער וואָלט שוין געהאַט אַלע באַווייזן קעגן מיר. ער איז אַרויסגעלאָפן מיט כעס פון צימער און מיין בעל הבית איז אים נאָכ־געלאָפן. דערביי האָט מיין מייסטער צו מיר אַ געשריי געטאָן:

— אַרויס פון דאַנעט, דו צלם־קאָפּ!

איך האָב גענומען אַרויסגיין, אַ דערשראָקענער פון מיין אייגענער

חוצפה. זעענדיק, אַז איך האָב דאָ פאַרלוירן, בין איך פאַרבייגעגאַנגען זיין געלן שוואָגער און אים הפקרדיק אַ זאָג געגעבן:

— איצט וועט איר זען וואָס אַ צלם־קאָפּ קען איך אָפּטאָן!

און ניט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער, האָב איך זיך אַ לאָז געטאָן צום פאַבריקל, וואו איך האָב געהאַלטן מיינע פּאָר שמאַטעס. מיין בעל־הביתטע האָט זיך אָבער שטאַרק דערשראָקן פאַר מיין דראָאונג. זי האָט מיר דערפאַר פאַרשטעלט דעם וועג:

— וואָס ווילסטו טון, סוכער? דיין ברודער איז דאָך אַ קבצן...

זי האָט מיך אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט און אַרויסגעריסן דאָס פּעקעלע פון מיין האַנט:

— דו וועסט דאָ בלייבן.

דער כעס האָט ביי מיר נאָכגעלאָזט: טאַקע אַזוי, וואוהין קען איך דען גיין? בין איך אפילו דאַנקבאַר געווען דער בעל־הביתטע דערויף, וואָס זי האַלט מיך צוריק. זי האָט מיך באַלד אַריינגענומען אין קיך און מיר דערלאַנגט עסן און צום ערשטן מאָל האָט זי פאַר מיר אַוועקגעשטעלט אַ גאַנץ פלעשל קוואַס. די באָבעשי האָט אַפילו אונטערגעברומט:

— נאָך קוואַס קומט אים דערפאַר...

אָבער קיינער האָט זי נישט געהערט. איך האָב זיך צוגעכאַפּט צום עסן און די בעל הביתטע איז אַרויס אויף אַ וויילע. דערנאָך איז זי צוריקגעקומען מיטן מייסטער און ער, ווי קיינמאָל גאָרנישט, האָט מיך געשיקט אַ גאַנג. דאָס האָט ער געוואָלט דערמיט באַשטעטיקן, אַז צווישן אונז איז צוריק שלום.

נאָך דעם דאָזיקן אינצידענט האָב איך דערפילט אויף זיך אַ ביישע הויט. איך האָב זיך אַריינגעוואָרפן אינעם לייענען ביכער און עס האָט מיך נאָכמער גענומען ציען צו באַשען. זי האָט צו מיר גערעדט צאַרט און קלאָר וועגן דער אַרבעטער־לאַגע און איצט האָב איך גוט פאַרשטאַנען וואָס זי וויל. איינמאָל האָט זי מיך אפילו פשוט אַ פרעג געטאָן:

— פאַרוואָס ברענגסטו נישט די אַנדערע לערן־איינגלעך? דורך

די אינגלעך וועלן מיר אָרגאַניזירן אַ פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין פון פּאַס־קע־מאַכער.

און באַשען איז נישט מעגלעך געווען אָפּצוזאָגן. איך האָב איר צו־געזאָגט מיטצוברענגען די אַנדערע. דאָס איז אָבער נישט געווען קיין לייכטע זאַך. סיי משה גאָפּ און סיי דאָס אַנדערע לערן־אינגל האָבן געהאַט גאָר אַנדערע אַמביציעס. נאָר איך האָב אין משהן אַזוי לאַנג אַריינגערעדט, ביז ער האָט מסכים געווען מיטצוגיין. דאַסמאָל האָבן מיר שוין געטראָפן ביי באַשען אַ גאַנצע גרופּע פון 10־15 אינגלעך, פאַר וועלכע זי האָט גערעדט וועגן דער „לאַגע פון די אַרבעטער".

די פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען ביי אַ מלמד אין חדר. ווען די מלמדקע האָט אונטערגעהערט וועגן וואָס מען רעדט איז זי געוואָרן דערשראָקן. עס האָט געהאַלטן דערביי, אַז זי זאָל אַרויסוואַרפן באַשען פון דער דירה און באַשע האָט געמוזט צוזאָגן, אַז זי וועט מער נישט אַגיטירן קיינעם. דערפאַר האָט דער מלמד מיטן ווייב איר דערלויבט צו לערנען די אינגלעך שרייבן און אַזוי אַרום האָבן די פאַרזאַמלונגען ווייטער אָנגעהאַלטן.

אין פאַבריק האָט מען דערוויל באַמערקט, אַז איך בין ערגעצוואו אַ גאַנצער מאַכער. מ'האָט אָנגעהויבן שפּירן אַ מורא פאַר מיר, גע־מישט מיט דרך ארץ. אפילו די באַבעשי האָט מורא געהאַט צו שעלטן מיך אין די אויגן. וואָס זי האָט געקענט זאָגן הינטער מיינע אויגן, האָב איך זיך אַליין פאָרגעשטעלט. נאָר באַשע האָט מיך שוין אויסגעלערנט די תורה פון „קאָנספּיראַציע" און איך האָב זיך געהיטן מען זאָל אין מיר גאָרנישט דערקענען. טיילמאָל אָבער האָב איך נישט געקענט באַהאַלטן מיין גאווה און באַוויזן, אַז איך ווייס מער פאַר אַלעמען וואָס מען הערט אין אַנדערע פאַבריקלעך און וואו מען גרייט זיך צו שטרייקן. דאָס האָט מיין מייסטער שטאַרק אויפגערעגט, אָבער ער האָט געהאַלטן פאַר גלייכער צו שווייגן. אין יענע צייטן האָט ער זיך שוין גענומען קליידן האַלב־„דייטש" און געוואָלט שפּילן דעם גרויסן מייסטער אינם פאַך. אַ שטרייק האָט געקענט מאַכן אַ סוף צו אַלע זיינע חלומות.

עס האָט אים אָבער נישט אויסגעמיטן. איינמאָל, אין אַ ווינטער־

טאָג האָבן זיך פּלוצים באַוויזן אין פאַבריק צוויי הויכע יונגען אין שוואַר־צע בלוזעס און מיט שטעקנס אין די הענט. זיי זיינען צוגעגאַנגען צום בעל הבית און קורץ געמאָלדן:

— די אָרגאַניזאַציע רופט אייערע „מענטשן!"

וועלכע „אָרגאַניזאַציע"? וואָס דאַרף זי? דאָס האָט ער נישט גע־פרעגט און זיי וואָלטן עס אים סיווי נישט געזאָגט. זיי האָבן דער־נאָך בלויז געפאָכעט מיט די שטעקנס אין דער זייט פון די אַרבעטער און באַפעלעריש גערופן:

— קימץ!

דער מייסטער האָט זיך אַביסל אויסגעניכטערט פון דער שרעק. קיינער האָט זיך נישט גערירט פון אָרט און דאָס האָט אים דערמוטיקט:

— וואָס הייסט, איר רופט? און אַז זיי ווילן נישט גיין? וואוהין?

די יונגען האָבן גאָרנישט געענטפערט, נאָר גענומען האַרבער קלאַפּן מיט די שטעקנס אין דער פאַדלאָגע:

— קימץ מיט, זאָגט מען אייך! קומט!

די אַרבעטער האָבן זיך דערשראָקן און אָנגעהויבן כאַפּן זייערע רעקלעך... די צוויי יונגען האָבן באַמערקט, אַז דריי פון דער חברה רירן זיך ווייטער נישט פונעם אָרט און זיי האָבן זיך צעיאַכמערט:

— געגאַנגען זאָל ווערן!

די בעל הביתטע האָט זיך אַריינגעמישט:

— דאָס זיינען ניט קיין מענטשן, בלויז לערן־אינגלעך...

די צוויי חברה־לייט האָבן זיך פאַרלוירן. מען האָט זיי געהייסן אַרויסנעמען די אַרבעטער און זיי האָבן אַליין נישט געוואוסט, אויב לערן־יונגען הייסן אויך אַרבעטער. אָבער צוליב פּרעסטיזש האָבן זיי אונז צוגעוואָרפן:

— עץ וועט אַראָפּקומען שפּעטער...

ווי נאָר די יונגען מיט די געזעלנס זיינען אַוועק, האָט דער מייסטער מיד צוגערופן צום טיש און חניפהדיק אַ זאָג געטאָן:

— איצט ווערסטו געזעלן...

ער האָט צוגעשניטן די געצייכנטע מוסטערן און איך בין פּלוצים

גרויס געוואָרן ביי זיך אַליין: ענדלעך בין איך אויס לערן־יונג! און איך האָב געאַרבעט מיט אימפּעט ביז ביינאַכט. ערשט גאָר שפּעט ביי־נאַכט בין איך אַוועק געוואויר ווערן וואָס מען הערט און איך האָב זיך דערוואוסט, אַז אויך די לערן־אינגלעך האָבן געדאַרפט מיטגיין, נאָר די צווייִ חברה־לייט האָבן דאָס נישט געוואוסט. מאָרגן אין דער פרי וועט מען קומען און אויך אונז אַרונטערנעמען פון דער אַרבעט. באַלד אין דער פרי האָבן זיך טאַקע באַוויזן עטלעכע ביי־ע אַרבעטער און אונז אַרונטערגערופן. מיין מייסטער האָט זיך מיט זיי שטאַרק געאַמפּערט, אָבער עס האָט אים נישט געהאָלפן. מיר האָבן געמוזט גיין מיט זיי.

מען האָט אונז געפירט אויף דער בירזשע און די לערן־אינגלעך האָבן מיטאַמאָל דערזען, אַז איך פיל זיך דאָרט היימיש. דער „פּאַר־שטייער" האָט מיך אפילו פאַרגעלייגט, אַז איך זאָל זיין דער, וואָס גיט איבער דעם מייסטער זייערע פאָדערונגען. אפילו די געזעלנס האָבן מסכים געווען, אַז איך זאָל זיין זייער פאַרשפּרעכער... איך האָב גאָר שטאַרק נישט געוואָלט נעמען אויף זיך דעם גאַנצן עסק, אָבער דאָ איז אויסגעוואַקסן באַשקע און איר האָב איך נישט געקענט אָפּזאָגן.

די פאָדערונגען זיינען אויפגעשריבן געוואָרן אויף אַ פּאַפּיר און איך האָב עס געדאַרפט דערלאַנגען צו מיין מייסטער. דאָרט זיינען געווען גאָר „האַרבע" באַדינגונגען: די געזעלן דאַרפן נאָר אַרבעטן 10־11 שעה טעגלעך; דער לוין טאָר נישט זיין ווינציקער פון זיבן רובל אַ וואָך און זיי דאַרפן גוט באַהאַנדלט ווערן; דער מייסטער טאָר זיי מער נישט שלאָגן און נישט זידלען...

ווען איך בין אַרויפגעקומען צו מיין מייסטער מיטן פּאַפּירל, איז דאָרט געווען תשעה־באָב: ער האָט זיך גאָרנישט געקענט צוגלויבן, אַז ער דאַרף אונטערהאַנדלען מיט מיר, אַ פּשוטן לערן־יונג. איך האָב אים נאָך קיינמאָל נישט געהערט אַזוי ווילד שרייען פון כעס און באַליי־דיקונג. אויך די בעל־הביתטע האָט זיך אַריינגעמישט און מיר געגער־מען זאָגן מוסר: אַזוי צאָלט מען אָפּ פאַר גוטס מיט שטיינער? אָבער איך בין שוין געוואָרן שיכור פון מיין מאַכט און דערפאַר איר שנעל אָפּגעענטפערט:

— איצט פרעגט מען נישט ביי קיין מייסטראָוועס! דאָ דאַרף ענטפערן דער בעל הבית און נישט זיין ווייב!

דאָס האָט אים אַזוי אויפגערעגט, אַז ער האָט געכאַפּט אַ שווערן אַרבעטס־קלאָץ און אים אַ שטאַרקן שליידער געטאָן — אַזש די ווענט האָבן געציטערט... איך בין ווייטער געשטאַנען אַ רואיקער, ווי נישט מיך מיינט מען עס. הינטער מיר זיינען געשטאַנען די געזעלנס מיט די לערן־אינגלעך און געוואַרט אויף אַן ענטפער. זעענדיק, אַז די געשיכטע ציט זיך לאַנג האָב איך דעם מייסטער נאָכאַמאָל איבערגעפרעגט:

— איר גיט אונז אַן ענטפער אָדער נישט?

און שוין אויף אייגענער האַנט האָב איך צוגעגעבן:

— אויך מיר, די לערן־אינגלעך שטרייקן... מיר ווילן דריי רובל אַ וואָך!

אַלע בזיונות פון דער גאַנצער צייט זיינען מיר אויפגעקומען אין זכרון און איך האָב זיך פלוצים דערפילט ווי אַ פאַרביטערטער גענעראַל, וואָס פירט זיינע זעלנער צום שלאַכט מיטן שונא. אַלע רייד וואָס באַשע האָט אין מיר איינגעפלאַנצט זיינען מיר אויפאַמאָל געקומען אויף די ליפּן און איך האָב נישט געדאַרפט זוכן קיין ווערטער. דאָס האָט אויך די אַנדערע אַרבעטער געמאַכט האָפערדיק און זיי האָבן מיר געקוקט אין מויל אַריין ווי זייערס אַ העלד און באַשיצער. אויך דער מייסטער האָט בעסער געהאַלטן פון שוויגן, הגם ער האָט נישט געוואָלט נאָכגעבן די פאָדערונגען. דער שטרייק האָט אָנגעהאַלטן פיר טעג, ביז ער האָט באַשלאָסן, אַז ער וויל זיך זען „מיטן קאָמיטעט". ער וועט שוין וויסן וואָס „אים" צו זאָגן. דריי טעג האָט דערנאָך געדויערט, ביז ער איז אַליין אַוועק זוכן „דעם קאָמיטעט" אויף דער שמאָלער מילע. קיינער האָט אים אָבער גאָרנישט געוואָלט זאָגן און ער האָט געמוזט מסכים זיין צו רעדן מיטן „פאָרשטייער". אָבער איין באַדינג האָט ער געשטעלט דערביי: ער זאָל נישט דאַרפן אונטערהאַנדלען מיט מיר... אויך די אונטערהאַנדלונגען מיטן אַנדערן פאָרשטייער האָבן זיך לאַנג געצויגן. דער מייסטער האָט אַלצדינג געוואָלט נאָכגעבן, מיטן איינעם באַדינג: אַז איך זאָל מער נישט אַרבעטן ביי אים.

דאָ האָב איך זיך באַגעגענט מיט אַ מערקווירדיקן פאַקט: אַלע אַרבעטער פאַר וועלכע איך האָב זיך ארויסגעשטעלט — און אַ דאַנק דעם האָבן זיי אַ סך געוואונען — זיינען תיכף גרייט געווען אים נאָכ־צוגעבן אויף דעם פונקט: ער וויל מיך נישט — דאַרף איך גיין און פאַרטיק... אַבי זיי האָבן זיך זייערס אויסגעפּירט!

ערשט מיין ברודער כאַצקעל האָט זיך דערוואוסט פון דער גאַנצער מעשה און ער איז געקומען בעטן פאַר מיר ביים מייסטער. עס האָט לאַנג נישט געדויערט, ביז ער האָט מסכים געווען מיך ווידער אָנצו־נעמען. נאָר אויפן צווייטן טאָג בין איך צוריקגעקומען אין פאַבריק ווי אַ זיגער: טאַקע צוריק אַ לערן־אינגל, אָבער מיט אַ געהאַלט פון דריי רובל אַ וואָך און מיט עלף שעה אַרבעט טעגלעך — נישט מער! איך האָב דאַן געהאַט גאָר אַ סך נחת. קודם כל האָב איך געהאַט אַ נקמה אין דער באָבעשי: דאָס ערשטע מאָל האָט זי מיך געמוזט פרעגן, וואָס איך וויל עסן און זי אַליין האָט עס מיר געדאַרפט ברענגען! איך דערמאָן זיך אַפילו, אַז איך האָב אין יענעם גרויסן טאָג פאַרלאַנגט אַן עק פון אַ הערינג פאַר אַ גראָשן, דריי גרויסע און ברוינע זעמל — און דער־צו: אַ פלעשל... קוואַס! איר באַליבטער קוואַס אין אַ געוויינטלעכן, וואָכעדיקן טאָג!... איך האָב אַפילו קיין געלט נישט געהאַט צו באַפרי־דיקן מיין תאווה — אָבער דאָ האָט שוין דער מייסטער אַרויסגעוויזן זיין גרויסמוט און אויסגעלייגט פאַר מיר...

אַזאַ וויכטיקער טאָג אין מיין לעבן לאָזט זיך גאָרנישט פאַרגעסן.

איך בין אַ געזעלן!

עס איז זיך נישט פאַרצושטעלן די שמחה פון אַ לערן־אינגל אין דעם טאָג ווען ער ווערט פּלוצים אַ געזעלן. דערצו נאָך איז עס ביי מיר געקומען „פאַר דער צייט״. דאָס איז ביי מיר געווען דער סימבאָל, ווי גוט עס איז ווען מען „קעמפט״. די גרענעץ צווישן לערן־יונג און געזעלן איז ביי מיר געוואָרן יענע מינוט, ווען די באַבעשי האָט מיך געפרעגט וואָס איך וויל עסן... אָבער דעם אמתן טעם פון זיין אַ געזעלן האָב איך ערשט דערפילט ווען עס איז געקומען זעקס אַזייגער פאַרנאַכט. איך האָב אַוועקגעלייגט די אַרבעט גלייך מיט אַלעמען און איך האָב זיך פּשוט געשעמט פאַר זיך אַליין — אַזויווי איך וואָלט דאָ עמעצן מוראדיק באַ׳עוולה׳ט. נאָך אַ גליק וואָס דער מייסטער איז דערביי נישט געווען און איך האָב אים נישט געדאַרפט קוקן אין די אויגן אַריין... אַז נישט, ווער ווייסט, אויב איך וואָלט געהאַט מוט דערצו...

מיט דער צייט האָב איך זיך אָבער איינגעלעבט אין מיין נייער סי־טואַציע. דער שטרייק האָט בכלל אַריינגעבערענגט אַן אַנדער לופט אין פאַבריק. אפילו משה גאָפּ מיטן אַנדערן לערן־יונג זיינען מיר דאַנקבאַר געווען פאַרן אויסבעסערן זייער לאַגע. אויך זיי האָבן פּלוצים דער־פילט, אַז מענטשן זיינען נישט אַליין און אַז מען גייט האַנט אין האַנט מיט אַנדערע — איז אַ מחיה...

די ערשטע פאַר חדשים בין איך פּשוט אַרומגעגאַנגען אַ צעטראָ־גענער פון גרויס שמחה און זיך געהאַלטן אין איין איבערצייגן וואָס איך בין אַזוינס: אַ געזעלן! אַ געזעלן!!! דער מייסטער מיטן וויב האָבן זיך אויסגעלערנט מיר זאָגן „גוט מאָרגן״ און אַ „גוטע נאַכט״ — אַזויווי מען פירט זיך מיט לייטישע מענטשן. עטלעכע מאָל האָט ער זיך אפילו מיט מיר מיישב געווען וועגן נייע לערן־אינגלעך און פאַבריקס־ענינים... ווער קען צו מיר זיך פאַרגלייכן?

איין זאַך האָט מיך בלויז באַאומרואיקט: די היים... עס האָט זיך מיר שרעקלעך געוואָלט, אַז דער טאַטע זאָל מיך זען אין מיין נייער הויט... איך האָב אים אַפילו אָנגעשריבן אַ לאַנגן און מליצהדיקן בריוו, וואו איך האָב אים אויספירלעך באַשריבן מיין גרויסע גדולה — אַט פּונקט ווי יוסף הצדיק האָט עס געלאָזט וויסן זיין פאָטער יעקב אָבינו פון מצרים... איך האָב זיך אַפילו געוואָגט אים צו שרייבן אַז „די קינדער וואָלטן זיכער אויסגעוואָקסן מער לייט, ווען מען וואָלט זיי אַנדערש מדריך געווען...״ עס האָט מיך אויך געפייניקט דער געדאַנק וועגן חוה׳ן און איך האָב אים געשריבן, אַז מען טאָר נישט נעמען אַזאַ קינד און עס אַריינגעבן אין פרעמדע הייזער.

איך האָב זיך פאָרגעשטעלט, אַז דער טאַטע וועט אין כעס ווערן און ער וועט גאָרנישט ענטפערן. אָבער ער האָט גאָר אָנגעשריבן אַ לאַנגן בריוו פול מיט משלים פון דער תורה. איך בין ביי אים גליך געווען טאַקע צו יוסף הצדיק, וואָס איז פאַרקויפט געוואָרן קיין מצרים פאַר אַ קנעכט און צום סוף איז ער גאָר געוואָרן שני למלך. אָבער יוסף האָט אַפילו אין זיין גדולה נישט פאַרגעסן אין זיין אידישקייט — און דאָס דאַרף איך אויך געדענקען. וואָס שייך חוה׳ן האָט ער מיך געהייסן זיין רואיק. זי האָט אַ טאַטן מיט אַ מאַמען, ברוך השם, און זיי מיינען חלילה נים איר רעה. אגב, ווערט זי שוין אַ נייטאָרן — זי איז אַ לערן מיידל ביי אַ גוטער שניידערן. עס איז געווען אַ בריוו פון אַן עקשן, ביי וועלכן דאָס האַרציקע געפיל האָט זיך פאָרט געריסן פון יעדער שורה. ער האָט שוין פאַרשטאַנען, אַז מיט דערוואַקסענע קינדער דאַרף מען אומגיין אַנדערש. מען דאַרף זיי אויפקלערן וואָס מען מיינט און עס איז נישט גענוג צו זיין שטרענג. דאָס ערשטע מאָל, אגב, וואָס ער האָט דעם בריוו געשריבן אויף אַ שיינעם בויגן פּאַפּיר און נישט אויף קיין צופעליקע שטיקלעך מיט ברעקלעך.

אויך צו חנא שליפערס משפחה האָב איך געשריבן וועגן מיין גדולה, אָבער שוין מיט אַ באַהאַלטענער כוונה: רחל לאה...

ווי הימיש מיר זיינען נישט געווען, האָבן זיי זיך אָבער פאָרט גערעכנט פאַר בעל־הביתישע מענטשן... און אַז רחל לאה איז אונ־

טערגעוואָקסן, האָט זי מיך כמעט אויפגעהערט צו דערקענען אין גאַס. איך האָב עס אָנגענומען פאַר נאַטירלעך, בפרט ווען איך בין געווען אַזוי שטאַרק דערשלאָגן און עלנט. אָבער אין חלום האָב איך אַלעמאָל געזען דאָס גרויסע גליק: וויאַזוי איך און זי גייען שפּאַצירן צוזאַמען... האָבן מיינע איצטיקע בריוו צו די שלייפערס געפּרואווט באַהאַלטענערהייט זיך אומקערן צו מיין אַמאָליקן חלום. קיין נאַרישע מענטשן זיינען זיי נישט געווען און ווי שטאַרק איך האָב זיך דערמיט נישט אויסבאַהאַלטן, האָבן זיי, זעט אויס, געכאַפּט מיין כוונה. והראיה: די ערשטע וואָס האָט מיר געענטפערט איז געווען רחל לאה. זי האָט זיך געפרייט מיט מיין וואַקסן און מיך געבעטן, אַז איך זאָל זיך נעמען לערנען. דאָס וועט מיך דערנענטערן צו דער העכערער געזעלשאַפט. זי האָט מיר אויך געשריבן, אַז זי בענקט צו דער גרויסער וועלט, נאָר זי ווייסט נישט וואוהין זי וויל און וויאַזוי זי וועט אַהין קומען...

אין די אָוונטן האָב איך מיט נאָך עטלעכע אַרבעטער גענומען קורסן. איך האָב אָנגעהויבן לייענען יעדן טאָג די אידישע און פּוילישע צייטונגען. דערצו האָב איך זיך פאַרשריבן אין „לידסקיס ביבליאָטעק" וואו עס האָט מיך געקאָסט צען גראָשן אַ וואָך און איך האָב ממש געשלונגען די ביכער אָן אַ סיסטעם. אַביסל האָט מיר אַרויסגעהאָלפן מיין רוסישער לערער, אַ קריפּל פון דער נאַטור, וואָס איז אויסער אַלעם געוואָרן מיינס אַ גוטער חבר. בכדי צו פאַרגלייכן זיך מיט אַנדערע געזעלנס, בין איך אפילו שבת פאַרטאָג געגאַנגען אויף „מאַיוווקע" אונטערן שטאָט און קיין גליקלעכער פאַר מיר איז אין יענער צייט גאָרנישט בנמצא געווען.

שבת האָב איך נאָך אַלץ געגעסן ביים מייסטער, אָבער אין שטיבל אַריין בין איך שוין נישט געגאַנגען דאַווענען מיט אים. ביים עסן האָב איך שוין באַקומען אַ גאַנץ פלעשל קוואַס און דאָס האָט מיך צום צוויפלסטן מאָל דערמאַנט אין מיין גרויסן גליק: איך בין אַ געזעלן!

מיינע חברים

צווישן דער אידישער יוגנט אין וואַרשע אָדער אין לאָמזשע האָט דער באַגריף „פריינט" געהאַט גאָר אַ באַזונדער באַדייטונג. נישט געוועזן קיין אינגל וואָס זאָל נישט האָבן עטלעכע באַקאַנטע מיידלעך, וואָס מען האָט באַצייכנט ווי „קאַלעזשאַנקעס" און די מיידלעך האָבן גערעכנט זייערע אינגלעך ווי „פריינט". פאַר אַזעלכע האָט מען זיך נישט צופיל געהיט מיט סודות און מען האָט מיט זיי פאַרברענגט די גאַנצע, פרייע צייט. אפילו די קינדערס עלטערן האָבן אויף דעם געקוקט ווי אויף אַ נאַטירלעכער זאַך, ביז צו דער חתונה. אָבער אַזוי זיך „פריינטלען" ווי אין וואַרשע, דוכט זיך מיר, האָב איך אין ערגעץ נישט געזען.

פון אַזעלכע מינים פריינט האָב איך ביז דאַן נישט געוואוסט. אין לאָמזשע בין איך געווען אַ פאַרפאַלגט באַשעפעניש און נישט געקענט טראַכטן פון אַזעלכע אידעלע זאַכן. בלויז אין „תפארת בחורים" האָט זיך צו מיר צוגעקלעפּט דעם שמש'ס בחור; אָבער ער איז שפּעטער גע־וואָרן אַ לערן־אינגל ביי אַ גאַרבער און מיר זיינען צוריק פרעמד גע־וואָרן צווישן זיך. שפּעטער האָב איך זיך אַביסל געחברט מיט ישעיה'ן, מיין שוועגערינס אַ ברודער, ווייל ער האָט צו מיר געהאַט מער געדולד ווי אַנדערע. אָבער דערנאָך בין איך געווען איינזאַם און פשוט נישט געהאַט קיין ברעקל טאַלענט צו מאַכן זיך חברים. אויך אין וואַרשע האָט זיך אַנגעהויבן מיטן זעלבן. דער איינציקער, וועמען איך האָב לייכט געקענט מאַכן פאַר מיין חבר איז געווען משה גאַפּ. ער איז אָבער געווען צופיל נאַריש. אים האָט מען געקענט איינשמועסן אַז „ברויט וואַקסט אין געוועלב", אַזויווי אַ סך וואַרשאווער אינגלעך, וואָס האָבן נישט געוואוסט מיט וואָס דאָס פעלד שמעקט. אַפילו די בירזשע האָט פאַר מיר נישט געקענט ווערן קיין אינטימער ענין. איך פלעג קומען

אהין עטלעכע מאָל אַ וואָך, באַקומען מיין אַגיטאַציע און אַוועקגיין. ערשט מיטן ווערן אַ געזעלן האָב איך געהאַט מער צייט און מער געדולד.

אויף פּאַווע גאַס האָט געוואוינט אַן אלמנה מיט עטלעכע קינדער, אינגלעך און מיידלעך. זי אַליין איז געווען אַ ליטוואַטשקע, אָבער די קינדער זיינען שוין געווען געבוירענע וואַרשאַווער — און זייער קלוגע.

מיט איינעם פון די אינגערע אינגלעך האָב איך זיך באַקענט און בין באַלד געוואָרן צוגעזאָטן צו אים. אַ קליינער און שוואַרצלעכער, האָט ער פאַרמאָגט אַ פייערדיקע נאַטור. ער איז געווען נערוועז און אומרואיק סיי אין זיין רעדן סיי אין זיין גאַנג. ער האָט אַלעמאָל גיכער געשריגן ווי גערעדט און דערמיט איז ער געווען דער היפּוך פון זיין ברודער. יענער איז שוין געווען אַ שטיל־ערנסטער און באַטראַכטער און האָט בעיקר ליב געהאַט צו זיין צווישן פרויען. ביידע האָבן זיך מיט מיר באַקאַנט, אָבער מיך האָט געצויגן צום אינגערן — משהלען. איך האָב זיי געטראָפן ביי מיין ברודערס אַ פריינט, וואוהין זיי האָבן זיך אַריינגעצויגן. ביסלעכווייז האָב איך זיך גענומען איינהערן אין משהלעס רייד און עס איז מיר אפילו קלאָר געוואָרן, אַז דאָס וויל ער מיך אַריינציִען אין „בונד״. אָבער וואָס אַזוינס דער „בונד״ וויל אייגנטלעך, האָב איך נישט געקענט וויסן גענוי. דאָס איינציקע וואָס האָט מיך אינטערעסירט אינעם „בונד״ זיינען געווען זיינע אַגיטאַטאָרן. עפּעס האָבן זיי גערעדט מער מענטשלעך און מען האָט געקענט פאַרשטיין וואָס זיי זאָגן.

אין יענער צייט ווען משהלע האָט מיך געוואָלט אַריינפירן אין „בונד״ האָט זיך צו זיי אויך אַריינגעצויגן אַ יונגער סטעמפּלמאַכער פון נאַווארעדאָק. ער איז געווען אַ זון פון אַ רוסישן לערער און זייער אינ־טעליגענט. דאָס דאָזיקע בחורל, ליפּע, האָט אַלעמאָל נישט מסכים גע־ווען מיט משהלען און ערשט שפּעטער האָב איך געהערט וואָס ער איז אַזוינס: אַ פּועלי־ציוניסט. אָבער מיט משהלען האָט ער זיך סתם גע־שפּאַרט וועגן דער „נאַציאָנאַלער פראַגע״. עפּעס האָבן זיי זיך איינער דעם צווייטן באַוואָרפן מיט שווערע ווערטער:

— קולטורעלע אויטאָנאָמיע...

— נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע...

איך האָב זיי ביידע נישט פאַרשטאַנען, אָבער עס האָט מיך צו זיי געצויגן. משהלע איז מיר שטאַרק געפעלן ווי אַ חבר און ליפע איז מיר געפעלן צוליב זיינע פאַרשטענדלעכע רייד, זיין גרייטקייט מיט מיר צו לייענען און לערנען. דערנאָך האָט זיך אויך אַריינגעצויגן צום מלמד מיינס אַ לאַנדסמאַן, אַ סאָקאָלער בחור, וואָס האָט אָפן צוגעגעבן אַז ער איז אַ פועלי ציוניסט. דאָס איז גאָר געווען אַן אויסטערלישער טיפּ. אַלע האָבן שטאַרק געהאַלטן פון זיין אינטעליגענץ, אָבער ער איז אַלע־מאָל געווען נאַכלעסיק און ניט ריין אין זיין קליידונג. די שיך זיינען ביי אים געווען צעריסן און ס'האָט זיך פון אים כסדר געשפּירט אַ שלעכ־טער ריח. דערפאַר אָבער איז ער פיזיש געווען אַ שטיק גיבור. שפּעטער האָב איך באַמערקט, אַז ביי אַ טייל יונגעלייט פון יענער צייט איז געווען אַן אידעאַל צו גיין אָפּגעריסן און אָפּגעלאָזט. דאָס גאָר האָט געשמעקט מיט אידעאַליזם און פאַרטראַגענער אינטעליגענץ. אָבער ביי אים, מנשהן, איז עס פּשוט געווען אַ פראַגע פון קאַרגשאַפט. אַזעלכע קמצנים ווי ער דאַרף מען זוכן איבער דער וועלט. ער האָט געלעבט מיט דריי קאָפּיקעס אַ טאָג: ער האָט געקויפט ברויט מיט אַ הערינג און נאָר געגעסן ווען דער הונגער האָט פון אים שטיקער געריסן.

דאָך האָבן אַלע פאַר אים געהאַט דרך ארץ. אַפילו משהלע האָט זיך אַלעמאָל פאַרלוירן אין אַ דיסקוסיע מיט מנשהן. צווישן די פיר בחורים און מיר האָט זיך מיט דער צייט איינגעשטעלט אַן אמתע פריינט־שאַפט, הגם נישט יעדער איינער האָט עס אַרויסגעוויזן אויף אַ גלייכן אופן. מיט ליפען בין איך געווען פערזענלעך אויסגעבונדן און אים דער־ציילט אַלע מיינע „סודות". משהלע האָט מיך געצויגן מיט זיינע אידייען, וואָס איך האָב אַמלייכסטן פאַרשטאַנען (אגב, איז ער שפּעטער געוואָרן אַן אָנגעזעענע פיגור אין דער אַמעריקאַנער אַרבעטערשאַפט. דאָס איז געווען מ. רובין, וואָס האָט צוזאַמען מיט יצחק אייזיק הלוי אָנגעפירט מיטן קאַמף קעגן „פּראָטאָקאָל" און געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער

אַנטוויקלונג פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן). דערנאָך איז געקומען משה־לעס ברודער, מאיר. מיט אים בין איך געגאַנגען שפּאַצירן אין זאַקסישן גאָרטן און בכלל ביי אים געלערנט די מענטשלעכע זייט פונעם לעבן. אָבער איך האָב צו אים נישט געהאַט צופיל פאַרטרויען, ווייל עפּעס איז ער פאַר מיר געווען צופיל נאַרמאַל און מענטשלעך. ערשט אויפן לעצטן אָרט איז געשטאַנען מנשה. ביי אים פלעג איך בלויז פרעגן, וואָס איך האָב נישט פאַרשטאַנען און ער האָט מיר געענטפערט מיט הויכע ווערטער.

מנשה איז געווען אַ געבוירענער מתמיד. ער פלעגט קענען אָפּזיצן עטלעכע טעג כסדר איבער אַ בוך, ביז ער האָט עס געענדיקט. ער האָט חשק געהאַט, אַז איך זאָל אויך אַזוי ווערן — אָבער ווער האָט געהאַט כח דערצו?

שפּעטער מיט יאָרן, ווען איך בין שוין געווען אַ פּועלי ציוניסט, האָט מען מיר איבערגעגעבן, אַז מנשה האָט געהאַט גרויס אָנזען אין דער באַוועגונג און מען האָט אויף אים געלייגט גרויסע האָפענונגען. ער איז אָבער אַרעסטירט געוואָרן און מען האָט אים פאַרשיקט קיין סיביר. דאָרט איז ער אַריבער צו דער „איסקראַ” און איך האָב פון אים מער נישט געהערט.

דער מלמד האָט געהאַט איין טאָכטער אין אונזערע יאָרן, אָבער זי האָט אויף אונז געקוקט מיט פאַראַכטונג. נאָר מיר האָבן געלאַכט פון איר היטל. זי איז אונז נישט אָנגעגאַנגען און מיר זיינען געווען גליקלעך מיט אונזער חברשאַפט. שפּעטער מיט יאָרן בין איך שטאָלץ געווען, וואָס יעדער איינער פון דער גרופּע האָט פאַרנומען אַ פּאָזיציע אין לעבן — הגם יעדער איינער אויף זיין אייגענעם שטייגער.

דער פּאָגראָם
אויף
דער אונטערוועלט

דאָס אידישע וואַרשע האָט ניט בלויז געהאַט חסידים און פרייע, מייסטערס און אַרבעטער. אַ צייט האָבן וואַרשעווער אידן אויך שרעקלעך געליטן פון דער אידישער אונטערוועלט, וואָס האָט זיך גע־האַט אירע אייגענע נאַרעס און פאַרשידענע אָפּצווייגן. די דאָזיקע אונ־טערוועלט האָט נישט געמאַכט קיין אונטערשיד צווישן אָרעם און רייך — און געוואָלט פון יעדן איינעם אַרויסציען וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט. גאָר באַזונדערס האָבן זיך צווישן די אַרבעטער־קרייזן אַרויס־געזען די „וואוילע יונגען" און „פּרעטענזיע־גייער". דאָס איז געווען אַ טיפּ אונטערוועלטניקעס וואָס האָבן נישט געהאַט די מינדסטע אנונג דערפון, וואָס מען מיינט מאָראַל — אַפילו אין דעם פּרימיטיווסטן זין.

ווי נאָר אַן אַרבעטער האָט אָנגענומען אַ געוויסע פּאָזיציע אין אַ פאַבריק, האָט אַזאַ פינצטערער פאַרשוין אים אָפּגעוואָרט פרייטיק פאַר־נאַכט און פאַרלאַנגט פון אים „פּרעטענזיע"־געלט. טייל אַרבעטער האָבן אַפילו געמוזט צאָלן דער באַנדע אַ וועכנטלעכן געהאַלט, אויב זיי האָבן געוואָלט זיין זיכער מיטן לעבן. פון אָפּזאָגן האָט גאָר קיין רייד נישט געקענט זיין. זיי האָבן געקענט מאַכן פאַר אַ קאַליקע, אָדער גאָר ממיתן. די אונטערוועלט האָט זיך אַפילו אַריינגעמישט אין פאַמיליע־זאַכן און פאַרלאַנגט אויסקויף־געלט — אויב נישט האָבן זיי געקענט אונטער־גראָבן די ערלעכסטע רעפּוטאַציע.

אַ סך מאָל האָבן זיי אָפּגעוואָרט שפּאַצירנדיקע בחורים און מיידלעך. עפּעס אַ פינצטערער פאַרשוין פלעגט צוקומען צום בחור און פאַרלאַנגט געלט דערפאַר, וואָס ער האָט דעם בחור געפּאַקט שפּאַצירן מיט „זיין

כלה". עס האָט גאָרנישט געהאָלפן און מען האָט זיי געמוזט געבן געלט. אַנדערש האָט קיין שידוך נישט געקענט צושטאַנד קומען. אַפילו די פּאָליציי האָט דאָ גאָרנישט געקענט העלפן, ווייל אויך זי איז געווען מאַכטלאָז קעגן דער באַנדע — און טייל פון די צאַרישע פּאָליציילייט איז אַפילו געווען שותפות מיט דער אונטערוועלט. דער „וואוילער יונג" איז אַ לאַנגע צייט פּשוט געווען דער הערשער אויף די אידישע אונ־טערגעסלעך.

עס זיינען אויך געווען אַנדערע מינים אונטערוועלט־מענטשן, ווי פּאַסקע־שפּילער, באַרויבער — אָבער איך וויל זיך בעיקר אָפּשטעלן אויף דער ראָל פון דער אונטערוועלט בכלל אין דער אויפוואַכונג פון די אידישע אַרבעטער אין וואַרשע. גאַנץ וואַרשע האָט געוואוסט, ווי שטאַרק זיי טיראַניזירן אַלעמען — אָבער קיינער האָט נישט געוואָלט איינשטעלן דאָס לעבן און פאַרטשעפּען מיט דער אונטערוועלט. איך אַליין בין עטלעכע מאָל שיעור געפאַלן אַ קרבן צוליב מיין נאַאיוויטעט און צו מיין גרויס מזל בין איך אָפּגעקומען מיט עטלעכע קלעפּ.

נאָך דעם ווי די שטרייקן־כוואַליע האָט זיך אַריבערגעוואָרפן צו די קליינע פאַבריקלעך, האָבן זיך די מייסטערס דערמאָנט אין דער אונטערוועלט און זי געפּרואווט אַריינציען ווי באַקעמפער פון די אַר־בעטער־פאָדערונגען. די פּאָליציי האָט דערביי געשפּילט אַ טאָפּלטע ראָלע: פון איין זייט האָבן זיי אַליין געוואָלט פּטור ווערן פון דער אונ־טערוועלטישער אַרמיי, אָבער פון דער צווייטער זייט האָט זיי געשמעקט דער ענין פון באַקעמפן שטרייקן דורך אַזעלכע הענט . . .

מיט דער צייט האָבן די שטרייקן אויפגעהערט צו זיין די ספּאָנ־טאַנע זאַך פון די אַרבעטער און זיי האָבן אָנגעהויבן אָרגאַניזירט צו ווערן דורך אָרגאַניזירטע פּאַרטייען — און די אונטערוועלט האָט באַ־קומען פולע הענט מיט אַרבעט ביים באַשיצן די שטרייק־ברעכער. דער־פאַר האָט איינמאָל פאַר אַלעמאָל געמוזט קומען צו אַ צוזאַמענשטויס מיט זיי. עס האָט אויסגעזען, אַז די אונטערוועלט האָט געשפּירט, וועל־כער כח עס וואַקסט אויס קעגן איר און זי האָט זיך געגרייט צו דער לעצטער שלאַכט.

איך דערמאָן זיך נישט גענוי, וויאַזוי עס איז געקומען צו דער דעצידירנדיקער שלאַכט. דוכט זיך, אַז די סיבה איז געווען דאָס, וואָס די „וואוילע יונגען" האָבן ממש צעשניטן דריי אַרבעטער — און דאָס האָט אָנגעפילט מיט צאָרן אַלע אַרבעטער. פון זיך אַליין, אָן אַ ספּעציעלן באַפעל, איז די אַרבעט אָפּגעשטעלט געוואָרן אומעטום וואו עס זיינען געווען אידישע אַרבעטער. איך דערמאָן זיך, וויאַזוי איך האָב ראַפּטום געהערט אַ מעכטיקן „הוראַ!"-אויסגעשריי און איך בין אַראָפּגעלאָפן אין גאָס אַריין.

די גאַסן פּאַווע, דזשיקע און די אַרומיקע עקן זיינען פול געווען מיט אַרבעטער — און אַלע האָבן זיך געצויגן צו דער וויטלעכער נעסט פון דער אידישער אונטערוועלט: אויף קראָכמאַלנע גאַס.

עס האָבן זיך אַרומגעטראָגן קלאַנגען, אַז דער וואַרשעווער פּאָליציי-מייסטער האָט ספּעציעל באַוואָרנט די אונטערוועלט און ער אַליין האָט געוואָלט רואיק צוזען וויאַזוי ביידע פיינטלעכע כוחות וועלן זיך דער-לאַנגען איבער די קעפּ. ווי ווייט דאָס איז אמת געווען, האָב איך נישט געקענט וויסן. אָבער דאָס וואָס די פּאָליציי האָט זיך „נישט געמישט" איז אויסגעקומען גענוג פּאַרדעכטיק. דערפאַר האָט זיך געלאָזט גלויבן, אַז די פּאָליציי האָט דורך דער אונטערוועלט געוואָלט „ליקווידירן די רעוואָלוציע". שפּעטער האָט מען זיך דערציילט, אַז טייל אונטערוועלט-ניקעס האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו באַטייליקן אין דער שלאַכט קעגן די אַרבעטער, אָבער מען האָט זיי געדראָט מיט תפיסה און קאָזאַקן . . . וויפל אמת עס איז געווען אין אַזעלכע קלאַנגען, ווייס איך נישט עד היום — הגם עס איז גאָר אַ סך געשריבן געוואָרן וועגן יענער היס-טאָרישער „שלאַכט".

מען האָט זיך געקענט פאָרשטעלן, אַז עס וועט דאָ זיין אַ שרעקלעכע שחיטה — אָבער קיינער האָט דערפון נישט געוואָלט טראַכטן. ביים אָנהויב פון דער קראָכמאַלנע גאַס איז דווקא יאָ געשטאַנען אַ קאָרדאָן פּאָליציי וואָס האָט נישט געוואָלט אַריינלאָזן די גאַנצע מחנה — אָבער צוביסלעכווייז האָט זי יאָ אַריינגעלאָזט . . . מען האָט זיך אָבער דער-ציילט, אַז די „וואוילע יונגען" וואַרטן אָפּ די פּאַראייניצלטע אַרבעטער

און זיי האָבן שוין אַוועקגעלייגט אַ סך אַרבעטער אויף טויט. די דאָזיקע קלאַנגען זיינען אַלעמאָל שטאַרקער געוואָרן און דאָס האָט ממש אויפגעבראָזט די אַרבעטער־המונים. פּלוצים איז דער פּאָליציי־קאָרדאָן אַדורכגעריסן געוואָרן און קראַכמאַלנע גאַס איז פּשוט פאַרפלייצט געוואָרן פון די אַרבעטער. באַלד זיינען די הויפּט־פירער פון דער אונטערוועלט נעלם געוואָרן און די אַרבעטער האָבן זיך גענומען איינטיילן אין גרופּעס. עס איז דאָן פּשוט געמאַכט געוואָרן אַ פּאָגראָם אויף די אונטערוועלטישע נעסטן, וואו עס איז נאָר געווען אַ שאַנד הויז האָט מען עס דעמאָלירט און די „מיידלעך" האָט מען נאַקעטערהייט אַרויסגעטריבן פון די בעטן: זאָלן זיי גיין און זיך מער נישט אומקערן אַהער! די זעלבע דעמאָלירונג איז אויך אַדורכגעפירט געוואָרן אויף יעדער אָרט, וואו עס איז נאָר געווען אַ חשד אַז די אונטערוועלט האָט דאָרט אַ האַנט.

איך פערזענלעך דערמאָן זיך בעיקר אינעם שאַנדהויז אויף דזשעלנע 7. אַלע האָבן געוואוסט וואָס דאָרט איז. די „מיידלעך" פלעגן אַפילו גאָר אָפט אַרויסגיין שפּאַצירן און אַלע האָבן זיי געקענט. מען האָט זיי אויפגענומען אָן אַ ספּעציעלן האַס אָדער עקל, הגם דאָרט אין הויף האָבן געוואוינט אַ סך לאָקאַטאָרן און דאָס האָט זיי געדאַרפט פאַרדריסן. אָבער מען האָט זיך שוין צוגעוואוינט צום מצב, ווייל די נויט האָט אויפגעשטעלט אַזעלכע הייזלעך אומעטום. אויך אין דעם הויף וואו מיין ברודער האָט געוואוינט, אויף וואָלינסקע גאַס, אין אויבערשטן שטאָק איז געווען אַזאַ מין הויז. דאָס זעלבע אויך אינעם הויף פון „אונזער" מלמד, וואו מיר זיינען זיך צונויפגעקומען. אַלע האָבן שוין דערמיט שלום געמאַכט ווי מיט אַ נאַטירלעכער זאַך. דערצו זיינען אַלע געשיצט געווען פון „וואוילע יונגען" און מען האָט יאָרן לאַנג מורא געהאַט אַרויסצוברענגען אַ וואָרט קעגן דעם.

אָבער בעת די אַרבעטער האָבן יענעם טאָג באַשלאָסן צו פאַרניכטן די נעסטן פון זינד און אונטערוועלט האָט מען מער נישט געהאַט קיין שום איינזען אָדער גלייכגילטיקייט. זיי האָבן אויך געוואוסט כמעט פון יעדן איינעם אַדרעס באַזונדער. די פּאָליציי האָט די אַרבעטער נישט

געשטערט צו פּאָגראָמירן די זינדיקע נעסטן און דאָס האָט נאָך מער גע־גאָסן אייל אויפן פייער. אויף דזשעלנע 7 האָב איך דערזען אַ גרופּע פון אַ 300 אַרבעטער. זיי זיינען אַריין אין הויף און זיך תיכף גענומען ברעכן די שפּיגלען און מעבל פונעם „הייזל״. די צעבראָכענע זאַכן האָבן זיי אַרויסגעשליידערט דורך די אויפגעריסענע פענצטער צוזאַמען מיטן בעט־געוואַנט . . .

איך האָב זיך אַהין אַריינגעריסן צווישן די ערשטע און בין דער־שטוינט געוואָרן פון דער רייכקייט: עס זיינען דאָרט געווען זעקס צימערן מיט באַפּוצטע ווענט, אויסגעבעט אין פּלוש. דערצו האָבן דאָרט געהאָנ־גען בילדער וואָס איך האָב דאָס ערשטע מאָל געזען אין מיין לעבן. בכלל האָב איך דאָס ערשטע מאָל באַטרעטן אַזעלכע רייך־מעבלירטע שטובן און איך האָב פאַרגעסן, צוליב וואָס איך האָב זיך דאָ אַריינגעריסן. בעיקר האָט איך געוואָלט באַטראַכטן, זען וויאַזוי עס זעען אויס רייכע הייזער און אין אַ געוויסן מאָמענט האָב איך אפילו דרך־ארץ געקריגן פאַר דער עשירות. מען האָט מיך אָבער לאַנג נישט געלאָזט אַרומקוקן. איידער איך האָב באַוויזן צו באַטראַכטן אַזאַ מין חפץ, איז עס אַוועקגעריסן געוואָרן און צענדליקער הענט האָבן עס אַרויסגעשליידערט אויפן הויף. איך האָב ראַפּטום דערזען ווי דער גאַנצער הויף איז איינגעהילט אין פּעדערן. דאָס האָט מיך דערשראָקן און איך האָב זיך גענומען צוריק־ציען צום הויף. היות ווי דאָרט איז געווען אַן אָפענער פאַרקאַן צו מיין פאַבריק, האָב איך דאָרט געוואָלט אַדורכקריכן; אָבער דאָ האָב איך געהערט שרעקלעכע געשרייען. איך בין אינסטינקטיוו צוגעלאָפן און געזען וויאַזוי אַ בלאַנקער רעוואָלווער איז צוגעשטעלט געוואָרן צו די שלייפן פונעם סטרוזש. דאָס האָט מען אים געצוואונגען אויסצוגעבן, וואו עס זיינען פאַראַן די קאַסטנס מיט וועש פאַרן „הייזל״. לכתחילה האָט ער זיך געצלמט און געשוואוירן, אַז ער ווייסט פון גאָרנישט. עט־לעכע בלוטיקע קלעפּ האָבן אים אָבער ווייכער געמאַכט. ער האָט אָפּ־געווישט זיינע וואָנסעס פון בלוט מיט אַ נאָז־טיכל און גענומען פירן דעם המון.

באלד האָבן זיך באַוויזן פיר גרויסע קופערטן, וועלכע זיינען גיריק אויפגעריסן געוואָרן. עס האָבן גענומען פליען ליינען, בעטציג, אונטער־קליידלעך און העמדער, העמדער... אָבער פון בעסטן סאָרט! דאָס האָט אָבער אויף קיינעם קיין שום רושם נישט געמאַכט. מען האָט זיי באַלד צעריסן און צעפליקט מיט עקל, ווי דאָס וואָלט געווען שמוץ און נישט קיין ווערטפולע זאַכן. פאַר איין זאַך האָט מען זיך יאָ דערשראָקן אַ ווייל. פון עפּעס אַ קופערט האָט מען אַרויסגעשלעפּט אַ וואונדערלעכן וועק־זייגער, וואָס האָט אויף אַלעמען געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. דאָס איז געווען אַ קונסט־ווערק און מען האָט געלאָזט, אַז יעדער פונעם עולם זאָל אים באַטראַכטן. ערשט גאָר צולעצט האָט איינער פון עולם גענומען דאָס קונסטשטיק און עס אַ שלידער געטאָן אויפן ברוק. באַלד איז דער זייגער צעשמעטערט געוואָרן אויף פיצלעך.

די אמתע מהומה האָט זיך ערשט געמאַכט ווען מען האָט אויפ־געריסן דעם סאַמען לעצטן קאַסטן: ער איז פול געווען מיט געלט... עס האָבן גענומען שימערן פאַר די אויגן זילבערנע מטבעות און די גאַנצע מאַסע איז ראַפּטום ווילד געוואָרן — עפּעס אַזוי ווי אויף אַ ספּעציעלן באַפעל. איך געדענק שוין נישט וויאַזוי פון דער צעווילדעווע־טער מאַסע האָבן זיך אַרויסגעשיילט עטלעכע קאָנטראָלערן און פאַר־וואָס די מאַסע האָט זיי געלאָזט דאָס ווערן. עס איז געבליבן, אַז מען לאָזט יעדן איינעם בלויז נעמען איינמאָל אַ פולן הויפן. איך האָב זיך גע־שטעלט אין דער ריי ווי אַ לונאַטיקער און דער צויבער פונם גוזעענעם מטמון האָט מיר געבויערט אין די געהירן: געוואַלט, ווען וועל איך שוין דאָרט אַריינשטעקן די הענט!

דערנאָך האָב איך שוין בכלל גאָרנישט געטראַכט, נאָר געלאָזט זיך שטויסן פונעם המון נעענטער און נאָך נעענטער צום כישופדיקן קאַסטן...

פּלוצים האָב איך געהערט אַ ווילדן געשריי איבער מיין קאָפּ:

— וואָס גאַפּיעסטו זיך!? שטעק שוין אַמאָל אַריין די האַנט!

איך האָב ווי אַ היפּנאָטיזירטער אַריינגעשטעקט די האַנט און דער־

שפירט דאָס קילע זילבער באַרירן מיינע פינגער. עפּעס אַ בושה־געפיל איז מיך פלוצים באַפאַלן און איך האָב געוואָלט אַרויסכאַפּן צו־ריק די האַנט, אָבער פון גרויסער האַסטיקייט האָב איך זיך פאַרטשע־פּעט מיט דער האַנט אין אַן אינעווייניקסטן טשוואָק — און די האַנט איז מיר אויפגעריסן געוואָרן פּונקט אויפן אָרט פון אַן אָדער... דאָס בלוט האָט אַ פליִיץ געטאָן און פאַרגאָסן די זינדיקע מטבעות. עמעצער האָט מיך אונטערגעכאַפּט און עטלעכע הענט האָבן מיך גענומען באַנ־דאַזשירן מיט שטיקער פון דער זיידענער וועש וואָס האָט זיך דאָרט געוואַלגערט...

איך האָב זיך שוין געוואָלט אָפּטראָגן, ווייל דער חשק צום געלט איז מיר שוין לאַנג פאַרגאַנגען. אָבער איינער פון עולם, אַ יונגער בחור, האָט מיך נישט געלאָזט באַ׳עוולהן. ער אַליין האָט אַרויסגענומען אַ פולן הויפן מיט די זילבערנע פערציקערס און מיר אַריינגעשאָטן אין קעשענע. גלייך נאָכדעם איז עפּעס געקומען אַ פאַרשווין און פאַר זיך אָנגעשאָטן צוויי זעקעלעך מיט געלט. מען האָט געזאָגט, אַז ער איז אַ „פאַרשטייער" און אַלע האָבן עס געהאַלטן פאַר נאַטירלעך.

דערנאָך בין איך אַוועק מיט אַ שווער האַרץ און מיטאַמאָל פאַרשטאַ־נען, וויאַזוי מען קען רייך ווערן דורך אַ רעוואָלוציע... איך האָב עס דערנאָך דערציילט מיינע ברידער כאַצקלען און ראובנען. זיי האָבן זיך שרעקלעך דערשראָקן און מיך תיכף געהייסן גיין אָפּטראָגן דאָס געלט. אָבער וועמען זאָל איך עס אָפּטראָגן און וועמען זאָל איך עס געבן? באַזונדערס האָב איך זיך מורא געהאַט דאָרט צו ווייזן. דערפאַר האָב איך זיך מיט די פאַר רובל אַרומגעטראָגן אַ לאַנגע צייט, ביז די אימה פאַרן טריפהנעם געלט האָט ביי מיר נאָכגעלאָזט. איך האָב זיך פאַרן געלט שפּעטער געקויפט אַ פּאַצעטישן אנצוג און עטלעכע רובל זיינען ביי מיר געבליבן פאַר אַן עת צרה...

סיִיוּוי איז דער רעוואָלט פון די אַרבעטער געקרוינט געוואָרן מיט נצחון. די אַרבעטער־בירזשע האָט גענומען שפּילן אַ גרויסע ראָלע אויף דער אידישער גאַס.

אין „בונד"

מיין געהערן צום יונגן „בונד" איז ניט געווען קיין פּאַרט־ענין. פאַר די אידישע אַרבעטער פון יענער צייט האָט דער „בונד" אָנ־געהויבן ווערן אַ נאַטירלעכע זאַך, אַ טייל פון דער זעלבסטפאַרשטענד־לעכקייט איבער וועלכע מען דאַרף גאַרנישט דיסקוטירן. דער „בונד" איז געווען אַן ענין פאַר די מאַסן און דערצו האָט געלאָקט זיין גע־היימניספולע גבורה. עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די גאַנצע וועלט מיט אַרבעטער שטייט הינטער זיינע פּלייצעס. דערצו איז פּשוט געוואָרן אַ בושה פאַר אונזערס־גאַל אינגלעך און מיידלעך נישט צו געהערן צו אַ פּאַרטיי און די גאַנצע געזעלשאַפטלעכקייט פון די אַרבעטער האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום דער בירזשע. דורך דער פּאַרטיי האָט דער אַר־בעטער געהאַט דעם איינציקן וועגן צו אַביסל קולטור און בילדונג, וואָס זיין עלנטע יוגנט האָט אים נישט געקענט געבן — און דערצו נאָך האָט זי אים אַ סך פאַרגרינגערט זיין לעבן ביי דער אַרבעט; אַרויס־געהויבן זיין מענטשלעכע ווירדע. ווער שמועסט, נאָך דעם נצחון איבער דער אונטערוועלט. אַ סך שאַנטאַזשיסטן האָבן זיך אָפּגעטראָגן אויף אַ שטיק צייט פון ווארשע און דאָס איז געווען ווי אַ מין פאַרשפּיל צום נצחון וואָס מען וועט אָפּהאַלטן אויך איבער די גרעסערע טיראַנען...

בקיצור: איך האָב געהאַט גענוג וואָס צו זוכן ביים „בונד". איצט האָב איך שוין אויך געוואוסט, אַז דאָס האָט דער „בונד" מיר אויסגע־קעמפט די פּאָזיציע פון אַ געזעלן אנשטאט אַ לערן־אינגל. אַ דאַנק אים בין איך אויך פון אַ אינגל מיט אַביסל ידיעות אין תנ"ך געוואָרן אַ גאַנ־צער קענער אין פאַרשידענע זאַכן. דערצו האָט מיך אויך אימפּאָנירט וואָס דער „בונד" געווינט אַזויפיל געזעלשאַפטלעכן אָנזען: ער האָט ביסלעכווייז איבערגענומען די פונקציעס פון די רבנים. אויב עמע־צער האָט נאָר געהאַט אַ קריוודע: אַ בעל הבית האָט אַרויסגעוואָרפן זיין

לאַקאַטאַר, אַ בעל־הביתטע האָט באַליידיקט איר דינסט, אַ מייסטער האָט באַליידיקט זיין אַרבעטער אָדער צוויי אידן האָבן זיך סתם צעקריגט — ביי אַלע פאַלן איז מען געלאָפן אויף דער בירזשע זיך אויסגלייכן. דאָס וואָרט פון דער פּאַרטיי איז געוואָרן געזעץ...

איך דערמאָן זיך אַזאַ פאַל: אַ מיידל איז געקומען אויף דער בירזשע און דערציילט פאַר מיינס אַ חבר — אַ „פאַרשטייער" — אַזאַ מין מעשה: איר פאָטער איז מיט דריי טעג צוריק געשטאָרבן און מען האָט ביי זיי אין שטוב געמאַכט אַ מנין צום דאַווענען. נאָך די ערשטע פאַר טעג איז נעלם געוואָרן אַ גוט זייגערל, וואָס דער טאַטע האָט אַמאָל געקויפט דער מאַמען אַ מתנה... זיי האָבן דערין חושד געווען אַ שכן, וואָס האָט דאָרט מיטגעדאַוונט.

דער „פאַרשטייער" האָט מיך אַהין דעלעגירט מיט נאָך פיר אַרבעטער... דער איד האָט באַין אופן זיך נישט געוואָלט מודה זיין אין דער גניבה און איינער פון אונזער דעלעגאַציע האָט אים פשוט דערקלערט: טאָמער איז ער זיך נישט מודה, שיסט מען אים אויפן אָרט. באַלד האָט ער טאַקע אַרויסגענומען אַ רעוואָלווער. דער איד האָט באַלד צוגעזאָגט אָפּצוגעבן דעם זייגער, וועלכן ער האָט טאַקע אַרויסגעשלעפּט פון אַ באַהעלטעניש.

אַ צווייטן פאַל געדענק איך מיט אַ דינסטמיידל, וואָס איז פאַרפירט געוואָרן פון איר בעל־הבית׳ס זינדל. זי האָט פאַרלאַנגט, אַז ער זאָל מיט איר חתונה האָבן, אָדער איר געבן אַ געוויסע סומע געלט. דער פאַרשטייער האָט שוין געהאַט אַביסל דערפאַרונג אין אַזעלכע זאַכן און ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו אינטערווענירן. ער האָט געהאַט אַ היפּשן חשד, אַז דאָס מיידל איז אַ שאַנטאַזשיסטין, וואָס געהערט גאָר צו דער אונטערוועלט. אָבער מיר, עטלעכע בחורים, זיינען דערפון נישט נתפעל געוואָרן. מיר זיינען אַוועק אויפן אָנגעוויזענעם אָרט און טאַקע אַרויסבאַקומען פאַר איר אַ געוויסע סומע.

די פּאַרטיי האָט באַקומען מאַכט און דאָס האָט אַזאַ בחור ווי איך גאָר שטאַרק אימפּאָנירט. ביז איצט באַדויער איך נישט דעם פאַקט פון מיין געהערן דאַן צום „בונד". איך האָב דאָרט געקראָגן די ערשטע

געזעלשאַפטלעכע דערפאַרונג. איך האָב אויך אויסגעפונען, אַז דער „בונד" האָט אייגנטלעך אַ געניועם פּראָגראַם מיט וועלכן אַנדערע פּאַרטייען זיינען נישט מסכים. דערפאַר האָב איך זיך אויסגעלערנט אינ־טערעסירן מיטן פּראָגראַם פון אַנדערע פּאַרטייען וואָס „פּאַרפינסטערן די מוחות פון די אַרבעטער־מאַסן", ווי עס איז געווען די לאָזונג אויף דער בונדישער בירזשע.

דערביי דערמאָן איך זיך אַ קאָמישן פאַל:

באַשע האָט מיר איינמאָל צוגעברענגט אַ יונגן אַרבעטער, וועלכן איך האָב געדאַרפט געבן אַן אַגיטאַציע. אָבער ווען איך בין געבליבן מיט אים אַליין, האָב איך באַין אופן נישט געוואוסט פון וואָס אָנצוהויבן. דער בחור, אַ פאַרבער פון פאַך, האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און מיך גענומען פרעגן וואָס איך טו, וויפל שעה איך אַרבעט און צי איך האָב שוין אַמאָל געשטרייקט. דער סוף איז געווען, אַז ער האָט גאָר מיך אַגיטירט פאַרן „בונד"... אָבער דאָס קאָמישסטע איז געווען, וואָס דער בחור האָט אָנגענומען מיין פריערדיק שווייגן פאַר גאָר אַ טיפן ענין. ער האָט געמיינט, אַז איך האָב מורא צו רעדן פאַר אים, ווייל איך האָב צו ווייניק צוטרוי צו אים. דערפאַר האָט ער אָנגעהויבן צו רעדן דער ערשטער, בכדי צו ווייזן מיר, אַז ער ווייסט וועגן וואָס עס גייט... ער האָט מיר דערביי איבערגעחזרט וואָרט אין וואָרט זיין פריערדיקע „אַגיטאַציע" וואָס ער האָט געהערט.

דאָס געהערן צום „בונד" האָט אין מיר אויפגעוועקט גאָר אַ סך טראַכטענישן. ס'איז געווען 1905 און איך האָב שוין געוואָלט וויסן פון וואַנעט באַשע נעמט די ביכער, ווער זיינען די שרייבער און וויאַזוי דערגרייכן די פּראָקלאַמאַציעס ביז צו אונז... שפּעטער זיינען מיר סתּם נמאס געוואָרן די רייד און איך האָב גענומען פאַרלאַנגען פון באַשען, אַז זי זאָל מיר בעסער געבן „פּראַקטישע אַרבעט". זי האָט זיך פאַר־ענטפערט, אַז איך בין נאָך צו־יונג און איך דאַרף נאָך פריער אָפּגעבן אַן עקזאַמין פון דער פריערדיקער טעטיקייט.

ערשט מיט אַ צייט שפּעטער האָט זי מיך באַשטעלט צוצוקומען צו אַ טויער אויף דזשעלנאַ גאַס און אים היטן. אין יענעם הויף איז פאַר־

געקומען אַ פאַרזאַמלונג און איך האָב געדאַרפט סיגנאַליזירן, אויב פּאָ־ליציי וועט זיך באַווייזן. איך בין דאָרט אָפּגעשטאַנען פון 5 פאַרנאַכט ביז 11 ביינאַכט. דערנאָך איז באַשע אַרויסגעקומען און מיך געהייסן גיין אַהיים. דעם קומענדיקן שבת האָט מען מיך שוין געשיקט אויף אַ פאַרזאַמלונג און מיר אָנגעגעבן אַלע סימנים וואו צו גיין. דאָרט, אין אַ פּריוואַטער שטוב, האָב איך געטראָפן אַ גרויסן עולם וואָס האָט זיך אין דער פינסטער איינגעהערט צו אַ רעדנער וועגן דער פּאָלי־טישער לאַגע — אָבער די גאַנצע רעדע האָט אויף מיר קיין איינדרוק נישט געמאַכט. דערנאָך האָט זיך אוועקגעשטעלט אַ פרוי און גענומען רעדן וועגן די שונאים פון „בונד״.

די ערשטע מינוט האָב איך געמיינט, אַז דאָס רעדט זי וועגן דער פּאָליציי — אָבער באַלד האָב איך גאָר געהערט, אַז דאָס מיינט זי גאָר די שונאים פון אַנדערע פּאַרטייען, ווייל זיי פאַרטומלען די מוחות פון די אַרבעטער. זי האָט גערעדט מיט באַגייסטערונג און אַלעמען מיטגע־ריסן. אָבער מיך האָט גאָר אינטערעסירט גאָר אַן אַנדער זאַך: צוליב וואָס דאַרפן עס אַנדערע אַרבעטער זיין שונאים פון „בונד״? ווער זיי־נען זיי אייגנטלעך? און וואָס אַזוינס ווילן זיי? איך האָב נישט געהאַט קיין מוט צו פרעגן, אָבער אַן אַנדערער האָט יאָ עפּעס געפרעגט. דאָס האָט דער רעדנערין געגעבן אַ געלעגנהייט אָנצופאַלן אויף די אַנדע־רע פּאַרטייען, אַזויווי זיי זיינען עס די בלוטיקסטע שונאים פונעם אַר־בעטער־קלאַס... דאָס האָט מיך שרעקלעך צעמישט און גלייך נאָך דער פאַרזאַמלונג בין איך אַוועק.

אויפן צווייטן טאָג בין איך אַוועק אויף דער בירזשע און אָנגעטראָפן אויף אַ חבר, וועלכער איז אויך געווען אויף יענער פאַרזאַמלונג. ער האָט מיך פּשוט געפרעגט, אויב איך האָב פאַרשטאַנען צוליב וואָס די רעד־נערין איז געווען בייז אויף די ס. ס.? נאָך איידער איך האָב עס געקענט הערן פון אים איז צוגעקומען אַ „פאַרשטייער״ און זיך געבייזערט אויף מיין חבר:

— וואָס פרעגט איר ביי אים? איך וועל עס אייך דערקלערן...

עס האָט זיך באַלד צווישןביידע צעפּלאַקערט אַ דיסקוסיע וועגן

דער נאַציאָנאַלער פּראַגע, וועגן קולטורעלער אויטאָנאָמיע און וועגן אַ טעריטאָריע פאַר אידן... אָבער דער סוף איז גאָרנישט געווען קיין שיינער: זיי האָבן זיך כמעט ווי צעשלאָגן און דער אַנדערער האָט באַקומען אַ וואָרנונג, אַז ער זאָל זיך מער נישט וואַגן צו באַווייזן אויף דער בירזשע. טאָמער קומט ער יאָ, וועט ער נישט אַרויס מיט קיין גאַנצע ביינער... דאָס האָט אַביסל צעטרייסלט מיין גלויבן אינעם „בונד״: הייסט עס, אַז אויך דאָ וויל מען אַרויסקלאַפּן די ספיקות מיט די פויסטן? וואָס מער איך האָב זיך איינגעהערט אין די בונדישע דיסקוסיעס, אַלץ מער האָב איך איינגעזען אַז די אַגיטאַטאָרן פון „בונד״ וויסן נישט פון קיין טאָלעראַנץ. בין איך שטילערהייט געגאַנגען אויף אַנדערע בירזשעס און דאָרט אָנגעהויבן שטעלן מיינע פראַגעס. אין ערגעץ האָט מען אָבער אַזוי נישט באַליידיקט פאַר דער מינדסטער קלייניקייט ווי ביים „בונד״. וואָס מער די אַנדערע פּאַרטייען האָבן זיך געוואָלט אַריינרייסן צווישן די אַרבעטער, אַלץ פאַרביסענער איז דער וואָרשעווער „בונד״ געוואָרן. אַנשטאָט דער געוויינטלעכער אַגיטאַציע קעגן די בעלי בתים און דער מאַכט, האָט די בירזשע, דער עיקר, גענומען רוישן מיט צאָרן קעגן די אַנדערע פּאַרטייען. איך בין געוואָרן שרעקלעך אומרואיק דערפון...

אַ שטיקל טראַגעדיע איז געווען מיט באַשקען. ווי נאָר זי האָט דערזען, אַז איך האָב זיך אַ וואַקל געטאָן, האָט זי מיך גענומען אונטערשפּאָרן מיט טעאָרעטישער אַגיטאַציע. וואָס מער זי האָט מיך געוואָלט איבערצייגן, אַז עס איז בעיקר פאַראַן אַן אַרבעטער־פּראַגע און מער גאָרנישט — אַלץ ווינציקער האָבן אירע רייד צו מיר אַפּעלירט. איך דערמאָן זיך שוין נישט ווילאַנג עס האָט געדויערט ביז איך האָב אויפגעהערט קומען צו דער בירזשע פון „בונד״...

בכל אופן האָט שוין לאַנג נישט געדויערט ביז דער צויבער פון „בונד״ האָט זיך פון מיר אָפּגעטאָן.

„פּועלי ציון״

אייגנטלעך האָט דאָס איבעררייסן מיטן „בונד״ ניט געהאַט קיין ספּעציעלע און קעגנערישע סיבה. עס איז מיר פּשוט נמאס גע־וואָרן צו הערן אַלעמאָל די זעלבע רייד וועגן דער „אַרבעטער לאַגע״ און קעגן די ציוניסטן. אָבער וואוהין צו גיין ווייטער האָב איך נישט געהאַט. האָב איך ווידער גענומען זוכן אין די ביכער. איך קען מיט זיכערקייט פעסטשטעלן, אַז אין יענער צייט איז כמעט נישט געווען קיין איין בראָשור אין אידיש, וואָס איך זאָל נישט האָבן געלייענט. דערצו האָט מיר אַ סך געהאָלפן מיין ברודער כאַצקעל, ווייל ער האָט געבראַכט פון דער איינבינדעריי אַלץ וואָס מען האָט דאָרט געגעבן צו בינדן אָדער בראָשירן. עס איז דאַן געווען אַ מין נישט־געשריבן געזעץ אַז די אַר־בעטער קריגן אַן עקזעמפּלאַר פון יעדער זאַך וואָס זיי מאַכן. כאַצקעל האָט זיי מיר אַלע אָוועקגעגעבן און איך האָב געהאַט מיט וואָס צו פאַר־ברענגען מיינע אָוונטן.

נאָך אַ געוויסער צייט האָט כאַצקעל גענומען ברענגען בראָשורן מיט אַ נאַציאָנאַלן אינהאַלט. באַלד האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז נישט קיין צופאַל. אין דער איינבינדעריי האָבן זיך צווישן די 30 אַרבעטער געפונען 5 פּועלי ציוניסטן. זעענדיק, וויאַזוי מיין כאַצקעל זוכט נאָך גע־דרוקטע זאַכן האָבן זיי זיך דערין אינטערעסירט. באַלד האָבן זיי אויך געוואוסט פאַר וועמען ער דאַרף זיין האָבן. בעיקר האָט זיך דערמיט אינטערעסירט אַ געוויסער שמואל, וואָס האָט מיין ברודער גענומען געבן זאַכן וואָס האָבן אַ שייכות מיטן פּועלי ציוניזם. נישט אַלץ וואָס איך האָב געלייענט האָב איך פאַרשטאַנען. איך האָב אפילו רעכט נישט געוואוסט, וואָס די פּועלי ציון ווילן. איין זאַך האָב איך אָבער ביי זיי געלערנט אויף קלאָר: אַז אויך נאָכן פאַלן פונעם צאַריזם וועט די אידן־פראַגע נישט געליזט ווערן. אָבער ביסלעכווייז האָב איך גענומען פאַרשטיין

די גאַנצע טעאָריע פון פּועלי ציוניזם, ווייל די שריפטן האָבן פאַר מיר אַנגעהויבן צו ווערן מער צוגענגלעך. דאָס איז נישט געווען דערפאַר, וואָס זייערע טעאָריעס זיינען געווען אַזוי באַגרינדעט נאָר דווקא צוליבן פּאַרקערטן. דער פּראָגראַם פון די פּועלי ציון האָט איבערגעלאָזט אַ סך מער פאַרן סענטימענט איידער פאַרן שכל — און גראָד דאָס האָט מיך אַזוי שטאַרק געצויגן.

איך האָב זיך גענומען צום לייענען אידישע געשיכטע, געפּרוּווט פאַרגלייכן מיט נאָך עטלעכע חברים די פאַרשידענע עפּאָכעס און עפּעס אַזויווי פון זיך אַליין האָבן זיך די געדאַנקען אויסגעלייגט: אַז אַן אייגן לאַנד טויג נישט! די ריין־עקאָנאָמישע בראָשורן וואָס זיינען אָנגעשריבן געוואָרן קעגן ציוניזם האָב איך פּשוט נישט פאַרשטאַנען און זיי האָבן מיך נישט שטאַרק אינטערעסירט. דערפאַר אָבער האָב איך די סענטימענטאַלע אַרגומענטן געקענט צונויפפּאַרן מיט די געשיכטלעכע פאַקטן, ביז איך בין געווען פולשטענדיק איבערצייגט אין דעם ציוניסטישן געדאַנק. עס איז מיר נאָר אויסגעקומען מאָדנע, פאַרוואָס די פּועלי ציון מוזן זיך כסדר פאַרענטפערן און באַווייזן, אַז מען מעג זיין אַ פּועלי ציון.

איינמאָל, ווען איך בין געזעסן ביי מיין ברודער כאַצקל איז אַהין אַריינגעקומען אַ הויכער און בלאָנדער בחור. אַן פאַרצושטעלן זיך האָט ער מיר געזאָגט מיט אַ שמייכל:

— איר זיינט זיכער כאַצקלס ברודער...

דאָס איז געווען שמואל איינבינדער, דער פּאַקטישער טאָן־געבער פון די פּועלי ציון אין וואַרשע. מיט אים צוזאַמען איז געקומען אַ קליין־געוואוקסיק מיידל מיט אַן ענערגיש־טונקל פּנים און שוואַרצע אויגן. דאָס איז געווען „חייקע די פּועלי־ציוניסטקע". ער אַליין האָט אַ סך גערעדט און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זיינע רייד זיינען אויבערפלעכלעכע. מיך האָט אָבער אינטערעסירט עפּעס נייעס אין זיין אופן פון אַגיטירן. ער האָט געזאָגט, אַז בכדי צו זיין אַ פּועלי ציוניסט מוז מען נישט בלויז פאַרשטיין, נאָר אויך גלויבן אין דעם כח פון ארץ־ישראל...

מיך האָט אַפילו געוואונדערט פאַרוואָס אַזעלכע צוויי מענטשן מיט

אַזוי וויניק וויסן פֿאַרנעמען אַזאַ פּראָמינענט אָרט אין דער פּועלי ציון באַוועגונג. ערשט ווען איך בין געוואָרן עלטער האָב איך באַגריפֿן, אַז נישט אַלעמאָל שפּילט דאָס וויסן אַ הויפּט־ראָלע. ביידע זיינען געווען ענערגישע מענטשן מיט אַן עכטן גלויבן, וואָס האָט פֿון זיי אַרויסגעשפּאַרט — איז נישט קיין וואונדער וואָס זיי האָבן געקענט באַווירקן אַנדערע.

איך האָב זיי צוגעזאָגט צו קומען אויף דער בירזשע פֿון פּועלי ציון, אָבער איך האָב מיין וואָרט נישט געהאַלטן. דאָס האָב איך דווקא געפּאָלגט מיין חבר ליפּע דעם סטעמפּלמאַכער. הגם ער אַליין איז געווען אַ פּועלי ציון האָט ער מיר אָבער אָנגעזאָגט:

— דו ביזט נאָך צו יונג... לערן זיך פֿריער אַ סך און דערנאָך וועט קומען דיין צייט פֿאַר פּאַרטיי־טעטיקייטן. וואָס מער דו וועסט וויסן, אַלץ נוצלעכער וועסטו שפּעטער זיין.

אַזוי זיינען פֿאַרביי לאַנגע וואָכן און איך האָב ביי זיך גאָרנישט געקענט באַשליסן, ביז איך האָב איינמאָל געלייענט אין צייטונג, אַז אַ גרויסע צאָל פּועלי־ציוניסטן זיינען אַרעסטירט געוואָרן. דאָס האָט מיך מער אויפגעטרייסלט ווי די שטאַרקסטע אַרגומענטן. איך האָב באַשלאָסן זיך תיכף צו מעלדן צו דער אַרבייט. ערשט שטייענדיק ביי דער פּאַרטיי־אַרבעט האָב איך געהערט מער פּרטים וועגן דעם דאָזיקן אַרעסט.

עס איז דאַן גראָד פֿאָרגעקומען אַ צוזאַמענקונפֿט פֿון די פּועלי ציוניסטן אין דער „קאָוואַרניע“ אויף גענשא 27. מען האָט באַהאַנדלט די פֿראַגע וועגן אַ קאָמיטעט פֿאַרן וואַרשעווער אָרגאַן פֿון דער פּאַרטיי. דאַן איז גראָד אָנגעגאַנגען דער קאַמף צווישן די „פּרינציפּיעלע“ און „פּראַקטישע“ פּאָלעסטינצעס. ביידע ריכטונגען האָבן העפטיק געקעמפט פֿאַרן קאָנטראָל איבער דער באַוועגונג. די דיסקוסיעס פֿלעגן זיין גאָר היציקע און עס האָבן זיך אין זיי באַטייליקט די וויכטיקסטע מיטגלידער: בן ציון ראַסקין, ניר, יצחק זייגערמאַכער, נייער, שמואל איינבינדער, דער פּעטער לאַזער, יצחק טאַבענקין, יאָסל זאַלצמאַן, אַלטער גאָטליבּ־„באַמיר“ (מיט זיין עקשנותדיקן רעדן בלויז העברעאיש), בנימין און ליושע, יצחק ביאַלעס (וועלכער פֿלעגט רעדן צו מאַסן אין פּויליש),

י. ראַטמאַן, היינט אין פילאַדעלפיע, בנימין פינקל, מיטאַרבעטער אין „פאָרווערטס״ און אַנדערע אַנהענגער פון די „פרינציפיעלע״. פון די פראַקטישע האָבן זיך באַטייליקט אין די וויכוחים „ירמיהו״, אַלטער גאָט־ליב, אליהו משה בונדיסט א. א. אָבער זיי אַלע, מיט נאָך עטלעכע צענד־ליק וויכטיקע טוער פון פועלי ציון, זיינען מיטאַמאָל אַרעסטירט גע־וואָרן. די גאַנצע פרעסע האָט געקאָכט מיטן דאָזיקן אַרעסט — און דאָס האָט אויף מיר געמאַכט גאָר אַ שטאַרקן רושם.

עס איז כאַראַקטעריסטיש: די פּאָליציי האָט פריער געשיקט וואָרע־נען מען זאָל אויפלייזן די פאַרזאַמלונג. אָבער די דיסקוסיע איז געווען אַזאַ הייסע, אַז קיינעם האָט זיך נישט געגלוסט איבעררייסן זי. דער אַרעסט האָט אַ סך געענדערט די פועלי ציון. טייל פון די אַרעסטירטע זיינען געזעסן עטלעכע חדשים אין תפיסה און אַרויסגעקומען נאָך מער אַנטשלאָסן. אַנדערע זיינען דאָרט אַריבער צו קעגנערישע פּאַרטייען און אַ טייל זיינען אַרויסגעקומען פולשטענדיק גלייכגילטיק צו געזעלשאַפט־לעכע ענינים. אַ טייל פון די אַרעסטירטע האָט מען טראַנספּאָרטירט אין דער נייער טורמע אין לאָמזשע. שפּעטער צו פלעגט מען מיך שיקן קיין לאָמזשע ברענגען די חברים און חברות פּעקלעך עסן. איך האָב גע־טענהט, אַז זיי זיינען מיינע קוזינס פון וואַרשע. דערביי האָב איך זיי איבערגעגעבן געהיימע צעטעלעך וועגן גאַנג פון דער אַרבעט.

איך בין זינט יענעם אַרעסט אַריין אין דער אַרבעט און וואָס ווייטער עס איז פאַרגאַנגען אַ טאָג, אַלץ געטרייער בין איך געוואָרן דער באַוועגונג, אין וועלכער איך בין שוין פאַרבליבן ביזן היינטיקן טאָג, אַ גאַנצן יובל מיט יאָרן.

מיין וועג
צום
פּועלי ציוניזם

אין מיינע יונגע יאָרן האָב איך אַריינגעקלערט דערין, וואָס אַזוינס עס האָט אַ סך פון אונזערע מנהיגים געבראַנגט צו דער באַוועגונג. איז עס בלויז געווען דערפאַר, וואָס „יעדער מענטש דאַרף האָבן אַ פּאַרטיי״? זינט 1906 איז די פּאַרטיי פּועלי ציון פּשוט געווען פאַרבונדן מיט מיין גאַנצער נשמה און איך האָב נישט איינמאָל געקלערט: איז טאַקע מעגלעך, אַז מיין גאַנצער לעבנס־וועג איז בלויז געווען צו פאַרדאַנקען אַ ריינעם צופאַל? זינט איך האָב פּשוט אָנגעהויבן צו אָטעמען מיט פּאַרטייאישער לופט, האָב איך זיך נישט איינמאָל געפרעגט: צי וואָלט איך אַזוי געקענט פאַרבונדן זיין מיט אַן אַנדער באַוועגונג, ווען עמעצן זאָל צופעליק געווען געלונגען מיך אַריינצוציען אין איר? איך האָב זיך דאָס געפרעגט צום ווייפילטן מאָל פּשוט דערפאַר, ווייל מיט דער צייט האָב איך באַקענט גאָר אַ סך פּאַרטיי־עסקנים, וועלכע זיינען אין זייערע פּאַרטייען אַזוי צופעליק אַריינגעפאַלן און שוין דאָרט פאַרבליבן זייער גאַנץ לעבן...

איך בין דאַן פאַר זיך אַליין געקומען צום אויפריכטיקן אויספיר, אַז עס איז פאַראַן אַ גרויסער חלוק צווישן פּועלי ציון און די אַנדערע פּאַרטייען וואָס איך האָב געקענט אַביסל. דער פּועלי ציוניסט האָט געהאַט אַזויפיל פּאַרטייען מיט וועלכע צו דיסקוטירן — ביז זיין אינטעליגענץ האָט געמוזט אויסגעשאַרפט ווערן. שוין בלויז דאָס אַליין, למשל, וואָס ער האָט געדאַרפט פאַרטיידיקן סיי סאָציאַליזם און סיי ציוניזם האָט אים געגעבן מער אינטעלעקטועלע אַרבעט ווי דעם בונדיסט. אָבער אויף מיר האָט דער עיקר געווירקט יענער פאַרבייגייענדיקער זאָג פון

שמואל איינבינדער, אַז פּועלי ציוניזם מיינט נישט בלויז שכל נאָר אויך גלויבן. איך בין געוואָרן אַ פּועלי ציוניסט אָן ראיות און איך האָב גאָרנישט געקלערט צו זוכן אַ פאַרענטפערונג פאַר יעדן איינעם פאַר־וואָס איך בין עס. גלויביקע דאַרפן זיך קיינמאָל נישט פאַרענטפערן מיט קיין לאָגיק. עס האָט אַפּעלירט צו מיין האַרץ, דערפאַר האָב איך אָפּטמאָל געלאָזט דעם פּועלי־ציוניזם פון קאָפּ פאַר אַנדערע.

זינט יענע טעג איז אפילו מיין פריוואַט לעבן געווען אויסגעבונדן מיט די געשעענישן אין דער פּועלי ציון פאַרטיי און דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג. זי איז געוואָרן דער קוואַל אפילו פאַר מיינע פער־זענלעכע עמאָציעס, אָדער די סיבה פאַר גאָר אַ סך געשעענישן אין מיין פערזענלעכן לעבן. מיין דאָזיקע פאַרבינדונג מיט דער פּועלי ציון באַ־וועגונג איז אפשר צו־איינפאַך — אָבער די לופט צום אָטעמען איז אויך דאָס פשוט׳סטע וואָס רינגלט אַרום דעם מענטש.

אָנגעהויבן האָט זיך עס אַזוי: אין אַ באַשטימטן אָוונט האָב איך אַוועקשפּאַצירט אויף גענשא 27, וואו די פּועלי ציוניסטישע קאָוויאַר־ניע איז דאַן געווען. שוין דער אייגנטימער פון דעם רעסטאָראַנדל האָט געמאַכט אַן אויסערגעוויינטלעכן איינדרוק. ער איז געווען פון ני־דעריקן וואוקס אָבער אַ שווער־געוויכטיקער. זיין בויך איז געווען אַזוי גראָב און לאַנג, אַז ער האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט גע־ווען כולו בויך. אָנגעהויבן האָט ער זיך ביים האַלדז און זיך געענדיקט ביי די קני... דערפאַר אָבער איז זיין פנים געווען סימפּאַטיש און גוטמוטיק.

צווישן חברים האָט מען אים גערופן „דער גראָבער עליאַש״ און ער האָט געוואוסט אַלע סודות פון דער קאָנספּיראַציע. קיין פאַרטיי־חבר איז ער אָבער נישט געווען. אין יענער צייט האָבן די פאַרטייען זיך גרופּירט לויט זייערע קאַפע־הייזער. קיין בונדיסט אָדער ס. ס.־אָוויעץ האָט אַהין כמעט נישט פאַרבלאָנדזשעט. סיידוי איז עליאַש געווען אַן אייגענער און געטרייער מענטש (אגב, ווען איך בין שוין געווען אין אַמעריקע, האָב איך געהערט אַז עליאַש איז פאַרפייניקט געוואָרן צום טויט פון קאָזאַקן. די סאָלדאַטעסקע האָט אים געשלאָגן מיט די קאָלבעס

פון זייערע ביקסן, אַז ער זאָל זיי אויסזאָגן סודות פון די פועלי ציון. ער האָט זיך געלאָזט דערהרגענען און גאָרנישט אויסגעזאָגט).

ווען דער גראָבער עליאַש האָט מיך דערזען דאָס ערשטע מאָל האָט ער געמיינט, אַז דאָס בין איך אַהער פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן אָדער גאָר געקומען שפּיאָנירן. אַ היימישער בחור האָט מיך דערקענט און אַראָפּגענומען פון מיר דעם חשד. עליאַש האָט מיר אָנגעוויזן, אַז איך זאָל אַריינגיין אין אויבערשטן צימער און ווי נאָר איך האָב געעפנט די טיר האָב איך געהערט זינגען „אין דעם לאַנד פון פּיראַמידן". צווישן דעם עולם פון אַ 15 אינגלעך מיט מיידלעך האָט אַמהעכסטן געזונגען אַ געוויסער אַלטער, וועלכן איך האָב שפּעטער געטראָפן ביי די שלום-עליכם-ניקעס אין ברוקלין.

נאָכן אָפּזיין דאָרט אַ שעה, האָב איך זיך געגרייט צום אַוועקגיין. טאַקע דער דאָזיקער אַלטער האָט עס באַמערקט און צוגעקומען מיט אַ פאָרוואורף, פאַרוואָס איך זינג נישט מיט. איך האָב זיך באַלד אַוועקגעזעצט און תיכף זיך געפילט מיט זיי אַלע גאָר היימיש. איין זאַך האָב איך אָבער תיכף באַמערקט: די פירער פון דער פּאַרטיי — אפילו די וואָס זיינען נישט אַרעסטירט — קומען נישט אַהער. זיי זיינען אַביסל מער פאָרזיכטיק און דאָ זינגט מען בלויז לידער, אָדער מען פירט לייכטע דיסקוסיעס. דאָס האָט מיך באַין אופן נישט געקענט צופרידנשטעלן. פאַר מיר איז אויך געווען אינטערעסאַנט וואָס די פּאָלקס-טימלעכע עסקנים פון דער פּאַרטיי — ווי יצחק זייגערמאַכער, שמואל איינבינדער, חייקע, יאָסל זאַלצמאַן און שמואל העפטער זיינען נאָך אַ סך פּאָפּולערער געווען צווישן די מאַסן-חברים ווי די נעמען פון די אינטעליגענטן בן ציון ראַסקין, ניר-ראַפּאַלקעס אָדער יצחק טאַבענקין.

וועגן ראַסקינען האָט מען נאָך דערציילט לעגענדעס ווי וועגן אַ נסתר. מען האָט זיך גאָרנישט געקענט אָפּלויבן פון זיין געלערנטקייט און זיין קונסט פון קאָנספּיראַציע. דערפאַר אָבער האָט מען די אַנדערע טוער געזען זייער פּראַקטיש. די נעמען פון ראַפּאַלקעסן, יאַרבלומען און טאַבענקינען האָט מען קיין ספּעציעלע ליבשאַפט נישט צוגעשריבן. דערפאַר אָבער זיינען די נעמען פון חייקע און יצחק זייגער-

מאַכער פשוט געצערטלט געוואָרן. ווער שמועסט, שמואל איינבינדער — ער איז שוין פשוט פאַרגעטערט געוואָרן. אַלע נסים האָט מען וועגן אים דערציילט.

ווי איך האָב שפּעטער געהערט, האָבן די לעצטע דריי מיטגעבראַכט צו דער פּועלי ציון דעם מאַסן־עלעמענט. פריער איז די פּאַרטיי באַ־שטאַנען מיינסטנס פון אינטעליגענטן, וואָס האָבן געשטאַמט פון בעלי־הבתישע הימען. ווען נישט די דאָזיקע דריי פּאַרטיי־געשטאַלטן וואָלט אפשר פּועלי ציון אין וואַרשע קיינמאָל נישט געהאַט קיין פּראָלעטאַרישן פּרצוף. אויך שמואל גופאַ האָט געשטאַמט פון אַ חסידישער שטוב. ער איז אָבער געווען אַן אויסגעשפּראָכענער פאָלקס־טיפּ; אַ שיינער, מיט אַ בלאָנדן קאָפּ לאַנגע האָר — האָט ער געמאַכט אַ באַצויבערנדיקן איינדרוק אויפן מאַסן־מענטש. ער האָט געהאַט אַ חסרון וואָס ער האָט אַביסל געשטאַמלט, אָבער דערפאַר האָט ער פאַרמאָגט אַ זעלטענעם מוט און קיין שום זאַך האָט אים נישט געקענט אָפּשרעקן. דערצו האָט ער זיך נישט גרויס געהאַלטן ווי אַנדערע און זיך געחברט מיט יעדן איינעם, אָן דער מינדסטער פּאָזע פון גאווה.

איך האָב געהאַט צו שמואלן גאָר אַ באַזונדער מזל. ווען ער איז אַרויס פון טורמע און דערזען, אַז איך בין שוין אַ פולשטענדיקער פּועלי ציוניסט האָט עס אים שטאַרק געפרייט. ער האָט באַלד געזאָגט חייקען, אַז מיך קען מען תיכף אַריינציען אין אַ פּאַראַנטוואָרטלעכן קאָמיטעט. אָבער דערנאָך האָבן זיך געצויגן אַ סך חדשים און איך האָב נאָך קיין פּראַקטישע פּאַרטיי־אַרבעט נישט געהאַט צו טאָן. איך האָב זיך שוין געוואָלט גיין קלאָגן פאַר שמואלן, אָבער אין דער זעלבער וואָך איז ער ווידער אַרעסטירט געוואָרן. די גאַנצע אַרבעט האָט איבערגענומען יצחק זייגערמאַכער און מיט אים בין איך נישט געווען אַזוי היימיש. ענד־לעך האָב איך זיך דערוואוסט חייקעס אַדרעס און בין צו איר אַוועק אַהיים. חייקע איז איבערראַשט געווען מיך צו זען ביי זיך אין שטוב, אָבער דאָך איז זי געווען צופרידן. זי האָט מיך באַקאַנט מיט איר חסידישער משפחה און איך האָב קוים געפונען אַ געלעגנהייט איר צו

זאָגן, אַז איך וויל טאָן עפּעס אַן אַרבעט. זי האָט מיר גלייך קאָרעגירט:

— איר מיינט פּראַקטישע אַרבעט?

איך האָב נישט געוואוסט וואָס דער אונטערשיד איז און בלויז צו־געגעבן:

— זאָל זיין „פּראַקטישע אַרבעט" — אַבי עפּעס צום טאָן...

חייקע האָט מיר דערקלערט, אַז איצט איז זי פאַרנומען מיטן זוכן וויאַזוי צו באַפרייען שמואלן. אָבער ווי נאָר ער וועט באַפרייט ווערן, וועט זי מיך צוציען צו דער אַרבעט ערגעצוואו. איך האָב זיך דערפאַר צופרידנגעשטעלט מיטן קומען אויף דער בירזשע און איבערחזרן די אַגיטאַציעס, וואָס זיינען שוין געגאַנגען ווי אַ מזמור און איך האָב זיי געקענט פון אויסנווייניק.

די פייערלעכע בירזשעס זיינען געווען די שבתדיקע, וואוהין מען פלעגט קומען אויסגעפּוצט און נאָך די אַגיטאַציעס האָט מען אויך פאַר־ברענגט צווישן זיך. טאַקע אויף איינער פון די שבתדיקע בירזשעס האָט מיך חייקע אַ כאַפּ געטאָן פאַר דער האַנט מיט אַ ווילדער צערטלעכ־קייט און האַלטנדיק מיך איינגעשלאָסן אין איר אָרעם האָט זי מיר מיטגעטיילט, אַז מאָנטיק וועט שוין שמואל זיין צוריק אויף דער פריי און מען וועט זיך נעמען צו דער אַרבעט.

נאָך איידער די בירזשע האָט זיך געשלאָסן האָט זי צוגערופן אַ הויכן און דאַרן בחור אין אַ שוואַרץ העמדל מיט אַ הויכן קאָלנער און צו מיר אַ זאָג געטאָן:

— דאָס איז משה בונדיסט... שמועסט זיך אָפּ מיט אים וועגן אַר־בעט.

משה בונדיסט (היינט משה דיקשטיין, איצט אין קאַנאַדע, דער פי־רער פון דער דאָרטיקער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג), אַזוי האָט מען אים גערופן, ווייל ער איז געווען צווישן די אַריבערגעקו־מענע פון „בונד" צו דער פועלי ציוניסטישער פּאַרטיי. ער איז געווען דער פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר די טעכנישע אַרבעטן. ער האָט אָפּגעצויגן צירקולאַרן און פּראָקלאַמאַציעס אויפן העקטאָגראַף, באַזאָרגט דירות און פאַרזאַמלונגען, אויסגעזוכט די שומרים ביי די

טויערן וכדומה אַזעלכע אַרבעטן וואָס מען האָט אין דער פּאַרטיי גערופן „פּראַקטישע". מיט אים צוזאַמען אין דער קאָמיסיע איז געווען אַ האַרעפּאַשנער אַרבעטער, יאָסל דוד. יענער איז שטענדיק געווען באַגאָסן מיט פאַרב און פון ווי וויט האָט מען געקענט דערקענען אַז ער איז אַ פאַרבער. זיי ביידע האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע.

משה האָט מיך צוגעפירט צו יאָסל דודן (היינט אין ניו־יאָרק, זייער אַקטיוו אונטערן נאָמען דזשאָו ליס), אַז ער זאָל מיר געבן אַרבעט און יענער האָט מיך געהייסן קומען דינסטיק פאַרנאַכט אויף פּאַווע גאַס, נעבן אַ געוויסן טויער. ס'איז געווען אַרום זעקס פאַרנאַכט ווען ער איז אַהין אַריין און מיך געהייסן וואַרטן אויף אים. אָבער איך האָב אויף אים געוואַרט ביז האַלב 12 ביינאַכט, ווען די וואַרשעווער טויערן האָבן זיך צוגעמאַכט און ער האָט זיך נאָך אַלץ נישט געוויזן. אַרום איינס ביינאַכט האָב איך נישט געהאַט קיין עצה און זיך געלאָזט אַהיים און דערנאָך נישט געקענט שלאָפן: אפשר האָב איך טאַקע נישט געטאָרט אַוועקגיין, אפילו ווען איך זאָל געווען דאַרפן שטיין ביז אין דערפרי?

זעקס פאַרטאָג בין איך שוין ווידער געשטאַנען ביים זעלבן טויער און אַרום האַלב אַכט האָב איך דערזען יאָסל־דודן. ער איז אַרויסגעקומען אַ פאַרשלאָפענער און צעשויבערטער און ווי קיינמאָל גאָרנישט האָט ער מיך געפרעגט וואָס איך טו דאָ אַזוי פרי. איך האָב אים געענטפערט, אַז איך וואַרט נאָך אויף אים פון נעכטן פאַרנאַכט. דערפון איז ער צומישט געוואָרן און זיך פאַרענטפערט, אַז ער איז איינגעשלאָפן ביים לייענען עפּעס און גאָר פאַרגעסן אין מיין וואַרטן ביים טויער. ער האָט זיך נישט געקענט אָפּוואונדערן פון מיין „אַנטשלאָסנקייט" און איבערגעגעבנקייט און איך בין געווען צופרידן וואָס ער ווייסט נישט, אַז איך האָב געהאַט שכל אַהיימצוגיין נעכטיקן...

מיר האָבן ווידער אָפּגעשמועסט צו טרעפן זיך פאַרנאַכט נאָך דער אַרבעט. דאָס מאָל איז ער שוין געקומען מיט משה בונדיסט. איך האָב גלייך דערקענט, אַז די באַציאונג צו מיר האָט זיך ביי זיי געענדערט. זעט

אויס, אַז דאָס האָט יאָסל דוד נעכטן ביינאַכט בלויז געוואָלט אויס־פּרוּוון מיין אויסדויער־קראַפט, איידער מען טרויט מיר אָן וויכטיקע ענינים. ער האָט מיר אָנגעגעבן דעם נומער פון אַ דירה און געהייסן מיך אַרויפקומען אַהין אין צוואַנציק מינוט אַרום. דער וועכטער פון הויז איז מיר גראָד שטילערהייט נאָכגעגאַנגען. איך האָב אים ערשט באַמערקט האַרט פאַר דער טיר און פאַרשטאַנען, אַז דאָס וויל ער מיך אויסשפּיאָנירן. איך האָב געוואָלט סיגנאַליזירן די חברה אינע־וויניק און מיטן גאַנצן כוח אויסגעשריגן: „סטרוזש". דערפון איז ער געוואָרן אַזוי צעטומלט, אַז ער האָט גענומען אַנטלויפן אַ צעשראָקענער — וויל ער האָט אפילו נישט באַמערקט ווער עס שרייט... אין עט־לעכע מינוט אַרום האָב איך יאָסל דודן איבערגעגעבן די גאַנצע מעשה און איידער וואָס און ווען האָבן מיר שוין געהאַט אַלע „כלים" זיינע אויף יענער זייט טויער... אין דער זעלבער נאַכט איז פאָרגעקומען אַ פּאָליציייִשע רעוויזיע ביי יאָסל דודן, אָבער מען האָט ביי אים גאָר־נישט געפונען.

דאָס ראַטעווען די צוויי העקטאָגראַפן צום דרוקן פּראָקלאַמאַציעס האָט גאָר שטאַרק געהויבן מיין פּרעסטיזש אין אַלעמענס אויגן. נאָך אין דער זעלבער נאַכט האָב איך באַקומען די פּראָקלאַמאַציעס, וואָס זיי האָבן אָפּגעדרוקט אין וועלכע האָבן פּראָקלאַמירט אַ שטרייק פון אַ באַשטימטן פאַך אין נאָמען פון די פּועלי ציון.

דאָס איז געווען דער ערשטער שטרייק וואָס די וואַרשעווער פּועלי ציון האָט פּראָקלאַמירט און מען האָט זיך צו אים גאָר שטאַרק צוגע־גרייט. שמואל מיט חייקען האָבן מיט אים געזאָלט אָנפירן, הגם שמואל האָט ערשט אין אַ פּאָר טעג אַרום געזאָלט אַרויסקומען פון דער בענדי־נער פעסטונג. דער שטרייק האָט געדאַרפט באַווייזן אַנדערע פּאַרטייען, בעיקר דעם „בונד", אַז פּועלי ציון איז אַ פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַ־ציע און אַז אויך זי קען זאָרגן פאַר די אַרבעטער־אינטערעסן.

די געשיכטע פון מיין וואַרטן „אַ גאַנצע נאַכט" און מיין ראַטעווען די „דרוקעריי" האָט זיך צעטראָגן איבער דער גאַנצער פּאַרטיי און מען האָט באַצייטנס גענומען באַוואונדערן מיין „העלדישקייט". דעם אַנ־

דערן טאָג האָט חייקע גופא מיך שוין אָפּגעוואָרט נאָך דער אַרבעט און מיך מיטגענומען אויף פאַרשידענע ערטער. מיר האָבן אויך געהאַט אַ לענגערן צוזאַמענטרעף מיט די מעל־אַרבעטער און דאָס האָט מיך גאָר שטאָלץ געמאַכט. אין מיין פאַנטאַזיע האָב איך זיך שוין געזען ווי אַ גרויסער מנהיג פון די פועלי ציון, נישט קלענער פאַר שמואלן און חייקען.

איין זאַך האָט מיך בלויז געפּייניקט: אָט בין איך שוין אַ גאַנצער העלד פון דער פאַרטיי — און דאָך ווייס איך אפילו נישט, פאַרוואָס איינערהאַלב דער באַוועגונג גופא הערשן כלערליי חילוקי דעות. מיט וועמען בין איך אייגנטלעך? עס איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז איך מוז זיך באַקענען מיטן גענויעם פאַרטיי־פּראָגראַם און מיט די פאַרשידענע אויס־טייטשונגען זיינע. אָבער וויאַזוי מאַכט מען עס?

בלית ברירה האָב איך זיך געמוזט ווענדן צו דעם איינציקן חבר מיינעם, וואָס איז מיר געבליבן פון דער פריערדיקער גרופּע ביים מלמד אין דער דירה — ליפּע דער סטעמפּלמאַכער.

איך לערן די פּאַרטייאישע טעאָריע

די הויפּט־פּראַקציע פון דער פּאַרטיי, צוזאַמען מיט דער אַנפירער־שאַפט, האָט באַזירט איר אידעאָלאָגיע פון פּועלי ציוניזם אויף אַ ריין־פּרינציפּיעלן באָדן. ארץ ישראל איז נישט בלויז קיין פראַגע פון אַ טעריטאָריע, וואָס קען פאַרענטפערן די אידן־פראַגע; נאָר דאָס לאַנד איז אויך אונזערס פון היסטאָרישן שטאַנדפונקט. מיר ווילן האָבן ארץ ישראל פאַר זיך, נישט בלויז צוליב די נעגאַטיווע אומשטענדן; נאָר אויך צוליב דעם פּאָזיטיוון פּרינציפּ. קיין שום אַנדער לאַנד קען נישט זיין צוגעפּאַסט צו אונזערע בענקשאַפטן און אידישער פּסיכאָלאָגיע ווי ארץ ישראל. די דאָזיקע טעאָריע האָט מען זיך באַמיט צוצופּאַסן צום היסטאָרישן מאַטעריאַליזם, אָן וועלכן מיר האָבן זיך מורא געהאַט אַ ריר צו טאָן...

דער שאַרפסטער קאָפּ פון פּרינציפּיעלן פּאַלעסטיניזם איז געווען יצחק טאַבענקין. ווען ער פלעגט אַרויסטרעטן אויף אַ קלענערער אָדער גרעסערער פאַרזאַמלונג איז עס געווען אַ גאַנצע געשעעניש. דערפאַר אָבער האָבן זיך די „פּראַקטישע" פּאַלעסטינצעס בעיקר רעקרוטירט צווישן די צוגעקומענע חברים פון ליטע און רוסלאַנד. ביי זיי איז דער ענין ארץ ישראל נישט געווען פאַרבונדן מיט קיין צופיל פאָלקס־סענטימענטן. וואָלט זיך געפונען אַן אַנדער לאַנד אויף דער וועלט, וואָס זאָל קענען לייזן די טעריטאָריאַלע נויטן פון אידישן פאָלק — וואָלטן זיי עס אויך אַקצעפּטירט. די אידישע נויט איז אַ סטיכישע און ארץ ישראל קען זי נאָר פּראַקטיש גיכער לייזן ווי אַנדערע לענדער...

זיי האָבן זיך ווייניק וואָס געמאַכט פון די „היסטאָרישע רעכט" און ענלעכע סענטימענטן. דער אונטערשייד צווישן זיי און די טעריטאָריאַ־

ליסטן איז בעיקר באַשטאַנען דערין, וואָס זיי האָבן שוין געהאַט אַ טעריטאָריע.

ביידע לאַגערן, אינערהאַלב דער באַוועגונג, האָבן טיילמאָל אַזוי שטאַרק זיך געאַמפּערט, גלייך ווי זיי וואָלטן געווען באַזונדערע פּאַר־טייען. אָבער די מערהייט איז פּאַרט געווען אויף דער זייט פון די פּרינ־ציפּיעלע פּאַלעסטינצעס. די באַוועגונג האָט לכתחילה אַריינגענומען אַ גרויסע צאָל אָפּגעשפּאָלטענע פון דער ציוניסטישער „התחיה"־אָרגאַ־ניזאַציע. די דאָזיקע מיטגלידער זיינען דערצויגן געוואָרן אין נאַ־ציאָנאַלע הימען און די בענקשאַפט צו דער „מוטער ציון" האָט אויס־געפולט זייער גאַנץ וועזן. די צייט האָט זיי בלויז באַווירקט, אַז זיי זאָלן זיך אויך אַריינזאַפּן די עלעמענטן פון דער אַרבעטער־גאַס און ווערן אַן אַרבעטער־באַוועגונג; אָבער פאַרגעסן דעם טיפערן ארץ־ישראל־סענטימענט איז פאַר די געוועזענע „התחיה"־מיטגלידער אומ־מעגלעך געווען.

אגב, איז נאָך אין יענער צייט קיין צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּועלי ציון פּאַרטיי ניט געווען. יעדע קרייז־גרופּע האָט זיך געהאַט אירע פּרינציפּן, אירע מנהיגים, אירע טעאָרעטיקער, איר אייגענע טאַקטיק און אירע מאַסן.

אַנטקעגן די פּועלי ציוניסטן פונעם „התחיה"־חדר זיינען גע־שטאַנען די ניי־געקומענע קיין וואַרשע, וועלכע האָבן בעיקר געשטאַמט פון מינסק און פּאָלטאַווע. זיי האָבן שוין גיכער געהאַט רעוואָלוציאָנערע טראַדיציע און זייערע טעאָרעטיקער זיינען געווען באָראָכאָוו, בן־צבי, כאַשין און אַנדערע. זיי זיינען געווען אַ האַרעפּאַשנער עלעמענט מיט אייגענע באַגריפן און זיי האָבן גיכער געוואָלט פירן די אָרגאַניזאַציע אויפן פּראָלעטאַרישן וועג, וואָס זאָל נענטער זיין צום געפיל פון אַנטויש־טע בונדיסטן אָדער ס. ס.־אָווצעס.

די לעצטע גרופּע איז געווען אַ מינאָריטעט אין דער פּאַרטיי, אָבער געהאַט אַ סך אַנזען. אין יענער צייט האָט זיך באָראָכאָוו געפונען אין וואַרשע, אָבער איך האָב דערפון נישט געוואוסט. בכלל האָט זעלטן ווער געוואוסט פון באָראָכאָווס זיין ביי אונז און מען האָט שפּעטער

געשמועסט, אַז דער וואַרשעווער צענטראַל־קאָמיטעט האָט נישט גע־וואָלט דערלאָזן, אַז ער זאָל געווינען צופיל השפעה אויף די וואַר־שעווער מאַסן. דערפאַר האָט מען אים נאָר געלאָזט האַלטן זיינע רעדעס פאַר ענגע קרייזן פון דער פירערשאַפט, אָדער פאַר די פאָרשטייער פון אַנדערע פּאַרטייען.

די אָפיציעלע פאָרשטייער פון די „פּראַקטישע" אין וואַרשע זיינען געווען: אַ געוויסער אליהו, וואָס איז נישט איבעריק פּאָפּולער געווען צוליב זיין סאַרקאַסטישן טאָן, וואָס ער פלעגט אַריינברענגען אין די דיס־קוסיעס; ישׂשכר וועשער און ישׂראל וועשער, וועלכער איז געווען אַן אינטעליגענט מיט אַן אייגענער „אַרבעטער־פּסיכאָלאָגיע", וואָס האָט קיין גרויסן אָפּקלאַנג צווישן די חברים נישט געהאַט.

איך האָב זיך באַין אופן נישט געקענט באַשליסן צו וועלכער גרופּע איך געהער. איך דערמאָן זיך, ווי איינמאָל האָבן מיך שמואל מיט חייקען מיטגענומען אויף דער פּאַרטייאישער בירזשע אין פּראַגע. דאָרט איז אויסגעבראָכן אַ שאַרפע דיסקוסיע און עס האָט געהאַלטן דער־ביי, אַז די פּאַרטייאישע פאַרזאַמלונג זאָל אויפגעריסן ווערן. נאָך דער דיסקוסיע זיינען מיר צוריקגעפאָרן אין אַ "דראָזשקע" און שמואל האָט זיך פּלוצים אָנגערופן צו מיר:

— נו, סוכער, וואָס בלייבט מיט דיר? ביזט אפשר אויך אַ פּראָגנאָס־טישער?

איך האָב זיך כמעט ווי דערשראָקן פאַר אַזאַ פרעמדן וואָרט און טאַקע בהרפּתנו נישט געוואוסט וואָס עס מיינט. נאָר היות, ווי איך האָב אים גאָרנישט געענטפערט, האָט ער נאָכאַמאָל איבערגעחזרט זיין שאלה:

— וואָס? הייסט עס אַז דו ביסט געוואָרן אַ „פּראַקטישער"?

איך האָב זיך געכאַפּט, וואָס ער מיינט, און ספּאָנטאַן אָפּגעענט־פערט:

— איך בין אַ פּועלי ציוניסט!

חייקען איז מיין ענטפער אויסגעקומען קאָמיש און זי האָט זיך צעלאַכט. אָבער שמואלן איז מיין תשובה געפעלן. ער האָט מיך דער־

מוטיקט און געזאָגט, אַז מיט מײַן „צוגאַנג״ וועל איך במילא מוזן בלײַבן בײַם פּרינציפּיעלן פּאַלעסטיניזם. נאָר ערשט מײַן חבר ליפּע סטעמפּל־מאַכער האָט מיר געהאָלפן לײזן דאָס פּראָבלעם גאָר פּשוט: אַנשטאָט אַרומלויפן אויף די בערזשעס און זיך דרייען אין דער „קאַוויאַרניע״ האָט ער מיך געהייסן לייענען פּועלי ציוניסטישע ליטעראַטור און אידישע געשיכטע. יעדעס מאָל ווען איך האָב געהאַט איבערגעלייענט עטלעכע קאַפּיטלען, האָט זיי ליפּע מיט מיר אַדורכדיסקוטירט. אָבער די פּועלי ציוניסטישע ליטעראַטור פון יענער צייט האָט קיינמאָל נישט געענטפערט אויף קיין דירעקטע פּראַגן. איך האָב שטאַרק געוואָלט וויסן: וואָס טראַכטן די פּועלי ציון אָרגאַניזאַציעס אין אַנדערע שטעט? גלויבן זיי טאַקע אַזוי שטאַרק אין ארץ ישראל, ווי דאָס איינציקע לאַנד פון אידישע האָפענונגען? עס איז מיר פּשוט געגאַנגען אין לעבן, אַז אַלע זאָלן גלויבן אין ארץ ישראל, הגם, איך האָב זיך נישט אידענטיפיצירט מיט די „פּרינציפּיעלע״. קען זיין, אַז מיך האָבן אָפּגעהאַלטן אויסערלעכע סיבות פון ענדגילטיק ווערן איינער פון זיי. צווישן די „פּרינציפּיעלע״ זיינען — מיטן אויסנאַם פון שמואלן, חייקען און יצחקן — בעיקר געווען אינטעליגענטן מיט אַ נייגונג צו הויכע דיסקוסיעס און מיך האָט גיכער געצויגן צו דער פּאַלקסטימלעכקייט. מײַן סענטימענט האָט זיך אָבער געקלאַמערט דווקא אין דער ארץ־ישראלדיקער אייגנאַרטיקייט.

אַ היפּש ביסל האָט מיך אַרויסגעהאָלפן אין מײַן וואַקלעניש אַ פרישער נומער „אידישער קעמפער״, וואָס איז אָנגעקומען אַזש פון ניו־יאָרק. דער נומער האָט אויף מיר געמאַכט אַ געוואַלטיקן איינדרוק און איך האָב אים איבערגעלייענט פונעם קעפּל ביז דעם לעצטן אַנאָנס. פון דאָרט איז מיר אַזויווי פּלוצים קלאָר געוואָרן, אַז מען קען נישט אַנדערש ווי זיין אַ „פּרינציפּיעלער״ פּאַלעסטינעץ. איך האָב עס געדרונגען דערפון, וואָס אַפילו אין דעם פרייעם אַמעריקע זיינען דאָ אָנהענגער פון אַ נאַציאָנאַלער היים אין ארץ ישראל. איך האָב פון דאָרט אַרויסגעלייענט, אַז אויך אין אַמעריקע ווערן די מאַסן נישט פּראָלעטאַריזירט און אַפילו דאָרט האַלט מען, אַז בלויז ארץ ישראל קען לייזן די אידישע

פראַגע פון אַלע לענדער דורך אַ נאַציאָנאַלער היים. דאָס האָט מיר באַוויזן, אַז דער „פּרינציפּיעלער“ פּאַלעסטיניזם האָט מער אמת אין זיך ווי דער „פּראַקטישער“ — און ער וועט מוזן גובר זיין.

דעם לעצטן פּרוואו האָב איך נאָך געמאַכט מיט ליפּען. איך בין ביי אים געבליבן נעכטיקן און מיר האָבן דיסקוטירט אַ גאַנצע נאַכט. צוערשט האָט ער גענומען די שטעלונג פון אַ „פּרינציפּיעלן“ און איך פון אַ „פּראַקטישן“. דערנאָך האָבן מיר זיך געביטן מיט די ראָלן. דאָס האָט מיר דערמעגלעכט צו זען ביידע שטאַנדפּונקטן מיט אַ צווייטנס אויגן און עס איז פאַר מיר מער קיין ספק נישט געווען צו וועלכן צד איך געהער.

אויף דער קומענדיקער בירזשע האָב איך שוין אָפן אַגיטירט פאַרן פּרינציפּיעלן פּאַלעסטיניזם און שמואל האָט פון מיר געקליבן נחת.

אין דער אַקטיווער לייטונג
פון
דער פּאַרטיי

עס האָט געהאַלטן ערב אַ ראַיאָן־צוזאַמענפאָר פון די פּוילישע פּועלי ציון און מען האָט געדאַרפט ווײַלן דעלעגאַטן. די גאַנצע מיט־גלידערשאַפט איז אײַנגעטיילט געוואָרן אין גרופּן. יעדע גרופּע האָט געדאַרפט אויסוויילן אַ קאַנדידאַט פאַר אַ ווײַלער און זײַן שטעל־פאַרטרעטער. די דאָזיקע קאַנדידאַטן האָבן געדאַרפט בילדן אַ מין עק־זעקוטיווע פון דער וואַרשעווער באַוועגונג. איך האָב געדאַרפט צונויפ־נעמען מײַן גרופּע פון 13 חברים און העלפן דערווײַלן דעם „פּעטער לאָזער” פאַר אונזער קאַנדידאַט. ביז איצט האָב איך דעם פּעטער לאָזער בלויז געקענט פון דער ווײַטנס. ער איז געווען אַ הויכער יונגערמאַן מיט אַן אויסגעדאַרט פּנים, בלאָנד־געקרײַזלטע האָר און שטרענגע אויגן. אָבער ער איז געווען גוט און מילד ווי אַ טויב צו אַלע חברים — ממש ווי אַ טאַטע. ער איז געווען באַקאַנט מיט יעדן אײַנעמס צרות און אַלע זײַנען געלאָפן צו אים, ווען עס איז נאָר געווען ביטער אויפן האַרץ. דוכט זיך, אַז ער איז געווען פון די אַריבערגעלאָפענע „התחיה”־מיטגלידער און דעם צונאָמען „פּעטער” האָט ער טאַקע באַקומען צוליב זײַן זאָרגן פאַר יעדער חבר, אַזויווי עס וואָלט געווען זײַן אייגענער משפּחה־מיטגליד.

אַלע האָבן אים זייער ליב געהאַט צוליב זײַן גוטסקייט. אָבער זײַנע אויגן האָבן אויסגעדריקט אַ שאַרפע שטרענגקייט. דאָס איז אויך נישט געווען אומזיסט. טאָמער האָט ער זיך אַמאָל אויפגערעגט, איז אים נישט מעגלעך געווען צו באַרואיקן. ער איז געווען שטאַרק קאָנספּיראַ־טיוו, אָבער צוליב זײַן אָפטן אויפברויזן האָט ער געשטעלט אין סכנה זיך און אַנדערע חברים.

איך דערמאָן זיך, וויאַזוי אַ חבר איז אַמאָל געזעסן אין קאַוויאַרניע און געלייענט אַ צייטונגביים פענסטער. מיטאַמאָל האָט דער פעטער לאָזער אַריינגעשטורעמט און צוגעלאָפן מיט כעס צום דאָזיקן חבר. זיינע ביסטרע אויגן האָבן זיך געריסן פון די לעכער און ער האָט מיט אַ מוראדיקער רציחה אַרויסגעריסן די צייטונג פון יענעמס הענט. אין עטלעכע סעקונדן איז די צייטונג געווען צעפליקט אויף פּיצלעך און לאָזער האָט נאָך דערביי געדונערט איבערן דערשראָקענעם חבר:

— איר ווילט אונז דווקא אַלעמען פאַרשיטן? גייט פון דאַנעט, אויב איר ווייסט נישט אייער פּלאַץ!

עס האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן, אַז דער חבר האָט געלייענט אַ „כשרע״ צייטונג אין רוסיש, בעת לאָזער האָט געמיינט אַז דאָס איז אַן אומלעגאַלע אויסגאַבע...

אָבער אין אַלגעמיין האָט ער ליב געהאַט יעדן איינעם פון דער גרופּע ווי אַן אייגן קינד און אויך מיר האָבן אים זייער ליב געהאַט. שוין זייענדיק אין אַמעריקע האָב איך געהערט, אַז ער איז דערנאָך געפאַלן אין ארץ ישראל פון אַראַבישע הענט אַלס שומר — און איך האָב אויפריכטיק געטרויערט נאָך אים. דער פעטער לאָזער האָט גע־דאַרפט געוויילט ווערן אַלס קאַנדידאַט צו דער „סכאָדקע״ און איך האָב געדאַרפט זיין זיין שטעל־פאַרטרעטער. איך האָב געגעבן די אינסטרוקציעס וויאַזוי צו שטימען און דער פעטער לאָזער איז געווען צופרידן וואָס מען האָט אים אויסגעוויילט. אָבער דער צופאַל האָט גע־וואָלט, אַז איך זאָל קומען צו דער סכאָדקע ווי אַ פּולער דעלעגאַט. פאַרוואָס דאָס איז געשען האָב איך בשעת מעשה נישט געוואוסט.

געשען איז עס אַזוי: פרייטיק צו נאַכטס האָבן מיר שמואל און משה בונדיסט אָנגעזאָגט, אַז איך זאָל שבת פאַרטאָג זיין אויף נאַוואָ־ליפּיע גאַס, בכדי צו שטיין אויף דער וואַך. וואָס דאָרט האָט געדאַרפט פאַרקומען האָבן זיי מיר נישט געזאָגט. איך בין געווען צו דער צייט און שמואל מיט משהן זיינען געקומען מיט עטלעכע שעה שפּעטער. זיי האָבן מיר געזאָגט, אַז במשך אַ שעה צייט וועט קומען אַ באַשטימטע צאָל מענטשן. ווער עס וועט קומען שפּעטער וועט נישט אַריינגעלאָזט ווערן.

איך בין געשטאַנען ביים טויער אויף שמירה, אָבער דעם נומער פון דער דירה האָב איך נישט געוואוסט. איך האָב בלויז געדאַרפט שטיין אין אַ געוויסער פּאָזע, פון וועלכער די דעלעגאַטן זאָלן וויסן, אַז דאָ איז דאָס פּלאַץ. באַלד האָבן זיך דאָרט באַוויזן 23 מענטשן און דערנאָך איז גע־קומען דער פעטער לאָזער ווי דער 24טער.

אַרום דריי אַזייגער האָב איך דערזען אָנקומען אַ ראָטע סאָלדאַטן און איך האָב זיך אַריינגעלאָזט אין טויער, בכדי נישט צו ציען זייער אויפמערקזאַמקייט. איך האָב נישט געוואוסט, אַז פון דער געהיימער פאַרזאַמלונג אָבסערווירט מען מיך. אָבער באַלד האָט זיך באַוויזן יאָסל זאַלצמאַן, בכדי צו דערוויסן זיך פאַרוואָס איך באַהאַלט זיך אויס. ווען איך האָב אים געזאָגט די סיבה, זיינען מיר ביידע אַרויס אויף דער גאַס און מיר האָבן איינגעזען אונזער טעות. די סאָלדאַטן האָבן אונזער פאַרזאַמלונג נישט געמיינט. יאָסל איז צוריק אַרויף און איך האָב זיך ווי־דער אַוועקגעשטעלט אויף מיין פּאָסטן.

פּלוצים איז שמואל אַראָפּגעקומען און מיך געהייסן גיין איינ־קויפן פאַרשידענע עסנוואַרג. דערנאָך האָב איך געדאַרפט אַרויפ־קומען אין דער הויך. ווען איך בין צוריקגעקומען מיטן פּעקל האָב איך אויף די טרעפּ געטראָפן דעם פעטער לאָזער. ער איז געווען צעיאָכמערט און דערצאָרנט. אין מיין זייט האָט ער אפילו נישט געוואָלט אַ בליק טאָן און איך האָב נישט געקענט פאַרשטיין וואָס ער וויל פון מיר. ביים שטיין אויף דער וואַך האָב איך געהאַט אַן אָנזאָג „קיינעם נישט צו קענען" און דערפאַר האָב איך אים גאָרנישט געקענט פרעגן. איך האָב בלויז געזען ווי ער לויפט אַוועק אַ צעשויבערטער.

איך בין אַריינגעקומען אין אַן ענג צימער, וואו אַלע זיינען גע־שטאַנען, בלויז דער פאָרזיצער — ירמיהו — איז געזעסן. חייקע האָט מיך צוגעפירט צו אים און פאָרגעשטעלט ווי דעם פעטער לאָזערס פאַרטרעטער. ירמיה האָט מיך דערקלערט ווי אַ פולן מיטגליד פון דער פאַרזאַמלונג און איבערגעגאַנגען צו די ווייטערדיקע פאַרהאַנד־לונגען. מען האָט דיסקוטירט וועגן דעם, וויאַזוי דער וואַרשעווער צענט־ראַל־קאָמיטעט זאָל האָבן אַ גרעסערע השפּעה אויף אונזער מאַסע, וואָס

וואַקסט פון טאָג צו טאָג. עס האָט זיך אויך געהאַנדלט וועגן געלט. דאַרף מען עס באַקומען דורך אַלע מיטלען, אפילו דורך עקספּראָפּריאַציע, אָדער נישט? מען האָט אויך דיסקוטירט אַנדערע פראַגן וועגן דער טעטיקייט ביי פאַרשידענע פאַכן, די אויסגאַבע פון אַן אייגענעם אָרגאַן און ענלעכע ענינים.

מיך איז די דיסקוסיע ווייניק וואָס אָנגעגאַנגען. אַ שלעכט געפיל האָט מיך געמאַטערט, אַז צוליב מיין אָנוועזנהייט דאָ האָט מען מסתמא געמוזט אַרויסטרייבן דעם פעטער לאָזער און ער מוז איצט וועגן מיר טראַכטן אַלדאָס בייז. איך האָב זיך אָבער גאָרנישט געקאָנט העלפן. די פאַרטיי ווייסט גיכער וואָס זי טוט... איך האָב אויך נישט גע־קענט פאַרשטיין, פאַרוואָס די פאַרטיי־אינסטאַנץ פאַרזאַמלט זיך אין אַזאַ רייך־מעבלירט הויז... צי האָבן מיר דען בורזשויען צווישן די מיט־גלידער? און אויב יאָ, טאָ פאַרוואָס האָבן מיר זיך פאַרקליבן אין דעם ענגסטן צימער?

עס האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז געווען די דירה פון יאָסל זאַלצמאַנס בעלי בתים. זיי זיינען אַוועק אויף זומער־וואוינונג און דערפאַר האָט ער זיך געלאָזט וואוילגיין און איינגעלאַדן די פאַרטיי „צו זיך". אָבער צופיל שפּורן אין אַלע צימערן האָט ער נישט געוואָלט איבערלאָזן. איך האָב זיך באַלד אַרומגעזען, אַז דאָרט געפינט זיך די גאַנצע פירערשאַפט, מיטן אויסנאַם פון בן ציון ראַסקין; עס זיינען דאָרט געווען טאַבענקין, ראַפאַלקעס, די וועשערס, נטע פראַגער (היינט נטע הרפז, אין ישראל), ירמיה, שמואל, חייקע, יצחק און איך בין איינער פון זיי! איז דאָס מעגלעך?

איך האָב פלוצים פאַרשטאַנען מיין דערהויבונג און בכדי ראוי צו זיין צו אַזאַ כבוד, האָב איך זיך גענומען איינהערן אין דער דיסקוסיע. עס האָט זיך גראָד געהאַנדלט אין דער פינאַנציעלער פראַגע. דער צ. ק. האָט געמאַכט אַ פאַרשלאַג צו וויילן אַ קאָמיטעט וואָס זאָל זאָרגן פאַר די פאַרטיי־פינאַנצן און אַלע האָבן געוואוסט וואָס דער פאַרשלאַג מיינט. דאָס האָט געהייסן, אַז ווען עס וועט אויספעלן געלט, זאָל מען עס

באַקומען דורך עקספּראָפּריאַציע — און דאָס האָט אַרויסגערופן אַ סך קעגנערשאַפט.

דער פאָרזיצער ירמיהו האָט פאַרטיידיקט דעם פאָרשלאַג פון דער ווארשעווער צ. ק. און ביסלעכווייז האָט ער מיט זיין כח הדיבור אַלעמען אַריבערגעצויגן אויף זיין זייט. דער פאָרשלאַג איז אָנגענומען געוואָרן מיט געוויסע ענדערונגען און מען איז צוגעטרעטן אויסצואויילן אַזאַ קאָמיטעט. די אָפּשטימונג איז געווען אַ געהיימע און עס זיינען דערווײלט געוואָרן: שמואל, חייקע, יצחק און יאָסל זאַלצמאַן ווי אַ פאָרזיצער. דעם פינפטנס נאָמען פון קאָמיטעט האָב איך נישט דערהערט. די דעלעגאַטן צום היסטאָרישן צוזאַמענפאָר פון ראַיאָן זיינען דאָרט נישט געווײלט געוואָרן. אָבער בכלל איז דאָרט געווען אַ גוטע שטימונג, גלייך ווי מיטן אויסוויילן דעם קאָמיטעט פון פינף זיינען אַ סך פּראָבלעמען געלייזט געוואָרן.

אָבער נישט אַלעמאָל איז אַלצדינג צוגעגאַנגען אַזוי האַרמאָניש. שוין ביי דער צווייטער פאַרזאַמלונג, ערב די וואַלן צו דער קאָנפערענץ, האָב איך דערזען וואָס עס הייסט אינערלעכער פּאַרטיי־קאַמף. צוויי פּונקטן זיינען געשטאַנען אויפן סדר־היום: דעלעגאַטן און דער פּראָגראַם פונעם צוזאַמענפאָר. צו דער פאַרזאַמלונג האָט קיינער פון דער פירערשאַפט נישט געפעלט, אַפילו ראַסקין און בלומענפעלד זיינען דאָרט געווען. דער הויפּט־דועל איז פאָרגעקומען צווישן אליהון און טאַבענקינען, די מנהיגים פוןביידע ריכטונגען. אליהו האָט געהאַלטן אַ לאַנגע רעדע און די „פּרינציפּיעלע" האָבן פאַרלוירן דאָס געדולד. טאַבענקין האָט געהאַלטן אַ קורצע רעדע קעגן אליהו׳ס אָנגרייפערישקייט און ממש עלעקטריזירט די פאַרזאַמלונג. דווקא טאַבענקינס טבע צו רעדן „אונטערן צונג" האָט אים צוגעגעבן אַ ספּעציעלן חן. נאַטירלעך האָבן די „פּרינציפּיעלע" אָפּגעהאַלטן אַ נצחון און דאָס האָט שפּעטער געפירט דערצו, אַז די קאָנפערענץ זאָל האָבן אַ דראַמאַטישן פאַרלויף. אָבער נישט דאָס בין איך אויסן.

אין דער פּאַרטיי האָט זיך גענומען באַמערקן אַ פריילעכע שטימונג. בעיקר האָט עס זיך גענומען דערפון, וואָס דער „קאָמיטעט פון פינף"

האָט זיך געגרייט צו דער אַרבעט. שמואל, דער קאָפּ פון דעם קאָמיטעט, האָט מיר באַלד אויפגעקלערט וואָס די שמחה באַדייט:

מיר האָבן שטאַרק מקנא געווען די פּ. פּ. ס. דערמיט וואָס זי שאַפט זיך אַלעמאָל אירע געלט־מיטלען דורך אָרגאַניזירטע אָנפאַלן איבער צאַרישע קאַסעס. טייל חברים האָבן געהאַלטן, אַז אויך מיר קענען באַ־וויזן דאָס זעלבע און דורכדעם אַרויס פון אונזער נעבעכדיקן צו־שטאַנד אין פינאַנסיעלן זין. זיי האָבן געהאַלטן, אַז אויסער געלט וואָלט עס פאַרשטאַרקט אונזער פּרעסטיזש ביי אַנדערע פּאַרטייען און מען וואָלט זיך מיט אונז גענומען רעכענען. דאָס וואָס די ערשטע פאַר־זאַמלונג האָט אַקצעפּטירט דעם „פינאַנץ־קאָמיטעט" האָט געמיינט, אַז מען וועט איצט אַרויס אויפן שליאַך פון דרייסטע און געפערלעכע אַקציעס...

ערשט שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז איין חבר סך הכל איז אַבסאָלוט געווען קעגן דעם דאָזיקן פאַרשלאַג און דערפאַר האָט ער באַצייטנס פאַרלאָזט די פאַרזאַמלונג. דאָס איז געווען דער פּעטער לאָזער... איך האָב זיך פאַרטראַכט. נאָר שמואל האָט מיך אויפגעוועקט פון מיינע רעיונות:

— סוכער... אויך דו וועסט איצט האָבן אַ סך אַרבעט...

איך האָב אַ ציטער געטאָן פון זיין געהיימניספולן טאָן. פאַר מיינע אויגן זיינען געשטאַנען אָנגעלאָדענע צוגן מיט צאַרישע געלט־קאַסעס... איך שפּאַן מיט אַ געלאָדענעם רעוואָלווער און גיב אַרויס באַפעלן, ווי אַ סך רעוואָלוציאָנערע פירער פון די פּאַרטייאישע לעגענדעס...

איך האָב זיך נאָכאַמאָל איינגעקוקט אין שמואלס פּנים, דערמאָנט זיך אַז אַ העלפט פונעם „פינפער קאָמיטעט", וואָס וועט דאַרפן מיט דער צייט אַרויסרופן דרך ארץ צו זיך פון אַלע פּאַרטייען, זיינען מיינע נאָ־ענטע פריינט... דאָס גאַנצע לאַנד וועט מיט זיי קאָכן, צייטונגען וועלן שרייבן וועגן זייערע מעשים און איבער אַלע אידישע שטעט און שטעט־לעך וועלן זיך בחורים דערציילן אויפן אויער פון זייערע גבורות... און איינער פון זיי גייט דאָ אַזוי היימיש און געמיטלעך מיט מיר און דער־ציילט מיר פאַרטרויליך:

— סוכער... אויך דו וועסט איצט האָבן אַ סך אַרבעט...
וועל איך זיין איינער פון זיי?

פאַר מיינע אויגן איז פּלוצים אויפגעקומען דאָס גאַנצע שטעטל מיינס, די אָרימע שטוב מיט מיין אומגליקלעכן טאַטן, דאָס טרויעריקע פּנים פון מיין שוועסטערל און די גרויסע נויט אַרום און אַרום... אַ שיכורער שטאָלץ האָט מיר צעוויגט די גלידער:

וויאַזוי איז עס געקומען דערצו, אַז איך זאָל פּלוצים געהערן צו דער אָנפירערשאַפט פון אַ באַוועגונג, וואָס גייט ענדערן דאָס פּנים פון דער וועלט; ענדערן דעם גורל פונעם אידישן פאָלק?

איז עס נישט קיין חלום?

שמואל האָט נאָך אַלץ געשפּרייזט נעבן מיר און איך האָב נאָכאַמאָל באַגריפן די פאַנטאַסטישע וואָר:

יאָ ס'איז אמת... עס גרייט זיך אַ גרויסע שלאַכט... און איך בין נאָמינירט געוואָרן פאַר אַ סאָלדאַט אין די ערשטע רייען...

איך — דאָס נידערגעשלאָגענע און הונגעריקע קינד פון אַן אומגליקלעכן מלמד.

די פּאַרטיי
אַרבעט מעשים...

דאָס רעאַלע לעבן וויל נישט וויסן פון קיין פאַנטאַזיעס און פון דער גרויסער ראָל, וואָס איך בין גרייט געווען צו שפּילן אין דער באַוועגונג. איך האָב ווידער געמוזט אַרבעטן אויפן זעלבן אָרט, ווידער הערן דעם מייסטער און זיין דער געזעלן גלייך ווי אַלע. די פּאַרטיי פּועלי ציון האָט זיך טאַקע געמאַכט גרויסע און קאָנספּיראַטיווע פּלענער, אָבער דערווייל האָט זי זיך געמוזט האַלטן אין דער ווירקלעכקייט.

פּאַקטיש האָט זי געהאַט אין וואַרשע מער אינטעליגענץ ווי ריכ־טיקע אַרבעטער. בכדי צו באַווירקן די מאַסן און זיי איבערצייגן, אַז פּועלי ציון רעדט אין נאָמען פון די אַרבעטער, האָט זי געמוזט אַריינ־ציען אַביסל אַרבעטער־טיפּן און דערנענטערן צו זיך עטלעכע פּראָפעס־יאָנעלע פּאַראיינען. איך בין דערפאַר געוואָרן אַ באַזונדער יחסן. קודם־כל בין איך אַליין אַ געזעלן והשנית האָב איך אַ סך קאָנטשאַפט מיט לערן־אינגלעך און האַלבע געזעלנס ווי איך. ווער נאָך קען צו זיי רעדן מיט זייער אייגענער שפּראַך אַזוי ווי איך ?

די פּאַרטיי־קרייזן האָבן מיר דערפאַר איבערגעגעבן די אויפגאַבע צו אָרגאַניזירן דאָס פאַך פון פּאַסקע־מאַכער, ביי וועלכן איך בין גע־ווען באַשעפטיקט. עס האָבן מיר צוגעהאָלפן אין דער אַרבעט די ברי־דער גרינבערג (איצט אין אַמעריקע) און איינער, אַן אמתער געזעלן, וואָס איז נאָר־וואָס אָנגעקומען צו מיין מייסטער. דער זעלבער נייער געזעלן האָט מיר שטילערהייט דערציילט, אַז ער איז אַ מיטגליד אין דער „סכאָדקע" און אַז ער איז ספּעציעל געשיקט געוואָרן פון דער פּאַרטיי אין פּאָלטאַווע קיין וואַרשע. דאָס האָט „פּאָלטאַווע" דורך אים געוואָלט דערנענטערן די וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע צום עכט־מאַרק־

סיסטישן פועלי ציוניזם. ער איז דערפאַר געווען אינטערעסירט אַרויס־צורופן אַ שטרייק אין פאַך און דערמיט שאַפן דעם ערשטן פראָ־פעסיאָנעלן פאַראיין פון די פועלי ציון.

אָבער אויך מיר זיינען איינמאָל איבעררעאַשט געוואָרן, הגם מיר האָבן זיך געהאַלטן פאַר אַזעלכע וואָס וויסן אַלע פאַרטיי־סודות. אין אַ געוויסן טאָג איז צו אונז אין פאַבריק אַריינגעפאַלן אַ הויכער און דאַרער בחור און עס איז געווען שווער צו דערקענען ווי אַלט ער איז... ער האָט געהאַט אַ סך געקרייזלטע האָר און אַביסל קאָסאָקע אויגן, אומ־נאַטירלעך גרויסע הענט און נאָך גרעסערע פיס. דערביי האָט ער גע־האַלטן אַ שטעקן וואָס איז נאָך גרעסער געווען פאַר אים אַליין. אַזיווי ער האָט נאָר אַריבערגעטראָטן די שוועל, האָט ער אויסגעשריגן:

— די אָרגאַניזאַציע האָט באַשטימט אַראָפּצונעמען די מענטשן!

אונזער מייסטער האָט טאַקע דערוואַרט אַ שטרייק, אָבער דאָך איז ער איבעררעאַשט געוואָרן וואָס אַזאַ מין פאַרשוין קומט „אַרונטערנעמען זיין פאַבריק״ פאַר אַ שטרייק. ער האָט זיך נישט פאַרלוירן און גענומען פאַרשן דעם צעוואַקסענעם בחורעץ: ווער איז די אָרגאַניזאַציע? וועלכע? און פאַרוואָס עפּעס איז זיין פאַבריק די ערשטע, בעת עס זיינען פאַראַן גרעסערע פאַבריקן אין דעם פאַך? פאַרוואָס זאָלן זיי נישט גיין פריער?

דער הויכער פאַרשוין האָט אָבער נישט געוואָלט הערן קיין שאלות. ער האָט נאָר גענומען פאָכען מיטן שטעקן אַהין און צוריק און גע־שריגן:

— יאַך גיי ניש' אַוועק אָנע די מענטשן...

ער האָט גענומען קלאַפּן מיט זיין שטעקן איבער אַ ניי־מאַשין און דער אָפּקלאַנג האָט זיך אויסגעווירקט סיי מיט פחד און סיי מיט קאָ־מיזם. ער האָט געהאַלטן אין איין שרייען: „מענטשן — אַרונטער!״ אָבער סיי די אַרבעטער און סיי די געזעלן האָבן זיך געלאָזן אָנגעטון די רעקלעך און מיט אַ רואיקער מינע זיך גענומען שפּרייזן צו דער טיר...

מיר, די האַלבע לערן־אינגלעך וואָס האָבן זיך נאָך כמעט אַליין באַטראַכט ווי די נידעריקע קלאַס ביי דער אַרבעט, האָבן געמיינט אַז אונז

מיינט מען נישט. אָבער דער הויכער האָט גענומען שרייען מיט אַ באַנו־מען קול:

— יאַך זאָג: אַלע מענטשן!...

דער מייסטער איז בלאַס געוואָרן און זיך גענומען בעטן ביי אים:

— דאָס זיינען דאָך נישט קיין „מענטשן", נאָר בלויזע לערן־אינגלעך! זיי וועלן סיי ווי נישט אַרבעטן נאָר בלויז צוריימען די פאַבריק...

אָבער דער הויכער האָט שוין געלאָזט אין באַוועגונג אַלע כלים. ער האָט גענומען טופען מיט די פיס, קלאַפּן מיטן שטעקן און דער־נאָך איז ער גאָר צוגעלאָפן צו מיר, דעם קלענסטן פון אַלע, מיך אָנגע־כאַפּט ביי דער האַנט און געשלעפּט מיט זיך. די אַנדערע דריי לערן־אינגלעך האָט ער אויך מיטגעצויגן. שוין זייענדיק אויף דעם הויף האָט ער אונז אויסגעשטעלט אין דער ריי: דאָס ערשטע די געזעלן, דערנאָך די האַלבע געזעלן און די לעצטע — די לערן־אינגלעך. מיר האָבן רעכט נישט געוואוסט ווער ער איז און וועמען ער פאַרטרעט, אָבער מיר זיי־נען אים פאָלגנדיק נאָכגעגאַנגען און ער האָט פאָראויסגעשפּרייזט פאַר אונז, ווי אַ זיגער, מיט זיין גאַנצן וואוקס.

אין גרויס באַגייסטערונג מיט זיין נצחון האָט ער, ווייזט אויס, אַליין פאַרגעסן וואוהין ער פירט אונז, ווייל מיר האָבן זיך פלוצים דערזען אויף דער בונדישער בירזשע. אונזער פאַבריקל האָט שוין גע־שמ׳ט ווי אַ נעסט פון פּועלי ציון און דערפאַר האָט אונזער פלוצימ־דיק דערשיינען אויסגעזען אַזויווי אַן איבערלויף פון אונזער קרייז אין דער בונדישער מחנה אַריין. אַלע האָבן גענומען גראַטולירן דעם הויכן פאַרשוין, וואָס האָט אַליין אויך אויסגעזען גענוג צעטומלט פון דער גאַנצער מעשה. דאַן האָב איך פּלוצים דערהערט דאָס ערשטע מאָל זיין נאָמען:

— ח נ א...

אויף דער בירזשע פון פּועלי ציון האָט מען אונז דערווייל אַרומ־געזוכט און נישט געקענט געפינען. האָט מען פאַרשטאַנען, אַז עפּעס האָט געמוזט געשען מיט אונז און מען האָט אַרויסגעשיקט שטאַפעטן

אונז זוכן. זיי האָבן אונז געטראָפן אַרומגערינגלט פון בונדישע „שטאַר־קע״. וועלכע האָבן דערקלערט אַז זיי וועלן נישט דערלאָזן מען זאָל אונז אַוועקנעמען פון „בונד״. מען האָט זיך גענומען אַמפּערן און ס׳איז גע־וואָרן אַ גאַנצע סומאַטאָכע. באַלד האָט עמעץ אויסגענוצט די געלעגנהייט און אויסגעשריגן:

— פּאָליציי!

און אַלע זיינען זיך צעלאָפן. מיר זיינען געבליבן כמעט אַליין, פּנים אל פּנים מיט חנאָ׳ן, וועלכער איז שפּעטער פּאָפּולער געוואָרן אין אַמעריקע ווי „חנאָ דער באַוואוסטער״. ערשט דאַן האָבן מיר פאַר־שטאַנען וואָס דאָ איז געשען און מיר האָבן זיך אומגעקערט צו אונ־זער פּועלי־ציוניסטישער „באַזע״ אויף דער בירזשע. דאָס פּאַך איז אויך שפּעטער כמעט ווי געבליבן אין די הענט פון פּועלי ציון.

דער דאָזיקער שטרייק האָט אגב לאַנג נישט געדויערט. דער מייס־טער האָט באַלד נאָכגעגעבן די פּאָדערונגען. איך האָב דאַן באַקומען די פולע אַנערקענונג פון מייסטער ווי אַ פּאָלנער געזעלן און אויך דעם מייסטערס ווייב האָט גענומען אַרויסווייזן דרך ארץ. וואָס דאַרף מען מער? אפילו די דינסט, רוזשע, איז געוואָרן גאָר פריינטלעך צו מיר און געבעטן מען זאָל זי אַריינגעמען אין דער „חברה״, ווייל אויך זי איז „גרייט עפּעס צו טאָן״...

וואָס שייך חנאָ׳ן האָב איך אין מיין פּאַרטיי־טעטיקייט פון וואַר־שע נישט געהאַט מיט אים דירעקט צו טאָן. אָבער זינט דאַן האָט ער מיך שטאַרק אינטריגירט. אין דער פּאַרטיי זיינען דאַן געווען פאַר־שידענע טיפּן און קלאַסן: פון אַ פּשוטן פּראָלעטאַריער ביז טיפע אינ־טעלעקטואַלן. עס האָבן אויך נישט געפעלט קיין פּויליש־רוסיש־ריידער און סתם באַהעמען. אָבער חנאָ האָט גאָר אַרויסגערופן מער אינטע־רעס פאַר אַנדערע. ער פלעגט זיך וואַרפן אין די אויגן אומעטום און מען האָט פּשוט מורא געהאַט, אַז דורך זיין אויסזען זאָל די גאַנצע בירזשע נישט אַדורכפאַלן. זיין גאַנצער גאַנג, קליידונג, שטעקן, געקרייזלטע האָר און קאַסאַקע אויגן האָבן געקענט אַלעמען „פאַרשיטן״. עס האָט

אָבער קיינמאָל קיין מכשול דורך אים נישט געטראָפן, הגם ער האָט אַלעמאָל הויך געשריגן און קאָמאַנדעוועט ווי ביי זיך אין דער היים...

שפּעטער־צו האָב איך נישט געקענט פאַרשטיין און עטלעכע מאָל געפרעגט פירנדיקע חברים: אין וואָס באַשטייט אַזוינס חנאָ׳ס גבורה? פאַרוואָס ווייזן אים אפילו די אינטעליגענטן אַרויס דרך ארץ און מען געטרויט אים אַלע געפערלעכע שליחותן? זעט מען דען נישט, אַז ער איז אַ שטיק ווילדער פאַרשוין? דערויף האָב איך אָבער באַ־קומען אַ געהעריקן ענטפער: חנאָ האָט זיך אין דער וואַרשעווער פועלי ציון זייער בכבודיק פאַרדינט זיין זכות. ראשית כל פאַרמאָגט ער אין זיך אַן אינסטינקטיווע, כמעט חיה׳שע, לאָיאַליטעט והשנית פאַרמאָגט ער אַן אומגעווייַנטלעכע אינטואיציע אין אַן עת־צרה והשלישית, ווייסט ער וואָס עס מיינט קאָנספּיראַציע און וויאַזוי צו שווייגן... אַזעלכע דריי מעלות זיינען פאַר אַ געהיימער פאַרטיי גאָר וויכטיק.

איך האָב שוין פריער דערציילט, וויאַזוי די וואַרשעווער פועלי ציון זיינען אַרעסטירט געוואָרן אין עליאַש׳ס „קאַוויאַרניע" אויף גענשע גאַס. צווישן די אַרעסטירטע איז אויך געווען חנאָ. מען האָט אַלעמען געבראַכט אין ראַטהויז צום פאַרהער און יעדער איינער האָט באַלד באַקומען זיין שטראָף: שטאַרקע קלעפּ מיט די ביקסן־קאָל־בעס, אַ טערמין אין פּאַוויאַק, אין ציטאַדעל אָדער גאָר אין דער לאָמ־זשער תפיסה און אין דער בריסקער פעסטונג. ווען מען האָט אָבער דערזען חנאָ׳ס אויסטערלישע פיזיאָגנאָמיע האָט מען אים אויסגעטיילט באַזונדער. ער האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט צו געבן דעם מינדסטן ענטפער, ווייל ער האָט אַליין נישט געוואוסט וועלכעס וואָרט עס קען שאַדן ברענגען און וועלכעס נישט. דאָס האָט ער געהאַנדלט מער מיט דער אינטואיציע ווי מיטן געדאַנק. די פּאָליציי איז פשוט נבהל ונשתומם געוואָרן פון זיין עקשנות.

מיט דער צייט האָט מען אַלע אַרעסטירטע צעשיקט אין די פאַר־שידענע טורמעס, בלויז חנאָ איז פאַרהאַלטן געוואָרן אינעם ראַטהויז. יעדע נאַכט באַזונדער האָט מען אים שוידערלעך געפּייניקט. מען האָט

אים געשטאָכן מיט שפּילקעס אונטער די נעגל פון די פיס, געגאָסן הייסע און דאַן קאַלטע וואַסער אויפן קאָפּ... מען האָט אים אויך אַריינגעזעצט אין קאָכעדיק וואַסער, געבונדן די גרויסע הענט אויף הינטערווײַלעכץ מיט אַזאַ שטייפקייט, ביז זיי זײַנען אָנגעבלאָזן געוואָרן ווי די לאָגלען. מען האָט אים אויך געבונדן הענט און פיס, דערביי אים אויפגעהאַנגען מיטן קאָפּ אַראָפּ... ער האָט מוראדיק געשריגן פון ווייטיק און נאָכט ביי נאָכט פלעגן חברים ספּעציעל פאַרבייגיין דאָס ראַטהויז און הערן די מוראַדיקע געשרייען וואָס האָבן זיך געטראָגן ביז צו דער גאַס... אָבער דאָס רעוועון און שווידערלעכע שרייען איז געווען זיין אייציקע רעאַקציע אויף די יסורים. קיין איין וואָרט האָבן זיי פון אים נישט אַרויסגעקראָגן...

ענדלעך האָט זיך די פּאָליציי „איבערצייגט", אַז דער עקשן ווייסט טאַקע גאָרנישט. אַנדערש וואָלט ער שוין געמוזט עפּעס אַרויסגעבן. בכדי יוצא צו זיין פאַר זיך אַליין האָבן זיי אים פאַר־שיקט אויף עטלעכע חדשים אין ציטאַדעל — און פּטור... ווען ער איז אַרויסגעקומען פון תפיסה איז ער געווען אַן אַנדער מענטש: אַ שטילער און צעבראָכענער. דערצו האָט ער געהינקט אויף אַ פוס און די פיס זיינע זיינען שוין געבליבן אומנאַטירלעך־גרויס דאָס גאַנצע לעבן.

נאָך אַ זאַך: ער האָט אינסטינקטיוו דערקענט פּראָוואָקאַטאָרן. די בירזשע פלעגט אַלעמאָל זיין געפּאַקט און ס'איז שווער געווען צו דער־קענען אַ פּנים חדשות. אָבער חנא פלעגט שוין אַזעלכע אויסגעפינען און מאַכן אַ געוואַלד: שפּיאָן! דערביי האָט ער דער ערשטער אַזעלכן דער־לאַנגט מיטן שטעקן...

ער איז געווען אויסגעקאָכט מיט אַלעמען, סיי צווישן פּראָלעטאַריער און סיי צווישן דער פּאַרטיי־אינטעליגענץ. אין די רעדאַקציעס האָבן אים אַלע געקענט, פון דעם רעדאַקטאָר ביז צום שיק־אינגל. אין די שפּע־טערדיקע יאָרן האָט ער זיך באַרימט, אַז ער איז געווען מיין... „קאַרל מאַרקס", ווייל ער האָט מיך אַרונטערגענומען צום שטרייק. ביז היינ־טיקן טאָג, פריער אין אַמעריקע און איצט אין מדינת ישראל, איז ער

טריי געבליבן דער באַוועגונג אויף זיין אייגענעם שטייגער. איך בין זיך מודה אַז איך האָב אַלעמאָל געהאַט אַ שוואַכקייט פאַר אים, הגם, טיילמאָל איז פשוט שווער געווען פון אים אויסצוהאַלטן.

אָבער וועגן חנאָ׳ן וועט מיר נאָך אויסקומען געננוג צו דערציילן, ווען איך וועל האַלטן ביי מיינע זכרונות פון דער אַמעריקאַנער באַוועגונג.

די פּאַרטיי נעמט געלט ביים צאַר...

אין, אַ געוויסן טאָג האָט מען מיר מודיע געווען, אַז איך דאַרף אָפּגעבן מיין דירה פאַר אַ „סכאַדקע". איך האָב שוין דאַן געהאַט אַ באַזונדערע דירה, נישט ביי מיין ברודער, צוזאַמען מיט שמואל איינבינדער, יצחק זייגערמאַכער. צייטנווייז פלעגט אַהין קומען אויך אפרים בלומענפעלד (שפּעטער באַקאַנט אין דער ציוניסטישער וועלט ווי בלאַך-בלומענפעלד). צו דער דאָזיקער סכאַדקע בין איך שוין געווען אַ פול-באַרעכטיקטער מיטגליד און איך האָב זיך שוין געפילט לגמרי אין רשות פון דער פועלי ציון פּאַרטיי. דאָרט האָב איך, אגב, געזען דאָס ערשטע מאָל, וויאַזוי מען פירט אַ פאַרזאַמלונג מיט אַ פאַרזיצער און אַ פּראָטאָקאָל-סעקרעטאַר.

ביי דער פאַרזאַמלונג איז ענדגילטיק באַשטימט געוואָרן — הגם נישט אָפן און נישט אַז אַלע זאָלן פאַרשטיין וואָס דאָס מיינט — צו באַפאַלן רעגירונגס-קאַסעס, פּאָסט-אַמטן און באַן-קאַסעס. מיט דעם צוגעדייבטן געלט האָבן מיר געדאַרפט האָבן די מעגלעכקייט צו פירן אַ ברייטערע טעטיקייט. מיט אַ צייט שפּעטער האָט מיר שמואל איינבינדער באַפוילן, אַז איך זאָל אַריבערפאָרן אין די נאָענטע וואָקאַציע־שטעטלעד אָטוואָצק און פאַלעניץ. דאָרט האָט ער מיך געהייסן צוהיטן דעם פּאָסט-אַמט טאָג און נאַכט. איך האָב געדאַרפט איבערציילן וויפל מענטשן עס אַרבעטן דאָרט, וויפל עס קומען אַריין און וויפל עס גייען אַוועק. איך האָב אויך געדאַרפט פעסטשטעלן ווי אָפט עס קומען באַנען און ווען זיי גייען אַוועק.

איך האָב מיין שליחות געמאַכט אַזוי פּינקטלעך, אַז לויט מיינע אינפאָרמאַציעס האָט מען אַדורכגעפירט אַ געלונגענעם איבערפאַל.

דאָס איז געשען אין אָטוואָצק, וואו דער אָנפאַל איז געקומען ספּאָנטאַן און עס האָט נישט געקענט זיין קיין רייד וועגן אַ ווידערשטאַנד. אויך אַלע אַרומיקע פּרטים זיינען געווען אויסגערעכנט און אַלץ האָט געקענט אַדורכגיין אָן דעם מינדסטן אינצידענט. בלויז איינער פון די אָנטיילנע־מער האָט זיך דערשראָקן און געגומען שיסן. ער האָט דערביי פאַר־וואונדעט יאָסל זאַלצמאַנען (שפּעטער געפאַלן ווי אַ שומר אין ארץ ישראל) אין אַ פינגער און אַ צווייטן חבר, העפּטער. אַ קריסטלעכער שומר האָט דערביי פון גרויס שרעק גענומען וויינען און זיך צלמען. דער זעלבער חבר האָט געמיינט, אַז דאָס סיגנאַליזירט ער פּאָליציי און ער האָט אים דערשאָסן... איינער פון די אָנטיילנעמער האָט אַרויסגענומען די בלעכענע קאָסע פון סטאַציע און אַלע זיינען אַוועק טיף אין וואַלד. דאָרט האָט מען די קאָסע באַגראָבן אויף אַ באַשטימטן פּלאַץ, בכדי אין עטלעכע טעג אַרום צו קענען זי איבערפירן קיין וואַרשע. דער גאַנ־צער עולם איז זיך פון דאָרט צעגאַנגען אין פאַרשידענע זייטן מיט גרויס צוטרוי איינער צום אַנדערן. שפּעטער זיינען אָנגעלאָפן זשאַנ־דאַרמען, געשאָסן, גענישטערט און געשריגן ווי משוגעים. זיי האָבן אָבער קיינעם נישט געטראָפן מער.

אין עטלעכע טעג אַרום זיינען דריי חברים — צווישן זיי אויך חייקע — באַשטימט געוואָרן צו פאָרן ברענגען דעם „אוצר". זיי זיינען אַרויף אויף דער באַן און דערביי האָט חייקע אַרויסגעוויזן אַ זעלטענעם מוט: דער קאָנדוקטאָר האָט אין האַלבן שפּאַס צו איר געזאָגט, אַז זי איז ענלעך צו דעם מיידל וואָס האָט אָפּגעהאַלטן די באַן בעת דער עקס־פּראָפּריאַציע. חייקע האָט נישט פאַרלוירן דאָס גלייכגעוויכט און מיט אַ געלעכטער איז זי אַריין אין וואַגאָן אַזויווי קיינמאָל גאָרנישט... אָבער ביי דער צווייטער סטאַציע איז זי שנעל אַרונטער, יענער זאָל עס נישט באַמערקן...

שמואל איינבינדער, וואָס האָט מיר פאַרטרוילעך דערציילט די גאַנ־צע געשיכטע, האָט מיט באַדויער צוגעגעבן וועגן טראַגישן סוף: ווען מען איז צוגעקומען צו דער קאָסע איז דאָרט מער ווי פּאָסט־מאַרקן נישט געווען... איינגעשטעלט דאָס לעבן, געשאָסן אַ מענטש און פאַר־

וואונדעט צוויי חברים — אומזיסט און אומנישט... עס האָט זיך דער־נאָך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס געלט האָט אַרויסגעגנבעט שטילערהייט איינער פון אונז, וואָס האָט אין געהיים געדינט די פּאָליציי... ווי מען האָט דערציילט, איז ער דערנאָך אַנטלאָפן מיטן געלט קיין פּאַריז. „ער האָט באַקומען זיין סוף" — האָט מען מיר שפּעטער דערציילט. אָבער אין וואָס דער סוף איז באַשטאַנען ווייס איך נישט.

שפּעטער געדענק איך נאָך אַן איבערפאַל, וועלכן איך האָב גע־האָלפן אויסשפּירן. אויף דעם יסוד פון מיינע אינפאָרמאַציעס האָט מען געמאַכט אַן איבערפאַל אויף אַ פּאָסט־אַמט און אַריינבאַקומען אַ סך געלט. סיי דעם ערשטן און סיי דעם צווייטן איבערפאַל האָט די פּרעסע צוגעשריבן דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי (פּ. פּ. ס.), ווייל זי האָט כסדר געמאַכט אַזעלכע איבערפאַלן, בכדי צו האָבן די געהעריקע געלט־מיטלען. זי פלעגט אָבער מאַכן איבערפאַלן פון גרויסן פאַרנעם. באַלד אָבער האָט די פּאַרטיי פּ. פּ. ס. געגעבן אַן אָפיציעלע הכחשה, אַז די לעצטע צוויי איבערפאַלן האָט זי נישט געמאַכט נאָר אַנדערע... ווער? דאָס האָט קיינער נישט געקענט וויסן די ערשטע צייט.

באַלד אָבער האָט זיך אין דער פּוילישער פּרעסע באַוויזן אַ רוף צו די אָנפאַלער אין וועלכן מען האָט זיי אָנגעגעבן אַלע סימנים און דערביי זיי מודיע געווען, אַז ביי דעם אָנפאַל האָבן זיי אויך מיטגענומען 400 רובל פּריוואַטע געלטער, וועלכע האָבן געהערט צו דער פרוי פונם פּאָסט־פאַרוואַלטער און נישט צו דער רעגירונג... באַלד צומאָרגנס איז דערשינען אַ דעקלערונג פון דער פּאַרטיי אין דער פּוילישער פּרע־סע, וואו עס איז געמאָלדן געוואָרן אַז מיר האָבן עס אַדורכגעפירט דעם אָנפאַל און אַז די פרוי וועט צוריק באַקומען איר געלט.

דערנאָך האָט זי פּריוואַט באַקומען אַ בריוו, אין וועלכן זי איז גע־וואָרנט געוואָרן צו האַלטן די זאַך בסוד. טאָמער דערציילט זי עמעצן פונם בריוו וועט זי און איר מאַן אומגעבראַכט ווערן. אינם בריוו איז איר אָנגעוויזן געוואָרן, אַז זי זאָל אין אַ געוויסער צייט קומען אויף דער דזשעלנע גאַס, נעבן פּאָסט־אַמט. זי דאַרף גיין אָנגעטאָן אין שוואַרצן, מיט אַ וואוּאַל אויפן פּנים און אַ ווייסער בלום אַריינגעשטעקט אין לאַץ

פון מאַנטל. עס וועט אויף איר וואַרטן אַ הויכער און דאַרער מאַן מיט בלויע ברילן, אין אַ פעלערינע מיט אַ ווייסער בלום אין האַנט.

דער פּלאַן איז פּינקטלעך אַדורכגעפירט געוואָרן און זי האָט צו־ריק באַקומען איר געלט. די פרוי האָט געציטערט פון אויפרעגונג און געקושט דעם פאַרשטעלטן חבר. שפּעטער האָט די פּוילישע פּרעסע גע־דרוקט איר דערקלערונג, אַז זי דאַנקט דער פּאַרטיי פאַר איר מענטש־לעכער האַנדלונג. זי האָט צוליב קאָנספּיראַציע אָנגעגעבן, אַז די פּאַרטיי האָט איר דאָס געלט אַהיים געשיקט.

שמואל, וואָס האָט מיר דערציילט אַלע פּרטים, האָט מיר דערביי איבערגעגעבן ווי שטאַרק דאָס האָט זיך אויסגעווירקט אויף אַלעמען. אויף דער בירזשע האָט מען געשמועסט, אַז די פּ. פּ. ס. וועט זיך נוקם זיין אין אונדז פאַרן באַנוצן זיך מיט אירע מעטאָדן... איך דערמאָן זיך אָבער, אַז דער וועג פון אָנפאַלן האָט נישט אַרויסגערופן קיין באַגייס־טערונג ביי די חברים פון דער מאַסע. עס האָבן זיך געטראָגן קלאַנגען, אַז דער אַלגעמיינער צענטראַל־קאָמיטעט איז קעגן דעם און בלויז די פּוילישע חברים האָבן עס געטאָן אויף אייגענער האַנט. דער צ. ק. איז בעיקר באַשטאַנען פון רוסישע חברים, אינטעלעקטואַלן מיט ווייניק פּראַקטישע אַרבעטער־קאָנטשאַפט; בעת די פּוילישע חברים זיינען טאַקע אויך געווען מאַרקסיסטיש אָבער פּרינציפּיעלע פּאַלעסטינצעס...

אָבער דער ענין אָנפאַלן האָט זיך ראַפּטום אָפּגעשטעלט, הגם עס זיינען געווען גאָר גרויסע פּלענער פאַר גרעסערע אַקציעס אפילו אין וואַרשע גופא. איך האָב אַפילו געוואוסט פון אַן אַקציע צו וועלכער מען האָט שוין געהאַט גרייט צוויי שטאַרקע באָמבעס. זעט אויס, אַז די שטאַרקע פּאָפּולאַריטעט צוליב אַזעלכע אַקציעס איז נישט געקומען. מסתמא זיינען אויך געווען אַנדערע סיבות צוליב וועלכע מען האָט גע־מוזט איבערלאָזן דעם איבערפאַל־סיסטעם פאַר די פּוילישע סאָציאַ־ליסטן. פּועלי ציון האָט די דאָזיקע מעטאָדע תיכף אויפגעגעבן פון זיך אַליין.

איך ווער אַ „פאַרשטייער"

אײנמאָל, אין אַ שבת, איז די גאַנצע וואַרשעווער פּאַרטיי אַרויס־געפאָרן אויף אַ זומער פּלאַץ און דאָרט האָב איך געהאַט צוויי שטאַרקע איבערלעבונגען פון פּאַרטייאיש־קולטורעלן כאַראַקטער. איך האָב שוין דאַן גערעדט אַ פּליסיקן רוסיש און נאָך אַ בעסערן פּויליש. אפילו אויף דער בירזשע פלעגט מיר טיילמאָל אויסקומען צו אַגיטירן די ניי צוגעקומענע אין פּויליש און די ליטוואַקעס אין רוסיש. עס האָבן דערביי נישט געפעלט קיין קאָמישע פאַלן. איין בחור, למשל, האָט מיר נאָך אַן אַגיטאַציע, געשטעלט אַ פראַגע, אויב איך פאַרשטיי אידיש, ווייל אידיש איז אים בעסער צו ריידן. איך האָב אים געפרעגט, פאַר־וואָס ער האָט עס נישט געזאָגט פון אָנהויב, נאָר ער האָט זיך פאַרענט־פערט, אַז ער האָט זיך געשעמט.

אַ סך פון מיין קענען ביידע שפּראַכן, פּויליש און רוסיש, האָב איך געהאַט צו פאַרדאַנקען מיין מייסטערס טאָכטער. זי איז געווען אַ יונג מיידל וואָס האָט שטאַרק געוואָלט קענען לייענען אידיש. שרייבן האָט זי נישט אינטערעסירט. איך האָב זי געלערנט אידיש ובשכר זה האָט זי מיך געלערנט פּויליש און רוסיש.

אין יענעם באַשטימטן שבת האָט אויפן זומער־אָרט געהאַלטן אַ רע־פעראַט חבר ניר (ראַפּאַלקעס) אויף דער טעמע „פאַרוואָס פּועלי ציון דאַרפן אָנטייל נעמען אינעם ציוניסטישן קאָנגרעס". מיך האָט איבער־הויפּט געוואונדערט, פאַרוואָס מען דאַרף גאָר דעבאַטירן איבער אַזאַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט. די פּוילישע פּאַרטיי איז געווען אַ פּרינ־ציפּיעל פאַלעסטינסקע און זי האָט אָנטייל גענומען אין אַלצדינג, וואָס דער ציוניסטישער קאָנגרעס האָט באַשטימט. איך האָב דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן גענומען אַ וואָרט אין דער דיסקוסיע און מיט אַ נאַ־איוון טאָן געשטעלט די פראַגע: פאַרוואָס דאַרף מען גאָר דיסקוטירן

וועגן דעם ? ניר האָט זיך אָנגעכאַפּט אין דער פראַגע און גענומען אויפ־קלערן דעם עולם, אַז דער צ. ק. פון דער פּאַרטיי איז באַהערשט פון די באַראַכאָווצעס, וואָס פּרעדיקן פּראַגנאַסטישן פּועלי ציוניזם. ביי זיי איז פאַראַן אַ נויגונג נישט אָנטייל צו נעמען אין קאָנגרעס און דערפאַר וויל ער דאָ אַדורכפירן אַ רעזאָלוציע, אַז די פּוילישע פּאַרטיי וועט זיך נישט אונטערוואַרפן אַזאַ באַשלוס — אויב ער וועט זיין נעגאַטיוו.

עס האָט זיך דערביי אַנטוויקלט אַ דיסקוסיע פון וועלכער איך האָב גאָר אַ סך געלערנט. דער חבר אליהו האָט באַקעמפט ניר׳ס פאָרשלאַג און מיט אים זיינען נאָך אַ צענדליק חברים געווען קעגן אַזאַ רעזאָלוציע. איך געדענק וויאַזוי ניר איז געשטאַנען אויפן שטאַם פון אַ בוים, מיט זיינע רויטע האָר און ווייסן פּנים, אַרומגענומען מיט אַ רויטן בערדל. ער האָט געהאַלטן אַ שטעקעלע אין דער האַנט און מערקווירדיק פלינק אָפּגעשלאָגן די אַרגומענטן פון דער אָפּאָזיציע. ווען עס איז געקומען צום אָפּשטימען איז אליהו געווען איינציק מיט זיין קעגנערשאַפט. איך האָב זיך נאָך בכלל אָפּגעהאַלטן פון שטימען.

די צווייטע איבערלעבונג איז געווען דער קאָנצערט, וואָס איז נאָך דעם זעלבן טאָג איינגעאָרדנט געוואָרן. אויף מיר האָט מאָדנע גע־ווירקט, וואָס ער איז לגמרי פאַרגעקומען אין רוסיש, הגם, איך האָב די שפּראַך גוט געקענט. עד היום קען איך נישט פאַרשטיין, צוליב וואָס אונזער פּאַרטיי האָט עס געדאַרפט. הגם דער קאָנצערט איז גע־ווען אויף אַ קינסטלערישן ניוואָ האָב איך דאַן געהאַט אַ פאַרשטאַרטע הנאה. פאַרוואָס האָט מען געדאַרפט פאַרשעמען אונזער אידיש, וואָס אַלע האָבן גוט געקענט ? אָבער מיין הנאה איז אויך געווען דערמיט וואָס איך האָב דאָס ערשטע מאָל געהערט ציוניסטישע לידער אין אידיש און העברעאיש, ווי אויך דערציילונגען איבערגעזעצט אין רוסיש. דאָס איז געווען אַ סימן, אַז אונזער וואָרט דערגרייכט טעאַרעטיש אויך צו אַסימילירטע קרייזן.

ווען איך בין שפּעט אין אָוונט צוריקגעקומען קיין וואַרשע, האָט מען מיר איבערגעגעבן בסוד, אַז מאָרגן גיי איך איבער אויף „פּראַק־טישער אַרבעט". דערביי האָט מען מיך אויך געהייסן באַזוכן „בנימינס

לעקציעס" (היינט געפינט ער זיך אין ניו־יאָרק. בנימין סטאַדאָלסקי און זיין פרוי לושאַ האָבן דאַן געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין דער פּאַרטיי אויפן קולטורעלן געביט ווי אויך ביים איינפונדעווען דעם פּרינציפּיעלן פּאַ־לעסטיניזם אין דער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע). פון די דאָזיקע לעק־ציעס, אין די דאָנערשטיק־אָוונטן, האָב איך שטאַרק הנאה געהאַט און אַ סך געלערנט פון זיי. אין עטלעכע טעג שפּעטער האָט מען מיר גע־מאָלדן, אַז דער וואַרשעווער צ. ק. האָט באַשטימט פיר פּאַכן, וועלכע איך דאַרף אָרגאַניזירן און אָנפירן מיט זיי, ביז זיי וועלן זיין גרייט איבערצוגיין אין די הענט פון אַ צווייטן אָרגאַניזאַטאָר. דאָס ערשטע איז געווען מיין אייגן פאַך, פּאַסעק־מאַכער. דערצו האָב איך באַקומען אויף מיינע הענט די מעל־טרעגער, די הערינג־פּאַקער און די אַקטיאָרן פון צוויי אידישע טעאַטערס...

מיין אויפגאַבע איז געווען אַזעלכע:

איך פלעג דאַרפן גיין פון געוועלב צו געוועלב און זיך צונויפרעדן מיט די הערינג־פּאַקער. זיי פלעגן שטיין ביי די פעסלעך און פאַר־קויפן אַ געוויסן סכום הערינג צו די קליינע געוועלבלעך. אַנדערע פלעגן קויפן גאַנצע פעסלעך און מען פלעגט זיי דאַרפן צוטראָגן צו די קונים. די הערינג־געשעפטן זיינען בעיקר געווען אויף פראַנציש־קאַנער גאַס. איך האָב זיי געדאַרפט ברענגען מיט גוטן אויף דער בירזשע. טאָמער איז דאָס נישט מעגלעך געווען, האָב איך געדאַרפט ברענגען מיט זיך נאָך עטלעכע בחורים און זיי אָנשרעקן אַזוי לאַנג, ביז זיי זיינען גרייט געווען צו קומען אויף אונזער פּאַרטיי־בירזשע. דאָרט האָט מען זיי געגעבן אַן אַגיטאַציע וועגן אַרבעטער־אינטערעסן, אויסוויילן אַ פּאַרטערטערשאַפט, וואָס האָט געדאַרפט אויסאַרבעטן די באַדינגונגען פאַר די בעלי־בתים. היות ווי אַזעלכע שטרייקן פלעגן לייכט געוואונען ווערן, זיינען די אַרבעטער אויס דאַנקבאַרקייט שוין געבליבן ביי דער פּאַרטיי. כמעט אַלע פּאַכן פלעגן זיך אָרגאַניזירן אויף אַזאַ שטייגער און עס איז שוין געוואָרן אַזויוי אַ רוטין־זאַך.

די מעל־טרעגער זיינען שוין געווען גאָר אַן אַנדער עלעמענט. דאָס זיינען געווען הויכע, געזונטע יונגעלייט, וואָס דער כח האָט זיי גע־

שפּראָצט פון פּנים. האָט עס טאַקע אויסגעזען קאָמיש, וויאַזוי אַזאַ אינגל ווי איך, האָט געלערנט די גרויסע און באַבערדלטע חברה וויאַזוי צו פירן אַ שטרייק. זיי האָבן אָבער געהאַט אַנדערע מנהגים. בעת זיי פלעגן אַריינגיין אין אַ מעל־קראָם איבערגעבן זייערע פאָדערונגען, האָבן זיך טיילמאָל אָפּגעשפּילט אויסטערלישע סצענעס. על פּי־רוב זיינען אויך די מעל־סוחרים געווען מגושמדיקע אידן און גרויסע עקשנים. דערפאַר פלעגט קומען צו געשלעגן, ווי נאָר די בלוטן האָבן זיך צעשפּילט און די שטרייקער האָבן אָפּטמאָל באַגאָסן דאָס מעל מיט נאַפט. אַזויאַרום האָבן זיי געוואונען דעם שטרייק, אָבער מיר זיינען געווען קעגן אַזעלכע מע־טאָדן. מיט דער צייט האָבן די מעל־אַרבעטער באַקומען אַ שם ווי די בעסט־אָרגאַניזירטע אַרבעטער און מיר האָבן געהאַט די הנאה וואָס אויך ביי אונז געפינען זיך „שטאַרקע"...

אַ משונה'דיקע דערפאַרונג האָב איך אָבער געהאַט ביים אָרגאַניזירן די אַקטיאָרן פון די צוויי טעאַטערס. מיין מייסטראָוועס ברודער האָט זיך פאַרליבט אין אַ כאָריסטקע און נאָך דער חתונה האָט זי חשק געהאַט צו ווערן אַן אַקטריסע. איר מאַן האָט איינגעלייגט וועלטן, אַז זי זאָל עס ווערן. אָבער ערשט ווען זי האָט עס דערגרייכט האָבן זיך אָנגע־הויבן די צרות. איינמאָל, ווען איך בין געווען אויף דער בירזשע איז ער געקומען צו לויפן און מיר דערציילט, אַז בעת אַ פּראָבע האָט דער טעאַטער־דירעקטאָר אויסגעפּאַטשט זיין פרוי, ווי אויך דעם אַקטיאָר וואָס האָט זיך פאַר איר איינגעשטעלט. די אַקטיאָרן האָבן דערפאַר גע־וואָרט, אַז די פּאַרטיי זאָל זיך אָננעמען פאַר זייער כבוד.

איך בין דעלעגירט געוואָרן צום דירעקטאָר, בכדי צו פאָדערן אַז ער זאָל זיך אַנטשולדיקן עפנטלעך אין דער פּרעסע ווי אויך, אַז ער זאָל צאָלן שטראָף פאַר דער באַליידיקונג. אָבער דאָ האָב איך באַקומען דעם אמתן קבלת־פּנים. דער דירעקטאָר איז פּשוט אַריינגעפאַלן אין היסטעריע און גענומען שרייען צו זיין ווייב:

— וואָס זאָגסטו נישט צו דעם סמאַרק? — ער וועט מיך צווינגען, אַז איך זאָל זיך אַנטשולדיקן!

און צו מיר האָט ער גענומען שרייען:

— גיי אַרויס פון דאַנעט, דו אינגל... טאָמער נישט ברעך איך דיר אויס אַ פוס! איך האָב זיך ניט דערשראָקן און אים דערקלערט, אַז ער מוז זיך תיכף אַנטשולדיקן. אויב נישט, וועל איך עס איבערגעבן אויף דער בירזשע און מען וועט ביי אים קיין טעאַטער נישט שפּילן. טאָמער באַנוצט ער זיך מיט שטרייק־ברעכער און פּאָליציי וועט עס אים אויך נישט העלפן, ווייל די אַקטיאָרן וועלן באַוואָרפן ווערן מיט שטיינער אויף דער בינע...

דאָס האָט שרעקלעך געווירקט אויף זיין פרוי און זי איז פּשוט אַריינגעפאַלן אין היסטעריע. זי האָט אים געדראָט מיט אַנטלויפן, אויב ער וועט באַלד נישט אַוועק אויף דער בירזשע... עס האָט אויס־געקוקט קאָמיש, וויאַזוי דער הויכער און שיינער יונג האָט זיך גענו־מען בעטן ביי מיר, אַ אינגל, אַז איך זאָל אים נישט פאַרשעמען פאַר אַלעמען. איך האָב אים דערנאָך געפירט צו אַ העכערן פאַרשטייער און דער סוף איז געווען, אַז נאָך דעם זעלבן אָוונט האָבן זיינע אַקטיאָרן געשפּילט טעאַטער. נאַטירלעך האָט דער עולם נישט געוואוסט פון גאַנצן אינצידענט.

צוליב דעם פאַל בין איך געוואָרן זייער פּאָפּולער אויף דער בירזשע און מען האָט מיך גענומען באַטראַכטן ווי אַן אמתן אָרגאַניזאַטאָר פון די אַרבעטער.

וואַרשע ריכט זיך אויף אַ פּאָגראָם

תּיכף נאָך דער קאָנסטיטוציע וואָס דער צאַר האָט אַרויסגעלאָזט אין 1905, זיינען געקומען די טרויעריק־באַרימטע פּאָגראָמען. אויך וואַרשע האָט זיך גענומען גרייטן צו „געשעענישן". יעדער פּאַרטיי איז דאַן פאַרנומען געווען מיט צוויי זאַכן: וואַלן צו דער דומע און... דאָס אויסמיידן אַ פּאָגראָם; און טאָמער, חלילה נישט, זאָל מען כאָטש זיין צוגעגרייט ווי געהעריק. איך האָב נישט געוואוסט, אויב די זעלבסט־שוץ אין וואַרשע איז געווען פאַראייניקט פון אַלע אידישע פּאַרטייען, אָדער זי האָט זיך צעטיילט לויט סעקטאָרן: יעדער טייל פון אידישן וואַרשע זאָל געשיצט ווערן דורך אַ באַזונדער פּאַרטיי. איך געדענק אָבער, אַז עס איז כמעט נישט געווען קיין איד, פון נאָוואָליפּיע גאַס ביז דער פאַרשטאָט פּאָוואָנזעק, וואָס זאָל נישט טראָגן מיט זיך אַ שטיקל געווער אויף צו פאַרטיידיקן זיך. בכל אופן איז עס אַזוי געווען מיט די אידן וואָס איך האָב געקענט. מען האָט איינגעאיבט מיט גאַנצע גרופּעס וואָס זיי האָבן צו טאָן, אויב די צייט וועט קומען.

מיין אָפּטיילונג האָט געהאַט די השגחה אויף פּאַווע גאַס, אייגנטלעך אויף אַ טייל פון איר. מיר זיינען וואַך געווען גאַנצע נעכט. איך געדענק ווי איינמאָל האָט מען געהערט דעם אָפּגעשמועסטן סיגנאַל און עס האָט זיך געהערט אַ געשריי:

— אַרויס פון די טויערן!

אַלע זיינען אַרויס פון די באַהעלטענישן, אָבער צו קיין בהלה איז נישט געקומען. מען איז געבליבן אויף די ערטער און נישט איבער־געלאָזט די אייגענע גאַסן אויף הפקר. אַ סך פרויען און קינדער האָט מען אַרויסגעשיקט פון וואַרשע און די מענער — סיי אַרבעטער און סיי בעלי־

בתים אָדער סתם־אידן — זיינען געווען פּאַראייניקט פאַר דער פאַר־טיידיקונג.

אין מיין דירה זיינען געזעסן אויף דער וואַך גאַנצע טעג אַזעלכע חברים ווי בלאַך־בלומענפעלד, מרדכי יאַרבלום, ישכר וועשער און נאָך אַנדערע וועמענס נעמען איך געדענק נישט מער. איך האָב שוין דאַן געמעגט זיצן און צוהערן זיך צו די פּאַרטרוילעכסטע פּלענער פון דער פּאַרטיי. איינמאָל האָט מען מיך געשיקט אין דער „קאָוויאַרניע״, בכדי איך זאָל פון דאָרט בסוד רופן אַ צען מענטשן צו מיר אין צימער. דער־נאָך האָט מען אונז געגעבן אַן אויפגאַבע: מיר זאָלן מיטנעמען אַ סך געווער און דערמיט אָפּפאָרן קיין ביאַליסטאָק, ווייל עס קומט דאָרט פאָר אַ פּאָגראָם און מיר דאַרפן העלפן פאַרטיידיקן. אין מיטן וועג איז אָבער די חברים נישט געפעלן, וואָס איך פאָר מיט. זיי האָבן געהאַלטן אַז איך בין צו קליין פאַר אַזאַ אַקציע. מען וועט דאָרט דאַרפן קעמפן סיי מיט דער פּאָליציי און סיי מיט די פּאָגראָמשטשיקעס. טויג איך נישט צו אַזאַ געפערלעכע שליחות. זיי האָבן מיך אין מיטן וועג אָפּגעהאַלטן און געהייסן צוריק פאָרן קיין וואַרשע. אויפן צווייטן טאָג זיינען אויך זיי צוריקגעקומען, נידערגעשלאָגענע און מיט אויסגעלאָשענע אויגן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי האָבן פאַרשפּעטיקט. גאַנץ ביאַליסטאָק איז אַרומגערינגלט געוואָרן מיט פּאָליציי און מען האָט קיינעם נישט אַריינגעלאָזט אַהין. אונזערע חברים, צוזאַמען מיט די זעלבסטשוץ־דעלעגאַטן פון אַנדערע פּאַרטייען, זיינען געלעגן אַ גאַנצע נאַכט אויפן וועג און נישט געקענט געפינען קיין מיטל וויאַזוי אַדורכצורייסן די בלאָקאַדע פון פּאָליציי און מיליטער...

וואַרשע האָט טאַקע אויסגעמיטן דעם פּאָגראָם אָבער דערפאַר האָט שוין ביאַליסטאָק באַצאָלט מיט אידיש בלוט און קרבנות פאַר ביידע...

מיט דער צייט האָב איך באַקומען די אויפגאַבע צו רעגיסטרירן אַלע אידישע אַרבעטער אין די פאַבן, וואָס זיינען אונטער מיין אויפ־זיכט, כדי זיי צוצוגרייטן צו די דומע־וואַלן. אָבער די דאָזיקע אַרבעט איז באַלד איבערגעריסן געוואָרן צוליב עטלעכע סיבות:

ראשית כל האָט זיך שמואל איינבינדער געדאַרפט שטעלן צום

פּריזיוו. אין גיכן האָט מען אים טאָקע אָפּגעגעבן פאַר אַ סאָלדאַט. דאָס האָט אַזוי געווירקט אויף אים, אַז ער האָט חתונה געהאַט מיט חייקען און אין דער זעלבער נאַכט פון דער חתונה עוקר געווען קיין אַמע־ריקע. מיט זיין אַוועקפאָר בין איך און זיין פרוי געבליבן ווי פאַר־יתומ'ט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַלע געביידעס וואָס מיר האָבן אויסגעבויט זיינען איינגעפאַלן. דער „בונד" האָט זיך גענומען אַריינ־רייסן אין אונזערע אַרבעטן און מיר האָבן נישט געהאַט קיין כח זיך קעגנצושטעלן. גאָר אַ סך פון דער בירזשע־יוגנט האָט זיך גענומען רייסן קיין ארץ־ישראל אָדער אַמעריקע. קיינער האָט זיי נישט געקענט אָפּהאַלטן און אונזערע רייען זיינען געוואָרן שיטערער.

מען האָט קיינמאָל נישט דיסקוטירט צווישן זיך וואוהין מען דאַרף אייגנטלעך לויפן. פון זיך אַליין האָבן זיך אויסגעטיילט צוויי שטרע־מונגען. די וואָס זיינען נישט געפאָרן קיין ארץ ישראל האָבן געהאַט אַ פשוטע פאַרענטפערונג: אוודאי וואָלט מען געפאָרן קיין ארץ ישראל! אָבער, ראשית־כל, האָבן די קרובים פון אַמעריקע געשיקט שיפס־קאַרטן און עס איז נישט געווען קיין פראַגע וואו מען נעמט אויף הוצאות... והשנית זיינען די עלטערן על־פּי־רוב געווען קבצנים און זיי האָבן גע־לעבט פון די קינדערס שטיצע. דאָס פאָרן קיין אַמעריקע האָט אין אַ געוויסער מאָס גאַראַנטירט, אַז מען וועט זיי פון דאָרט ווייטער קענען העלפן אָדער גאָר אַראָפּנעמען אַהין. וואָס קען אָבער זיין אין ארץ ישראל? עס זיינען אָבער געווען אַנדערע וואָס האָבן נישט געזוכט קיין תירוצים, נאָר אויפגעהויבן זיך און געפאָרן קיין ארץ ישראל אָן שום ספיקות. פאַרשטייט זיך, אַז זיי זיינען באַוואונדערט געוואָרן פון אַלעמען, אָבער דאָס האָט נישט געקענט באַווירקן די גרויסע מאַסע... מיינע אייגענע ברידער זיינען אויך אַוועק מיטן שטראָם קיין אַמערי־קע — און צווישן זיי איז אויך געווען ראובן, נאָך וועמען איך האָב שטאַרק געבענקט.

אויסער די צוויי נאַטירלעכע ריכטונגען, אַמעריקע און ארץ־ישראל, האָט די פּאַרטיי נאָך פאַרמאָגט אַ דריטן שיכט אינטעליגענץ, וואָס האָט זיך גאָר אויפגעהויבן און אַוועקגעפאָרן שטודירן אין

אויסלאַנד. זיי האָבן שוין געהאַט אַ בפירושן תירוץ, אַז זיי מוזן איצט אָפּהאַלטן זיך פון פאָרן קיין ארץ ישראָל, ווייל דאָס לאַנד וועט זיך גיכער נויטיקן אין געענדיקטע פּראָפעסיאָנאַלן איידער אין די הילפֿ־לאָזע מענטשן. זיי פאָרן דערפאַר שטודירן דווקא צוליב דער טובה פונעם אידעאַל און ארץ ישראל...

די טיראַניע פון דער צאַרישער רעגירונג האָט זיך דערווייל פאַר־שטאַרקט און ווען מען פון מיינע באַקאַנטע איך האָב געטראָפן האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט פּלענער וועגן אַנטלויפן פריער אָדער שפּעטער פון וואַרשע. איך בין פשוט מיטגעריסן געוואָרן מיט דער שטימונג און אויך די בירזשע האָט גענומען ווערן פּוסטער און טרויעריקער פאַר מיר. איך האָב דערפאַר אָוועקגעשריבן בריוו סיי צו ראובנען קיין ניו־יאָרק און סיי צו מיינע ברידער אין קליוולאַנד, אַז זיי זאָלן מיר געבן אַן עצה וואוהין צו פאָרן. איך בין שוין אַלט געווען איבער 16 יאָר און געמוזט באַשטימען פאַר זיך וואָס איך האָב צו טאָן. קיין געלט אויף הוצאות האָב איך נאַטירלעך נישט געהאַט און איך בין פשוט געווען גליקלעך ווען איך האָב בקרוב באַקומען אַן אָנווייזונג אויף אַ שיפס־קאַרטע קיין האַמבורג . . . אָבער אַלע ברידער האָבן דערביי אויסגעדריקט איין בקשה צו מיר: אַז איך זאָל זיך פאָרן געזעגענען מיטן טאַטן און מיט דער גאַנצער משפחה איידער איך פאַרלאָז אייראָפּע אויפן וועג צו דער נייער וועלט . . .

דאָס לעצטע מאָל
אין דער היים

עס איז מיר שווער אָנגעקומען דאָס פאָרן אַהיים. אַ לאַנגע צייט האָב איך זיך אָפּגעהאַלטן, ווייל איך האָב זיך מורא געהאַט ווידער צו טרעפן פּנים אל פּנים מיט יענער היים וואו איך האָב אַזויפיל געליטן. פון דער צווייטער זייט האָט עס מיך אָבער שרעקלעך געצויגן אַהין מיט בענקשאַפט. אָבער איידער איך אַליין האָב געקענט דעצידירן, האָב איך באַקומען אַ קאַרטל פון טאַטן וואָס האָט אַ סוף געמאַכט צו מיין וואַק־לעניש. ער האָט מיך געבעטן, אַז איך זאָל זען אַריבערצוקומען קיין לאָמזשע איידער איך פאָר קיין אַמעריקע. מיינע ברידער האָבן אים געשריבן, אַז זיי נעמען מיך אַריבער צו זיך און דאָס האָט אים שטאַרק גערירט.

פון זיין קאַרטל איז אויף מיר אָנגעפאַלן אַ שטאַרקע בענקשאַפט. אַפילו די שטיפמאַמע חיה איז מיר פּלוצים געוואָרן ליב און טייער. איך בין אויך נייגעריק געווען צו וויסן, וויאַזוי די שטורמישע צייט האָט זיך אויסגעווירקט אויף דעם טאַטן און אויב ער האָט זיך בכלל געענדערט אין די פאָר יאָר. אויך אין וואַרשע גופא איז דאָס געזעגענען זיך נישט אָנגעקומען לייכט, בעיקר מיט מיין ברודער כאַצקלס הויז־געזינט. דערביי איז מיר באַשערט געווען איבערצולעבן אַ פּיינלעכע איבערלעבונג פון ראָמאַנטישן אינהאַלט.

ווען איך האָב נאָך געוואוינט ביי מיין ברודער האָט זיך דאָרט געפונען מיין שוועגערינס אינגסטע שוועסטער. זי איז געווען גאָר אַ סימפּאַטישע, אַ בלאָנדע און מיט ליכטיק־גרויע אויגן. זי האָט גענומען אַרויסווייזן צו מיר אַ נאָענט געפיל און מיר פלעגן זיך שטילערהייט טרעפן, אַרויסגיין שבת שפּאַצירן און זי פלעגט מיך אַפילו קומען זען

אויף דער בירזשע. עטלעכע מאָל זיינען מיר געגאַנגען צוזאַמען אין אידישן טעאַטער און טאַקע מיט איר האָב איך דאָס ערשטע מאָל געזען פינסקיס „די פאַמיליע צבי" און גאָרדינס „גאָט, מענטש און טייוול". ביידע מאָל האָבן מיר צוזאַמען אַדורכגעפּיבערט די פּיעסן און עס האָט זיך דערפון געשאַפן אַ נאָענטקייט צווישן אונז. זי האָט אָנגעהויבן זאָרגן פאַר מיר ווי פאַר אירס אַן אייגענעם, כאָטש פון קיין תכלית איז קיינמאָל נישט אויסגעקומען צו שמועסן. טיילמאָל האָט זי מיך אָפּגעוואַרט ביי דער פאַבריק און פּשוט מיט טרערן אין די אויגן מיך געבעטן, אַז איך זאָל אויפגעבן די פּאַרטייאישע אַרבעט, ווייל מען קען מיך חלילה אַרעס־טירן און זי וועט עס נישט קענען אַריבערטראָגן . . . זי האָט זיך אַפילו נישט געשעמט צו זאָגן, אַז הגם זי איז יינגער פאַר מיר מיט אַ יאָר איז זי גרייט צו ווערן מיין כלה אַפילו ווען אירע עלטערן זאָלן זיין קעגן. אַ היפּש ביסל צוליב איר האָב איך אויפגעהערט צו קומען צו מיינע ברידער, ווייל איך האָב אַליין נישט געוואוסט וואו איך האַלט אין דער וועלט.

איך האָב אָבער געמוזט גיין זיך געזעגענען. דערביי האָבן זיך דאָרט אָפּגעשפּילט רירנדיקע סצענעס. איך האָב שוין געזען זאַכן מיט גאָר אַנדערע אויגן ווי מיט אַ יאָר אָדער אַנדערהאַלבן צוריק. איך האָב געזען ווי די קינדער וואַקסן אויס און וויאַזוי מיין ברודער איז פאַר־האָרעוועט ביי דער שווערער פּרנסה, אַז דאָס האַרץ האָט געשניטן. וואָס וועט זיין די קינדערס תכלית? זי איז דערביי געשטאַנען און געגאָסן מיט טרערן. זי האָט זיך איצט מער נישט געשעמט צו דערציילן אַלעמען, אַז זי האָט געהאָפט צו ווערן מיין כלה און זי האָט מיך גענומען קושן פאַר אירע עלטערנס אויגן, וואָס האָבן נישט געקענט קומען צו זיך פון איבעראַשונג . . .

איך בין אַוועק פון דאָרט אַ צעבראָכענער סיי פון דער סצענע מיט איר און סיי באַווירקט פון דער גרויסער אָרעמקייט אין די צוויי צימער־לעך, אין וועלכע עס האָבן געלעבט אַריינגעקוועטשט גאַנצע דריי משפּחות. איך האָב זיך דערמאָנט אין יענע אָוונטן ווען איך האָב דאָרט געוואוינט און פאַרברענגט מיט איר, געלייענט און געשמועסט וועגן

באַוועגונגס־ענינים צו וועלכע איך האָב זי געוואָלט צוציען . . . איך בין פון דאָרט כמעט ווי אַרויסגעלאָפן, ווייל די טרערן האָבן מיך געשטיקט.

קיין לאָמזשע בין איך געפאָרן מיט אַ וואָגן, ווייל קיין באַנען זיינען דאַן כמעט נישט געגאַנגען און דערצו האָבן זיי געקאָסט טייער. דער וואָגן איז געווען אַ לאָמזשער און מיין פאָטער האָט באַצאָלט דעם בעל העגלה פאַר מיין רייזע. די נסיעה האָט געדויערט צוויי נעכט מיט אַ טאָג — און דאָס איז געווען אין מיטן ווינטער, ווען דער פראָסט האָט געברענט. מיר האָבן זיך געמוזט אָפּשטעלן ביי עטלעכע קרעטשמעס בכדי די פּאַסאַזשירן זאָלן נישט פאַרפרוירן ווערן און זיך דערכאַפּן דאָס האַרץ.

צווישן די פּאַסאַזשירן האָט זיך אויך געפונען אַ מיידל, וואָס איז זיך געפאָרן געזעגענען מיט אירע לאָמזשער עלטערן, איידער זי פאָרט קיין אַמעריקע. זי האָט געקענט מיין משפּחה און ס'איז פאַר איר געווען אַ גרויסער כבוד וואָס איך אינטערעסיר זיך מיט איר. זי איז געפאָרן קיין אַמעריקע צו אַ חתן, אָבער דאָס האַרץ האָט איר געזאָגט, אַז ער האָט שוין דאָרט אַן אַנדערע. דערפאַר איז זי געפאָרן אויף אייגענע הוצאות און זיך געשראָקן אַנצוקומען אַהין און בלייבן אַליין. זי האָט מיר דערפאַר פאַרגעלייגט, אַז זי וויל פאָרן צו מיין משפּחה אין קליוו־לאַנד און דאָרט בלייבן ביז איך וועל קומען. ערשט דאָרט וועלן מיר קענען ביידע באַשטימען וואָס מיר זאָלן ווייטער טאָן.

דאָס מיידל האָט אויף מיר געמאַכט גאָר אַ שטאַרקן איינדרוק. עס איז אויך געווען פאַרשטענדלעך: איך בין נאָך קיין זיבעצן יאָר נישט אַלט געווען און זי האָט שוין געהאַט אַדורכגעמאַכט גאָר אַ סך אַוואַנ־טורעס און געהאַט אַ ראַפינירטן קוק אויפן לעבן. זי האָט שוין מיט־געמאַכט פאַרשידענע פּאַרטיי־בירזשעס און זי איז גרייט געווען צו אַדאָפּטירן די פּועלי ציון בירזשע אויף דער צייט פון איר ווײלן אין לאָמזשע. איך האָב געגלויבט יעדעס וואָרט וואָס זי זאָגט און איך האָב גענומען טראַכטן ערנסט: ווער ווייסט? אפשר איז טאַקע באַשערט און מיר ביידע זיינען טאַקע אַ פּאָר? סיוּוי בין איך געווען בגילופין

און שוין געחלומט דערפון וויאַזוי מירביידע וועלן פאַרברענגען איבער דער צייט אין לאָמזשע . . .

אויסגעלאָזט האָט זיך אָבער גאָר אַנדערש. ווי נאָר איך האָב אַרי־בערגעטרעטן דעם טאַטנס שוועל בין איך איבעראַשט געוואָרן פון דער ענדערונג. די דירה איז שוין איצט געווען גרויס און באַקוועם. די קינדערלעך זיינען געווען אויסגעצוואָגן און ריין און דאָס גאַנצע הויז איז געווען אויסגעפּוצט. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס אַלץ איז לכבוד מיר. די שטיפמאַמע חיה האָט מיר דאָס ערשטע מאָל דערלאַנגט די האַנט. דערנאָך האָט זי מיך אַרומגענומען, צוגעדריקט צו זיך און מיט אַ געוויין פון פרייד מיך געקושט. איך האָב זיך דערפון שטאַרק פאַר־שעמט. דער טאַטע האָט בלויז אַ ברום געטאָן צו חיה'ן: נו, אידענע . . . לאָז אים שוין אָפּ! דערנאָך האָט ער מיר דערלאַנגט שלום עליכם און געזאָגט דערביי: בלייב דאָ ביז דו וועסט אָוועקפאָרן!

דאָס הויז איז אין אַ געוויסער מאָס אויפגעריכט געוואָרן צוליב דעם וואָס די ברידער פון אַמעריקע האָבן כסדר געשיקט הילף. זייער איינפלוס איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז אַפילו מיין שוועסטער חוה האָט זיך גענומען לערנען אַ מלאכה איידער גיין דינען צו יענעם. אָבער דער שענסטער גאַסט בין איך געווען ביי די קינדער. זיי האָבן פאַרלוירן די מורא פאַרן טאַטן און געפלאַטערט אַרום מיר מיט ליבשאַפט, געוויין און פרייד. איך האָב זיך דערמאָנט, וויאַזוי איך אַליין בין אַמאָל געווען אַ קינד אין זייער הויט און וויאַזוי איך האָב אין סאָקאָלע אָדער פּיאָנט־ניצע, געוואָלט זיך צוטוליען צו עמעצן — און נישט געהאַט צו וועמען . . . דאָס האָט מיך געמאַכט נאָך נענטער צו זיי. דער טאַטע האָט דערוויל פון גרויס שמחה געהייסן די תלמידים גיין אַהיים באַ־צייטנס. ער האָט מיר גליך געזאָגט, אַז זיין חדר באַשטייט איצט פון אַ העכערן סאָרט אינגלעך ווי אַמאָל. ער האָט בלויז אָנגענומען אַזעלכע אינגלעך, וואָס האָבן זיך געגרייט צו דער ישיבה. ער אַליין איז דאַן געוואָרן דער משגיח פון דער ישיבה קטנה, וואָס האָט אגב נאָך עקזיס־טירט אַ קורצע צייט. אויך דער שכר לימוד איז געווען אַ בעסערער, ווייל די עלטערן זיינען שוין געווען פון אַ העכערן קלאַס און זיי האָבן

געוואָלט אַז די קינדער זאָלן אַדורכגיין מיין פּאָטערס חדר איידער זיי גייען אַריין אין ישיבה.

עפּעס איז די גאַנצע היים געוואָרן ליכטיקער, וואַרעמער און איך האָב דאָס ערשטע מאָל אין לעבן דערפילט איר גאַנצן און ליבן טעם. איך האָב שוין כמעט ווי חרטה געהאַט פונעם גאַנצן פּלאַן אַוועקצופאָרן. דער טאַטע האָט זיך מיט מיר אַוועקגעזעצט און גענומען אויספרעגן וועגן מיין אַרבעט, דער באַוועגונג און ענלעכע זאַכן. דערביי האָט ער מיר געמיטלעך דערלאַנגט אַ תנ״כ׳ל, בכדי איך זאָל אַריינקוקן און זען אויב איך געדענק נאָך עפּעס. איך האָב גענומען זאָגן און ווי דער שטייגער דאָן איז געווען — פּאַרטייטשט אין אידיש. האָט ער מיר איבערגעריסן דאָס לייענען און געזאָגט — „פאַר מיר דאַרפסטו דעם תנ״ך ניט פאַרטייטשן״ און מיט אַ שמייכל צוגענומען דעם תנ״ך. חיה איז דערביי געשטאַנען אין אַ זייט און פאַרגאָסן טייכן טרערן... די סיבה פון איר וויינען ווייס איך עד היום נישט גענוי. אפשר האָט זי זיך דערמאָנט וויאַזוי זי האָט מיך געפּייניקט אַמאָל אומזיסט און אומנישט, בלויז דערפאַר וואָס זי איז אַליין אומגליקלעך געווען? און אפשר האָט זי איצט געהערט פון עפּעס אַן אַנדער לעבן אין די ווייטקייטן, בעת זי האָט אָפּגעפּיניצטערט אירע שענסטע יאָרן? אויך מיינע אויגן זיינען געווען פאַרלאָפן און דורך די טרערן האָב איך ראַפּטום דערזען וואָס פאַראַ בילד־שיינהייט זי האָט פריער געמוזט זיין...

איך האָב זיך נאָך נישט איינגעלעבט ווי געהעריק מיט דער נייער אַטמאָספערע און שוין האָט מיר דער טאַטע צוגעגרייט אַ נייע איבעראַשונג. ער האָט מיך פּלוצים אַ פרעג געטאָן:

— נו, פאַרוואָס גייסטו נישט אַריבער אַביסל צו דער משפּחה פון חנא שלייפער? זיי וואַרטן דאָרט אויף דיר...

כ׳האָב נישט געגלויבט מיינע אייגענע אויערן. שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז ער האָט געהאַט גרויס חשק זיך משדך צו זיין דורך מיר מיט די שלייפערס. ער האָט געהאָפט, אַז רחל לאה וועט ווערן מיין פרוי. מיט גרויס שטוינען האָב איך געהערט וויאַזוי חיה האָט מיר שפּעטער דערציילט וועגן טאַטן: ער האָט זיך געמאַכט אַ טבע אַלעמאָל

אַריינצוכאַפּן זיך צו די שלייפֿערס אין הויז. ווען ער פֿלעגט נאָר קומען אַהין, האָט ער אַרויפֿגעפֿירט דאָס געשפּרעך וועגן מיר און געהאַלטן אין איין דערציילן, וויאַזוי איך בין געוואָרן אַ מענטש מיט פֿליכטן און פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט . . . אַפֿילו וועגן דער בירזשע האָט ער געוווּסט, נאָר ער האָט געמיינט אַז דאָס איז אַ בירזשע פֿון דער פֿרומער „תפארת בחורים". וועך עס האָט אים גופא אַזוינס איינגערעדט הויב איך ביז איצט נישט אָן צו וויסן.

עפּעס איז עס גאָר געוואָרן אַן אַנדער מין טאַטע, וואָס האָט מיט אַלע כוחות געוואָלט פֿאַרלייכטערן מיין קאָנטאַקט מיט רחל־לאהן. האָט ער געוווּסט פֿון מיינע געפֿילן צו איר? מסתמא יאָ, ווייל ער האָט אַלע־מאָל פּשוט געבעטן, אַז זי זאָל צו מיר שרייבן קיין וואַרשע און זי האָט עס אים אָפּט צוליב געטאָן. ער האָט אָבער געמאַכט אַ קליינעם טעות. ביי אים איז געווען פֿאַרשטענדלעך, אַז דאָס שרייבן אירס וועט דערפֿירן צו אַ שידוך, בעת זי האָט אין מיר געזען דעם אַדרעס צו דער ווייטער וועלט, וואוהין זי וויל זיך אַרויסרייסן פֿון איר אָרעמען מעמד און אפשר גאָר דערגרייכן אַ בינע־קאַריערע . . .

דאָס נייע און מסתמא אמת'ע געשטאַלט פֿון מיין פֿאָטער האָב איך ערשט איצט דערזען אין דער גאַנצער פֿולקייט און איך האָב אויך די פֿיינלעכע זכרונות פֿון דער טיפֿער קינדהייט אָנגעהויבן צו זען מיט אַנדערע אויגן.

דעם גרעסטן ברוך־הבא האָב איך געקראָגן ביי די שלייפֿערס. די קינדער, ספּעציעל רחל־לאה און אויך די אַנדערע פֿון דער משפּחה האָבן מיך מקבל פּנים געווען מיט גרויס שמחה. איך האָב זיך גאָרנישט פֿאַר־געשטעלט אַזעלכעס. איך האָב מיט מיין שטייגער פֿון גריבלען זיך גע־נומען אַריינטראַכטן: פֿון וואַנעט קומט די דאָזיקע שמחה? כ'האָב אַפֿילו דערנאָך אויסגעפֿונען, אַז יעדער פֿון זיי האָט זיך זיין אייגענע סיבה דערצו. אָבער צוזאַמען דערמיט האָבן זיי זיך אויך משמח געווען אויפֿריכטיק פֿאַרוואָס „ישכר איז געוואָרן אַ מענטש" און קלויבט זיך צו פֿאָרן אַזש קיין אַמעריקע.

מיך האָט שטאַרק געצויגן צו רחל־לאהן, אָבער מיט איר גאַנצער שמחה האָט זי זיך געהאַלטן צוריקגעצויגן. זי האָט מיך איינגעלאַדן צו אַ חנוכה־אָוונט אין אַ גרויסן זאַל, דעם גרעסטן וואָס לאָמזשע האָט פאַרמאָגט. דער פּאָליציי־מייסטער האָט געגעבן אַ ספּעציעלע דער־לויבעניש, ווייל ער האָט דעם אָוונט באַטראַכט פאַר אַ רעליגיעזן צוליב חנוכה. צום ערשטן מאָל האָב איך געזען אַזאַ ריזיקן מאַסן־פאַרזאַמלונג פון אַזויפיל הונדערטער אידן. נאָך מער בין איך איבעראַשט געוואָרן פון דער „התקוה" וואָס רחל־לאה האָט געזונגען סאָלאָ און כ׳האָב געציטערט פון דערהויבענער אויפרעגונג ביים הערן איר וואונדערבאַרע שטימע. שפּעטער האָט זי אויסגעטאַנצט אויף דער בינע עטלעכע ביב־לישע נומערן, וואָס זי אַליין האָט אויספאַנטאַזירט. איך האָב באַלד גענומען פאַרשטיין איר צוריקגעהאַלטנקייט צו מיר: זי איז אַריין אין אַן אַנדער וועלט פון קינסטלערישע חלומות, וואָס זיינען נישט מיינע. איך האָב ביי זיך אָפּגעמאַכט מער נישט צו רעדן מיט איר וועגן תכלית, אָבער פון די שלייפערס הויז בין איך נישט אָפּגעטראָטן. אפילו באַ־וועגונגס־מענטשן האָבן מיך דאָרטן געזוכט, ווען זיי האָבן מיך געוואָלט זען. חנא שלייפער האָט נישט געהאַט דאַקעגן, הגם עס האָט געדראָט אַז זיין הויז זאָל צוליב דעם ווערן פאַרדעכטיק ביי דער פּאָליציי.

אין יענער צייט פון מיין פאַרברענגען אין לאָמזשע האָבן פּאַסירט פאַרשידענע זאַכן. ראשית כל האָט מען זיך געריכט אויף אַ פּאָגראָם. חנא שלייפער, הגם ער איז שוין געווען פון עלטערן דור, איז געוואָרן דער קאָמענדאַנט פון דער אָרטיקער זעלבסטשוץ. יעדע פּאַרטיי האָט געהאַט איר אָפּטיילונג אין דער אָרגאַניזאַציע און אַלע האָבן אים אויסגעוויילט. ער האָט מיך צוגעצויגן צו דער אַרבעט פאַר דער זעלבסטשוץ צוליב עטלעכע טעמים: ראשית כל צוליב מיין דערפאַרונג אין וואַרשע, וואו דער פּאָגראָם איז אויסגעמיטן געוואָרן, והשנית, צוליב מיין ספּעציאַליטעט צו שאַפן געלט פאַר געווער און ענלעכע שוץ־מיטלען.

איך האָב זיך טאַקע באַלד גענומען אַדורכפירן די געלט־אַקציע פאַר דער לאָמזשער זעלבסטשוץ. דער ערשטער וועג איז געווען צו אַ רייכן

שענקער, ווייל זיין זון האָט געהערט צו די פּועלי ציון. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז דאָס גאַנצע פּאַרטייאישקייט זיינס האָט נאָר דערגרייכט ביז צום געבן געלט. מיר האָבן זיך גערעכט אויף אַ גרויסע סומע און די מוטער האָט באַלד פאַרלאַנגט, אַז מיר זאָלן זי באַקומען (איך בין געגאַנגען אַהין מיט נאָך עטלעכע חברים), אָבער דער פאָטער האָט זיך אָנגעהויבן צו דינגען. נאָר די איבעראַשונג איז געקומען דווקא פון דעם זון און פּאַרטיי־חבר — אַן אוניווערזיטעט־סטודענט — וועלכער האָט זיך היסטעריש צעשריגן אויף רוסיש און דערנאָך אויף אידיש:

— גיט זיי נישט קיין קאָפּעקע, די שנאָרערס! זיי פאָרן אַלע קיין אַמעריקע — און זיי ווילן זיך צונויפשטעלן אויף די הוצאות!...

מיר זיינען דערפון אַזוי אויפגעצאָרנט געוואָרן, אַז מיר האָבן תיכף ומיד צעבראָכן צוויי טירען און פֿענסטער און דערביי צוריקגעשריגן:

— מיר וועלן נישט וואַרטן ביז די גוים וועלן אויף אייך מאַכן דעם פּאָגראָם! מיר אַליין וועלן אייך דאָ איינאָרדענען אַ פּאָגראָם ווי עס קומט אייך פאַר אַזעלכע באַליידיקונגען...

מיר האָבן נאָך אָנגעמאַכט עטלעכע שאָדנס אין שטוב און דערנאָך אַוועק ווי די זיגער און דערקלערט, אַז מיר וועלן זיי אויסמעקן פונעם צעטל בעת מיר וועלן באַטראַכטן וועמען צו שיצן אין אַן עת צרה...

פון דאָרט זיינען מיר אַוועק צום רב, און איך בין איבעראַשט געוואָרן פונעם האַרציקן קבלת פּנים וואָס די רביצין מיט די צוויי טעכטער האָבן מיר געמאַכט. זיי זיינען פּשוט געווען גליקלעך, וואָס דאָס אינגל וועמען זיי האָבן געגעבן מיט עטלעכע יאָר צוריק די ערשטע און עלעמענטאַרסטע לעקציעס, איז אויסגעוואַקסן אַ גאַנצער בחור און ער פאַרנעמט זיך מיט אַזעלכע וויכטיקע ענינים. מיר האָבן אויף טשיקאַווע גערעדט רוסיש און די רביצין האָט אונז פאַרבעטן אין זאַל אַריין אויף צובייסן. דערנאָך האָט זי זיך בייגעשטייערט מיט אַ שיינער סומע געלט און מיר האָבן זיך האַרציק געזעגנט. די טעכטער האָבן מיך געבעטן צו קומען נאָכאַמאָל פאַרן אָפּפאָרן קיין אַמעריקע, אָבער איך האָב עס ליידער נישט געקענט מקיים זיין.

די גרעסטע סאַטיספאַקציע האָב איך אָבער געהאַט ביי חנא שלייפער אין שטוב. ווען איך בין אַהין אַריינגעקומען האָב איך שוין דאָרט גע־טראָפן דעם סטודענט מיט זיין מוטער. זיי זיינען ספעציעל געקומען זען באַנטשעק מלמדס זון און מיר איבערגעגעבן אַ גרעסערע סומע געלט פאַר דער זעלבסטשוץ. דער בחור גופא האָט געבעטן מען זאָל אים מוחל זיין און אַז מען זאָל אים אַריינבעמען ווי אַ מיטגליד אין „באָיעוואָי אָטריאַד" (קאַמפּס־אָפּטיילונג). דאָס האָט מיך שטאַרק אַרויפגעהויבן אין די אויגן פון די פועלי ציון חברים, וועלכע זיינען דאָרט געווען אין אַ גרויסער צאָל און זיך געקענט אויסגלייכן מיטן „בונד".

דערנאָך האָט פּאַסירט, אַז די פּאָליציי האָט זיך דערוואוסט וועגן אַן אָרגאַניזירטן ווידערשטאַנד קעגן די פּאָגראָמען. זי האָט דערפאַר אין איין נאַכט אַדורכגעפירט אַן איבערפאַל כמעט איבער גאַנץ לאָמזשע און געבישטערט אין יעדער אידיש הויז. אין מיטן דער נאַכט האָט מען אויך אָנגעקלאַפּט ביי אונז און מיין פאָטער האָט מיך שטיל אויפגעוועקט מיט אַ פליסטער:

— דוכט זיך אַז עס איז פּאָליציי . . . וואַרף אַרויס אַלע טריפהנע זאַכן . . .

איך בין שטאַרק איבעראַשט געוואָרן פונעם טאַטנס ווערטער און זיין שטילע סימפּאַטיע פאַר מיין אַרבעט. נאָך איידער איך האָב באַוויזן עפּעס צו ענטפערן האָבן מיר געהערט דאָס קול פון סטרוזש צום פּאָליציי־קאָמיסאַר:

— דאָ וואוינט אַן אַלטער מלמד, אַ ראַבין . . . ער האָט נישט קיין איין קינד ביי זיך . . .

דערנאָך האָבן מיר געהערט ווי די פּאָליצייסקע טריט דערווייטערן זיך, קלאַפּנדיק רוישיק מיט די שטיוול אויף די טרעפּ. אין יענער נאַכט האָט מען אַרעסטירט כמעט אַלע אַקטיווע טוער פון אַלע באַוועגונגען. ווען איך בין שפּעטער אַריינגעקומען צו די שלייפערס האָבן אַלע באַ־וואונדערט מיין מזל, ווייל אין זייער הויף זיינען פאָרגעקומען אַ סך אַרעסטן. די אַרעסטירטע האָט מען געהאַלטן אין פּאָליציי־הויף אַ גאַנצן טאָג אַן עסן. די עלטערן און שוועסטער האָבן געטראָגן עסן אַהין און

קוים מיט צרות איז עס עמעצן געלונגען עפּעס איבערצוגעבן. אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט מען אַ טייל באַפרייט און אַ געוויסע צאָל האָט מען פאַרשיקט אין פאַרשידענע טורמעס. מען האָט אויך צוגערעכנט צו מיין מזל דאָס וואָס די באַפרייטע, צוזאַמען מיט חנאַ שליפּער און זיין זון אַבראַמעק, האָבן ווידער אויספּלאָנירט די פּאַרטיידיקונג.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער זיינען דאָרפס־פּויערים געקומען צו חנאַן שליפּן זייערע קאָסעס און מעסערס. דערביי האָבן זיי דערציילט, אַז דער גלח פון דאָרף האָט זיי געוואָרנט צו זיין פאָרזיכטיק, ווייל די אידן פאַרמאָגן גאָר אַ סך געווער און אַז דער פּאָליציי איז נישט געלונגען צו כאַפּן די אמתע בונטאָוטשיקעס. זיי האָבן דערפאַר באַשלאָסן אָפּצו־לייגן דעם פּאָגראָם אויף אַ בעסערער צייט. ווי איך האָב געהערט, האָבן זיי אַזאַ בלוטיקע געלעגנהייט געקראָגן אַ סך שפּעטער, ווען איך בין שוין געווען אין אַמעריקע.

אין מיטן דעם רויש פון געשעעניש האָב איך פאַרט געכאַפּט אַן ערנסטן שמועס מיט רחל לאהן, וואָס האָט זיכער געמוזט קלינגען אַ היפּש ביסל קינדיש. דער שמועס איז געקומען דורך אַ צופאַל ערב מיין אָפּפאָרן. די פּועלי ציון אין לאָמזשע האָבן זיך גראָד דאַן באַמיט צו אָרגאַניזירן אַן אומפּאַרטייאיש־פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין. היות ווי איך בין געקומען פון וואַרשע, האָב איך זיכער אַ סך דערפאַרונג אין אַזעלכע ענינים — דערפאַר האָבן זיי מיך געבעטן צו אָרגאַניזירן צוויי פאַכן.

איך האָב איבערגענומען די מולערס און די בעקער. דער בעסטער בעל מלאכה ביי די מולערס איז געווען מיינס אַ ידיד און דאָס איז געווען אַ סגולה פאַר דערפאָלג. אויך דער בעסטער בעקער האָט גע־וואוינט אין אונזער הויז און ביידע זיינען געווען מיין פאָטערס תלמידים. איך האָב זיך מיט זיי געטראָפן אין „נאַראָדני דאָם", אַ פאַרוויילונגס־הויז וואָס איז געשאַפן געוואָרן מיט דער הילף פון דעם פּאָליציי־מייסטער. דאָרט אַהין פלעגט אויך קומען רחל־לאה, וואָס איז שוין געווען צווישן די פּאָפּולערסטע מיידלעך אין שטאָט. זי איז שוין דאַן געגאַנגען אין גימנאַזיע־מונדיר, אין וועלכן זי איז נאָך שענער געוואָרן.

ווען זי האָט מיך דאָרט דערזען, האָט זי מיר געזאָגט אַז זי וויל זיך מיט מיר אַדורכשמועסן איידער איך פאָר אַוועק. אָבער ווי נאָר מיר האָבן זיך אָוועקגעזעצט זיינען צוגעקומען די דעלעגאַטן פון די בעקער און מולער און זיך געהאַלטן אַן עצה מיט מיר. דאָס האָט ביי רחל־לאהן אַרויסגערופן גרויס דרך־ארץ צו מיר. דערנאָך האָט זי מיר אָנגעהויבן דערציילן, אַז איר איז שוין נמאס געוואָרן לאָמזשע, די גימנאַזיע און אַפילו די בחורים וואָס דרייען זיך אַרום איר. צו מיר האָט זי צוטרוי און האָפט, אַז איך וועל זי אַרויסשלעפן פון קליינשטעטלדיקן זומפּ. אויב איך וועל איר העלפן, וועלן מיר אפשר זיין אין דער צוקונפט צוזאַמען. בעיקר וויל זי אָבער ווערן אַ זינגערין און אַ טענצערין. אַן דעם קען זי נישט לעבן. זי וועט איר אַמביציע נישט אויפגעבן אויב אפילו זי זאָל דאַרפן עמעצן פאַרלירן וועמען זי האָט שטאַרק ליב...

מיר האָבן אַזוי לאַנג געשמועסט, ביז מען האָט אונז אַרויסגעטריבן פון „נאַראָדני דאָם", וואו די מוזיק האָט געשפּילט און ס'איז געווען אַ מחיה צו פאַרברענגען. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי וועט מיין וועג נישט מיטמאַכן און איך האָב זיכער געמוזט אויסזען גאָר טרויעריק. גייענדיק אַהיים האָט זי דעם גאַנצן וועג שטאַרק געוויינט, פאַרוואָס זי מוז צושטערן מיינע האָפענונגען. אָבער מיר איז פון גאַנצן שמועס לייכטער געוואָרן אויפן האַרץ. איצט האָב איך קלאָר געוואוסט וואו עס האַלט מיט איר און אירע אַמביציעס. די גאַנצע צייט, בערך עטלעכע וואָכן, וואָס מיר איז נאָך אויסגעקומען צו זיין אין לאָמזשע האָבן מיר ווייטער אָנגעהאַלטן גוטע פריינטשאַפט און איר ברודער אַבראַמעק האָט מיך כסדר געמוטיקט, אַז איך זאָל נאָכאַמאָל מיט איר שמועסן. אויך אירע עלטערן איז געגאַנגען אין לעבן, אַז מיר זאָלן ווערן אַ פּאָר. איך האָב אָבער באַשלאָסן מיט מיין גאַנצער עקשנות מער דעם ענין נישט צו באַרירן.

און וואָס איז געוואָרן מיט דעם מיידל, וואָס איז מיט מיר געקומען פון וואַרשע אויפן וועג קיין אַמעריקע? אין די לעצטע פּאָר וואָכן האָב איך גוט פאַרבראַכט אין הויז פון מיין מומע רייזע. זי און איר מאַן זיינען געווען אַ טייער פּאָרל און זיי האָבן מיך שטאַרק ליב געהאַט.

האָט זיך דאָס מיידל מיישב געווען און אַהין געקומען צו גאַסט איין נאַכט נאָך דער אַנדערער. זי האָט זיך פאַר זיי פאַרטרויט, אַז איך געפעל איר זייער, אָבער די צרה מיט מיר איז וואָס איך האָב שוין „חתונה געהאַט מיט אַ פאַרטיי״. זי האָט זיי אויך דערציילט, אַז זי פאָרט אַוועק פריער, ווייל זי וויל זיך מיט מיר נישט צונויפטרעפן מער. מיין מומע מיטן פעטער האָבן נישט געפּרואווט אויף איר ווירקן, ווייל זיי האָבן געהאַלטן אַז זי איז פאַר מיר נישט קיין פּאָר.

די לעצטע טעג בין איך אַהיימגעקומען גאָר שפּעט, אָבער איינמאָל האָב איך אַלעמען געטראָפן וואַך און איך האָב דערפילט ווי אַלע טראָגן מיר אַנטקעגן זייער וואַרעמקייט. דאָס ערשטע האָט אָנגעהויבן מיין פאָטער מיט אַ שמייכל:

— איך האָב נאָר וואָס אַוועקגעשיקט פון דאַנעט אַ שדכנטע . . . זי איז געקומען רעדן דיר אַ שידוך, האָב איך איר געזאָגט אַז דו האָסט שוין אַ כלה — רחל־לאהן. אויב דערפון וועט גאָרנישט ווערן, וועלן מיר שפּעטער רעדן . . .

מיין פאָטער האָט מיר דערביי געגעבן אַן עצה נישט צו פאַרדרייען זיך אַ קאָפּ מיט אַן אַנדערער, אויב זי וועט אַפילו האָבן אַ סך נדן . . . די שטיפמאַמע חיה האָט מיך דערביי אָ פרעג געטאָן, אויב דער טאַטע האָט גוט געהאַנדלט. איך האָב זיך פאַרלוירן און גלייכצייטיק באַוואונדערט מיין פאָטער פאַר זיין פאַרשטענדעניש. אָבער דעם שמועס האָב איך אַוועקגעפירט אויף אַנדערע טעמעס, דהיינו: זאָל דער טאַטע בעסער זען דעם איד, וואָס פירט אַריבער די גרענעץ קיין דייטשלאַנד . . .

אויף צומאָרגנס האָב איך געבעטן אַבראַמעקן, אַז ער זאָל אַוועקשיקן אַ שטאַרקן בריוו קיין האַמבורג בכדי מען זאָל מיר אַרויסשיקן די שיפס־קאַרטע. ער האָט טאַקע אָנגעצאַצקעט אַ בריוו אין אַלע דריי שפּראַכן מיטן זעלבן איהאַלט און „זיי״ דאָרט באַשוואוירן ביי דער „נאַטור״ (מעשה אויפגעקלערטער . . .) אַז זיי זאָלן תיכּף נאָכקומען מיין פאַרלאַנג. די „נאַטור״ האָט טאַקע געהאָלפן און איך האָב טעלעגראַפיש באַקומען די אָנווייזונג, וויאַזוי צו קומען קיין האַמבורג . . .

איצט האָב איך שוין געוואוסט אויף זיכער אַז איך פאָר.

איך געזעגן זיך
מיט מיין היים

די לעצטע פּאָר טעג ביז צום שוואַרצן די גרענעץ האָבן זיך געצויגן ווי יאָרן. איך האָב ניט געוואוסט וואָס פריער צו טאָן פּאַר גרויס אומגעדולד. די דאָזיקע טעג האָבן מיר געוויזן דעם טאַטן גאָר אין אַן אַנדער ליכט. איך האָב שוין באַצייטנס געגומען בענקען נאָך אים, הגם מיר זיינען נאָך געווען צוזאַמען. עס איז מיך באַפאַלן אַ טרויער און איך האָב פּלוצים געגומען האָבן רחמנות אויף אים. דערביי האָב איך מיטאַמאָל ליב באַקומען זיין יעדן שטריך. אויך חיה איז צו מיר געוואָרן אַזויווי אַן אייגענע מאַמע און עס האָט אויסגעזען, אַז זיי ווילן מיר אָפּגעבן די גאַנצע היימישקייט וואָס איך האָב פאַרלוירן אין מיינע קינדערישע יאָרן. איבערהויפּט האָבן מיך גערירט די קינדער און ווען זיי פלעגן זיך צו מיר צוטוליען בין איך זיך פאַרגאַנגען אין אַ געוויין פאַר גרויס מיטלייד צו זיי און צו מיר.

איך האָב פּשוט מורא באַקומען, אַז איך וועל זיך נישט קענען מער אָפּרייסן פון דער היים און צוליב דעם געוואָלט זיך באַצייטנס אָפּגעוויינען פון דער ראַפּטומדיקער וואַרעמקייט וואָס איך האָב דאָרט באַקומען. דערפאַר האָב איך געזען וואָס מער צו זיצן ביי די שלייפערס. איך דערמאָן זיך, וויאַזוי איך האָב אין יענע לעצטע טעג ליב געהאַט צו שטיין ביים פענצטער פון זייער שטוב, קוקן אויפן פראָסט וואָס האָט באַדעקט די שויבן און ווייגען, וויינען אָן אַן אויפהער . . . טיילמאָל האָב איך צוגעלייגט מיין הייסן שטערן צו די אייזיקע שויבן און דער פראָסט פלעגט שמעלצן אונטער מיין הייסן אָטעם. קיינער האָט מיך נישט געפּרואווט טרייסטן און אַלע האָבן מיך געלאָזט צורו . . .

איינמאָל, שטייענדיק ביים פענצטער, האָב איך פּלוצים דערפילט ווי אַ צאַרטע האַנט באַרירט מיינע האָר. איך האָב אויפגעציטערט און

דערזען רחל־לאהן, זי האָט אויף מיר געקוקט מיט זאָרג און געבעט אין די אויפגעריסענע אויגן. זי האָט דערביי שטיל אַ העשע געטאָן:

— סובער, אויב איך בין אין עפּעס שולדיק — זיי מיר מוחל! איך בין איצט גרייט אויסצובעסערן מיין פעלער, אויב דו ביזט גרייט צו וואַרטן כאָטש נאָך עטלעכע חדשים!

איך האָב אָבער געוואוסט ביי זיך, אַז נישט זי איז איצט די סיבה פון מיין צעבראָכנקייט, נאָר דער דרך ארץ און רחמנות צום טאַטן. אָט זע איך אים שוין כמעט אינגאַנצן גרוי, אַ האַלב־געבראָכענער . . . און וואָס פאַר אַ נחת האָט ער פון מיר, זיין אינגסטן זון? דער לעצטער פון זיינע קינדער, וואָס ער האָט געהאַט מיט זיין ערשטער פרוי, לאָזט אים איבער גראָד דאַן ווען ער וויל אויסבעסערן די טעותים פון זיינע אַמאָליקע יאָרן — הגם ערשט איצט וואָלט ער געקענט אָנהייבן אַ שיין, געטריי און שטיל לעבן מיט זיינע קינדער . . . אפילו דעם שידוך וואָס ער האָט געוואָלט, איז אים נישט געלונגען צו דערפירן צו אַ גמר!

איך האָב זיך שנעל באַהערשט, אויסגעווישט די אויגן . . . רחל־לאה האָט מיר אויסגעווישט די לעצטע טרער און מיך געבעטן צו זאָגן איר מיין לעצטן באַשלוס. אָבער אין דער מינוט האָב איך פאַרלוירן אַלע געפילן צו איר. עס איז מיך גאָר באַפאַלן אַ שטאַרקער חשק תיכף אַוועקצוגיין און זיין מיטן טאַטן, מיט חיה'ן, מיט די קינדער . . . אייגנס איז פאַרט אייגנס! איך האָב זיך דערפאַר מיט איר גאָר שנעל געזעגנט און אַרויסגעלאָפן פון באַליבטן הויז. איך בין גאָר געלאָפן צו יענער היים, וואו איך האָב איבערגעלעבט אַזויפיל צער, אַזויפיל קלעפּ און אַזויפיל פיין . . . אָבער די ליבשאַפט פאַר איר האָב איך נישט געקענט אויסרייסן פון האַרץ.

אין דער היים זיינען אַלע געווען אויסגעפּוצט אַזויווי צו אַ חתונה. דער מאָלצייט איז געווען יום־טוב'דיק און די גאַנצע שטוב האָט זיך באַמיט צו פאַרטרייבן דעם טרויער פון צעשיידונג. דער טאַטע האָט זיך גענומען אויסזינגען עטלעכע קאַפּיטלעך תהלים און די קינדער האָבן אים פריילעך אונטערגעהאָלפן: זאָל זיין לעבעדיק! פּלוצים האָט זיך דער טאַטע דערמאָנט:

— ישכר ... עס ווערט שפעט, מען דאַרף שוין גיין ... דער פורמאַן וואַרט! ער וועט דיך אַריבערפירן די גרענעץ און מיר האָבן שוין אַלץ איינגעפּאַקט פאַר דיר.

אין דער מינוט איז די גאַנצע שטימונג פון פריידיקער פייערלעכקייט נעלם געוואָרן און עס האָט אויסגעבראָכן אַ גרויס געוויין. מער פון אַלעמען האָט געוויינט חיה. איך האָב מיטגעוויינט מיט אַלעמען און זיך איילעוודיק צעקושט מיט יעדן באַזונדער און איך בין מיטן טאַטן אַרויס צו דער פור ... איידער איך בין אַרויף אויפן וואָגן האָב איך נאָכאַמאָל אַ קוק געגעבן אויפן טאַטן און דערזען, אַז ער האָט צוריק באַקומען זיין האַרט־עקשנותדיקן אויסזען. דער שמייכל פון זיין פּנים איז פאַרשוואונדן און איך האָב באַמערקט אַז די קאַלטקייט איז אַ געמאַכטע, אַ קינסטלעכע ... מער האָט ער מיך נישט געקענט אָפּנאַרן. דאָס האָט ער בלויז געוואָלט באַווייזן, אַז ער פאַלט נישט אַריין אין קיין היסטעריע ווי אַ אידענע. ער האָט אָנגענומען מיין האַנט, וואָס איז אַזויווי פאַרלוירן געוואָרן אין זיינער און געזאָגט קאַלט און רואיק:

— ישכר, דאָ האָסטו אַ פּאָר וועקסלען פון מיינע פריינט וועלכע געפינען זיך איצט אין אַמעריקע. מאַן אויף די פּאַר גילדן, ווייל דו וועסט זיי דאַרפן און ... זיי אַ איד! לכל הפּחות נישט ערגער ווי דו ביזט דאָ געווען ...

איך האָב אים געוואָלט עפּעס ענטפערן און נישט געקענט. אין האַלדז האָט געשטיקט ... איך געדענק, אַז איך האָב זיך בלויז אויפגעהויבן אויף די שפּיץ פינגער און אים געוואָלט אַ קוש טאָן. ער איז אָבער געשטאַנען אַ הויכער, אַן אויסגעגלייכטער זייל און מיינע ליפּן האָבן בלויז באַרירט דעם שפּיץ פון זיין באָרד. דערנאָך בין איך אַרויפגעלאָפן אויפן הויכן וואָגן, וואָס האָט אין דער זעלבער רגע זיך גערירט פון אָרט ... איך האָב דערנאָך באַמערקט ווי פון דערווייטנס שטייען רחל־לאה מיטן ברודער און קוקן מיר נאָך.

די נאַכט איז געווען אַ קאַלטע און אַ קלאָרע. אַ מחנה שטערן האָבן שפּאַצירט אַרום אַ שיינער, ליכטיקער לבנה און מיר האָט זיך אויסגעזען, אַז גאַנץ לאָמזשע שמעקט איצט מיט גאָר אַ באַזונדערן ריח

וועלכן מען דאַרף איצט איינזאַפּן אין זיך צום לעצטן מאָל . . . דער וואָגן האָט זיך געגליטשט איבערן אַלטן מאַרק, וואָס איז געשטאַנען אין זיין אָרעמער איינגעפאַלנקייט אַזויווי אין מיינע קינדער־יאָרן. אָבער פאַר מיר איז ער פלוצים אויסגעוואָקסן, געוואָרן רייצנדיק און ליב, געוואָרן אייגן ווי עפּעס אַ טייל פון זיך אַליין וואָס מען קען מער קיינמאָל נישט פאַרגעסן . . .

און איך האָב נישט פאַרגעסן . . . די נאַכט הינטער דער שטאָט האָט מיר אָנגעזאָגט אַז איך פאָר, אַז איך לאָז זיך אין אַ ווייטער און נייער וועלט. אָבער די אַלטע איז מיר נאָכגעגאַנגען, געיאָמערט און געוואַרעמט מיין נשמה ביז אין די עלטערע יאָרן אַריין, ביז אַצינד.